This is a reproduction of a library book that was digitized by Google as part of an ongoing effort to preserve the information in books and make it universally accessible.

Google books

https://books.google.com

# פון דער וועלט
# און יענער

פון

יהואש

Digitized by Google

WIDENER
HN RT2L X

Y 2525.68.7

Harvard College
Library

*The Gift of*
LUCIUS NATHAN LITTAUER
*Class of 1878*
IN MEMORY OF HIS FATHER
NATHAN LITTAUER

FROM THE LIBRARY OF
EPHRAIM DEINARD

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

יהואש

# פון דער וועלט און יענער

ניו יאָרק
פערלאַג „יהואש"
1918.

Digitized by Google

Y2525.68.7

HARVARD COLLEGE LIBRARY
GIFT OF
LUCIUS N. LITTAUER

# Of This World and The Other

by

YEHOASH

Yehoash Publication Society
85 Canal Street
New York.

*Copyright 1913, by S. Bloomgarden, New York.*

Digitized by Google

# אינהאַלט

## אַרום שוהל־הויף


ק י נ ד ע ר ........................... 5
דער זיידע זלמן........................ 11
פריהע עלטער........................... 21
צו חומש־זאָגען ....................... 29
הייליגע מאָהן ........................ 37
צו דרייצעהן יאָהר..................... 45
אַ חלק לעולם הבא ..................... 54
צום שלימזל............................ 61


## צדיקים


קידוש השם ............................ 71
דער איבערגעשראָגענער בית עולם ........ 77




Digitized by Google

## שווארץ און ווייס


ז ו נ ד ע ל ........................ 89
ק א מ ע ר א ד ע ן ........................ 97
שטומע קאנקורענטען ........................ 102
דער פראקטישער מענש ........................ 111
„ח ע נ ע ס י“ ........................ 116
א פאסירונג ........................ 125


## גייסטער


די געשיכטע פון א בילד ........................ 133
די נשמה פון דער גרויסער גלאק ........................ 147


## מעשה'לעך


דער פערשאלטענער פויגעל ........................ 159
דער טעלעגראף־סלופ ........................ 163
דער אקאציענבוים ........................ 166
דער מוסטער־גארטען ........................ 169
דער שטערן ........................ 172
א הונד ........................ 174
פייער־פליעגען ........................ 176
דער גלגול ........................ 178
דאס קרויט־בלאט ........................ 179
דער זומער־פאדעם ........................ 180
די אונגעריכטע נסיעה ........................ 182
וואס איך דערצעהל זיך אליין ........................ 183

# מיין פריינד דער מענשענקענער


ווער ער איז ... 191
געהיימניס ... 198
טראכטען און ריידען ... 204
איינזאמקייט ... 210
נאכאהמונג ... 217
דער מאמענט ווען מע ווערט אלט ... 223
געבורט און ענטוויקלונג פון געדאנקען ... 228
די נייע צייט־רעכענונג ... 233
מיטלייד ... 238
געני ... 245


## פערשיעדענעס


אונזערע שדים ... 253
קרח'ס ביאגראפיע ... 258
כבוד פאר רעדוצירטע פרייזען ... 263
חשבון הנפש ... 267
„לייבאר־דעי" ... 273
דאנקגעבונג ... 277
זמן חרותנו ... 281
„עס לעבע דאס לעבען!" ... 286


## שפליטער


שפליטער ... 295

# פון דער וועלט
# און יענער

Digitized by Google

Digitized by Google

# אַרום שוהל-הויף

Digitized by Google

Digitized by Google

# קינדער

מען האָט געהאַלטען ביים ענדיגען דאַוונען מעריב, או פון פערשיעדענע ווינקלען פון דער האַלב־בעלויכטע־נער קלויז האָבען זיך איינציגווייז ארויסגערוקט א האַלב דוצען קליינע אינגלעך און זיך אַרומגעשטעלט אַרום עמוד — גרייט צו זאָגען קדיש... איטליכער האָט געזוכט צו פערכאַפּען דעם בעסטען פּלאַץ — וואָס אַם נעהנטסטען צו דעם בעל תפלה, און די קליינע מחנה פון יתומים האָט זיך געשטופּט און געשטויסען.

פון א זייטיגער באַנק האָט זיך אויפגעהויבען אַן אַלטער איינגעבויגענער איד, מיט רויטע אויגען און א גרויען האַלב־אויסגעקראַכענעם בערדעל, און האָט צוגע־פיהרט פאַר דער האַנד א קליין מיידעלע פון א יאָהר אַכט מיט העלע לאַכענדיגע אויגלעך, און בלאָנדע הערע־לעך וועלכע זיינען געווען פערפלאָכטען אויף הינטען אין א קליינעם צעפּעל און זיך געענדיגט מיט א גרויסען בלויען שלייף.

די קליינע האָט שטיל און אָפּגעבראָכען געלאַכט,



Digitized by Google

און זיך שעמעווריג געטוליעט צו דער לאנגער פערשמאל־צענער קאפאטע פון דעם אלטען.

נעבען עמוד, האט דער אלטער אויפגעעפענט א סדור מיט גרויסע אותיות, און געהייסען דער מיידעלע איהם האלטען פעסט מיט ביידע הענטלעך, כדי ער זאל ניט ארויספאלען.

— אט דא זאג — האט ער איהר אנגעוויזען אויפ׳ן קדיש, און האט זיך דערביי אראפגעבויגען אזוי טיעף אז ער איז כמעט געווען מיט איהר אין איין הויך — אט דא, יתגדל ויתקדש...

די אינגלעך ארום עמוד האבען מיט גרויסע אויגען אנגעקוקט די נייע קאנקורענטקע און די שטויסעריי האט אויפגעהערט.

יחיאל׳קע, דער עלטסטער און שטארקסטער פון זיי אלעמען, א אינגעל א יאהר ניין מיט שווארצע קרויזינגע הערלעך און ברוינע לעבעדיגע אויגען, וועלכער האט שוין בעוויזען פערכאפען דעם אויבען־אן, און האט מיט זיינע אבגעבערענטע רונדע הענטלעך זיך געקלאמערט אן דעם עמוד — האט געווארפען א קרומען אונצופרידענעם בליק אויף דער נייער קדיש־זאגערקע.

ער האט בכלל פיינט געהאט מיידלעך און פלעגט זיינע אינגערע שוועסטער אנטהאן געבערענטע ליידען ווען זיי פלעגען זיך שפיעלען מיט זייערע חבר׳טעס. ער פלעגט זיך שפיעלען בלויז מיט אינגלעך.

אז מיידלעך קענען אויך זאגען קדיש, גלייך ווי אינגלעך, האט ער קיינמאל ניט גערעכענט. זיין שטאלץ — דער שטאלץ פון א קליינעם יתום וואס זאגט קדיש



Digitized by Google

פאר'ן עמוד און גרויסע אידען מיט בערד מוזען איהם ענטפערען „אמן" — האט זיך געפיהלט שטארק גע־קרענקט.

ער האט די נייע קדיש־זאנגערקע בעקוקט פון קאפ ביז די פיס און האט זיך אפגעשטעלט אויף דעם בלויען שלייף אין איהר בלאנדען צעפעל, וועלכער איז איהם שטארק געפעלען.

די קליינע האט נאך אלץ געלאכט און זיך נאך מעהר געשעהמט און געטוליעט מיט איהר קליינעם קערפער'ל צו דעם אלטען אידען וואס איז נעבען איהר געשטאנען.

— וואס פאר א שעהן שלייפעל זי טראגט — האט יחיאל'קע געטראכט, און דאן האט ער זיך ארויסגערוקט אהינטער, און האט געזאגט, איהר אפטרעטענדיג זיין פלאץ:

— קום, שטעל זיך דא. — ער האט זיך געשטעלט סאמע הינטער איהר און זאגענדיג אליין זיין קדיש אויס־ווענינ, צוזאמען מיט די איבעריגע אינגלעך, האט ער גע־האלטען זיינע אויגען אויף דעם סדור פון זיין שכנה און איהר צוגעטייטעלט מיט זיין פינגער, כדי זי זאל זיך ניט צומישען.

נאכ'ן קדיש, ווען זיי זיינען ארויס אויפ'ן שוהל־הויף, אין דעם שטילען זומער־אבענד, האט זי יחיאל'קע גע־פרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

— חנה'לע.

— וועסט אלע טאג קומען?



Digitized by Google

— דער פעטער זאָגט, אַלע טאָג — האָט זי אָנגעצייגט אויף דעם אידען מיט די רויטע אויגען וועלכער איז גע־גאַנגען פאַראויס מיט נאָך איינינע בעלי־בתים.

— איך וועל דיר אַלע טאָג לאָזען שטעהן נאָהנט צום עמוד — האָט יחיאל׳קע גרויסמוטהיג זיך אָנגעשלאָגען — אָבער דו מוזט זאָגען אויף אויסווענינ. די אינגלעך לאַכען ווען מען זאָגט פון סדור...

חנה׳לע האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע לאַכענדיגע אויגען :

— אָבער איך קען ניט...

— וועסט זיך אויסלערנען... איך האָב אויך ניט גע־קענט, האָב איך געקוקט אין סדור און ווען איך האָב איין שורה געוואוסט האָב איך די אויגען צוגעמאַכט, אָט אַזוי — דערביי האָט ער צוגעדריקט די אויגען — און נישט געקוקט אין סדור ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט צו זאָגען ווי א וואַסער... איך קען אפילו „רבנן־קדיש" אויך... אָבער דו דאַרפסט ניט „רבנן־קדיש", דאָס איז נאָר פאַר מאַנסבילען — האָט ער צוגעלעגט מיט א גע־מיש פון שטאָלץ און רחמנות.

די קליינע האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערנסטער בע־וואונדערונג.

יחיאל׳קע האָט הפנים געשפּירט אַז אין דער מיי־דעל׳ס אויגען איז ער א גוואַלדיגער העלד און האָט בע־שלאָסען אַרויסצו־ווייזען זיך פאַר איהר אין זיין גאַנצער גרויסקייט :

— איך מאַך פייפלעך אויך — האָט ער געזאָגט, און באַלד האָט ער אַרויסגענומען פון זיין הויזען־קעשענע א

קליין פייפעל געמאכט פון גרינע ווערבע און געטהאן א הילכיגען פייף.

חנה'לעס אויגען האבען געשטראהלט פון ענטציקונג.

דער פייף האט צוגעצויגען די איבעריגע קליינע קדיש־זאגער וועלכע זיינען נאכגעגאנגען א פאר טריט הינטער זיי, זיך צוהערענדיג צו דעם געשפרעך און ניט ארונטער־געהמענדיג די אויגען פון חנה'לע. א קלייניקער רונדינ־קער אינגעלע פון א יאהר זיעבען מיט רויטינקע בעקלעך און געלע האר האט זיך דערנעהנטערט צו דער קליינער:

— איך האב א מעסער'ל מיט פיער קלינגלעך און איך קען שווימען — האט ער געזוכט איבערצושטייגען יחיאל'־קען.

— איך האב צוואנציג פערלמוטערנע קנעפלעך, און איך האב אין דערהיים א קליין וועגעלע אויף פיהרען זאמד — האט דער איינגסטער פון דער גרופע זיך גע־ריהמט.

חנה'לע איז קיינמאל ניט געוועזן אין אזעלכע קאמע־ראדשאפטליכע בעציהונגען מיט אינגלעך. זי האט תמיד פאר זיי מורא געהאט. זייער שכנ'ס אן אינגעל, איצקע, פלעגט זי שטענדיג רייסען פאר'ן צעפעל, צוואורפען איהרע זאמדענע חלות און זי רופען „חנה די פאנע" — וואס האט זי געערגערט ביז'ן טויט. זי האט דארום שטארק זיך געפיהלט געשמייכעלט מיט איהרע נייע בעקאנט־שאפטען, און געכאפט התפעלות פון זייערע גרויסע עשירות'ן און העלדישקייטען...

און אין הארצען האט זי בעשלאסען צו ווערען גלייך מיט אלע אינגלעך. דערהויפט אויסלערנען קדיש אויף



Digitized by Google

אויסוועניג, און אפילו א „רבנן־קדיש" אויך — הגם זי האָט אייגענטליך ניט קלאָר געוואוסט אויב א „רבנן קדיש" איז אויך א מין קדיש, אָדער א זאָרט „גמרא", דאָס וואָס איהר טאַטע פלעגט שטענדיג לערנען...

זי איז געגאַנגען אין מיטען און אַרום איהר די זעקס נייע פריינד איהרע, און איהר קליין קינדערש הערצעל איז געווען אָנגעפילט מיט גליק...

די אינגלעך זיינען אַלע געווען אויפגעראַמט און האָבען קענטיג אויך אָנגעקוואָלען פון זייער נייער חבר'טע.

זיי האָבען אַלע גערעדט אויפ'ן קול און איטליכער האָט געזוכט וואָס מעהר נושא חן צו זיין ביי דער קליינער קדיש־זאָגערקע...

די פראָצעסיאָן האָט געדויערט ביז דעם הויז וואו דער אַלטער איד און דאָס מיידעלע האָבען געוואָהנט...

און די זומערדיגע נאַכט פון דעם קליינעם שטעדטעל איז אזוי ווי פּאַרפומירט געוואָרען מיט וואונדערליכע בשמים אַרום דער קליינער גרופּע.

ווען די קליינע איז שוין געווען אין פירהויז האָט זי געהערט ווי יחיאל'קע שרייט איהר נאָך:

— איך וועל דיך מאָרגען אויך לאָזען שטעהן נעבען עמוד...

.1911



Digitized by Google

# דער זיידע זלמן

ווען איך בין געבאָרען געוואָרען, איז שוין מיין זיידע זלמן געווען אויפ'ן עולם האמת. והראיה, אז איך הייס נאָך איהם א נאָמען. קיין בילד איז פון איהם ניט געבליבען. אין יענער צייט האָט מען נאָך אין אונזערע מקומות פון קיין פאָטאָגראַפיעס ניט געוואוסט. און וואָלט מען אפילו יא געוואוסט, וואָלט מיין זיידע בשום אופן ניט מסכים געווען זיך צו לאָזען „אראָפּנעהמען". אפילו דער טאטע זכרונו לברכה, פלעגט זאָגען, אז א פאָטאָגראַפיע נעהמט אוועק א זעכציגטעל פון דעם מענשען'ס לעבען.

און דאָך זעה איך מיין זיידען פאר מיינע אויגען, אזוי ווי איך וואָלט איהם פערזענליך געקענט. די מאמע און דער פעטער און אלע אונזערע קרובים פלעגען זיך אזוי פיעל פון איהם אנדערצעהלען און איהם אזוי אָפּשילדערען מיט אלע זיינע מינעס און תנועות, אז זיין פרצוף פנים און זיין אויסזעהן האָבען זיך טיעף איינגעקריצט ביי מיר אין מח אויף תמיד.



Digitized by Google

ער איז געווען א שטארק־געבויטער, הויך־געוואק־סענער איד — „משכמו ומעלה גבוה מכל העם", ווי דער טאטע פלעגט זאָגען — מיט א געדיכטער, ניט איבריגס לאנגער נאָר דערפאַר א זעהר ברייטער באָרד, מיט ברע־מען ווי קוסטעס און א פּאָאר שווארצע אויגען וואָס האָ־בען געשאָסען פונקען פייער, און א קול האָט ער געהאט פון א לייב.

ער איז געווען דער נגיד פון שטעדטיל, האָט געהאט אייגענע צוויי מויערען, מיט א גרויסער שניט־קראָם און איז אויסגעפאָהרען א וועלט צוליעב זיינע געשעפטען, דערצו איז ער געווען וואָס מען רופט א „גרונטאָוונער" למדן. אויף לומדות, מעלדט אייך, איז דאָן ביי אונז אין שטעדטעל קיין יקרות ניט געוועזען. וואָס איהם האָט אָבער יא אויסגעצייכענט פון אלע בעלי בתים, איז געווען, זיין קענען גוט רעדען פויליש און רוסיש. אין יענער צייט — גלייך נאָך דעם צווייטען פוילישען מיאַ־טעזש — איז רוסיש געווען אין אונזער געגענד כמעט אין גאַנצען אונבעקאַנט. און מיט די קאָזאקען וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין שטעדטיל, פלעגט מען זיך צוזאמענ־ריידען האלב אויפ'ן וואונק און האלב אויף געבראָכענעם פויליש. דערביי האָט די נאַגאיקע פון דעם קאָזאק זעהר פיעל אויסגעהאלפען אלס אן אויסגעצייכענטער דאָל־מעטשער.

און טאַקי צוליעב די דאָזיגע קאָזאקען איז דער זיידע זלמן געווען דער „מלאך המושיע" פון אונזער שטעדטיל.

כמעט יעדען טאָג פלעגט זיך דעם זיידענ'ס שטוב־טהיר עפענען און אימעצער פלעגט אריינקומען מיט דעם



Digitized by Google

נוסח וועלכען דער זיידע האָט שוין געקענט אויסוועניג:—

— רב זלמן, פריהער גאָט און נאָכדעם איהר... קאָזאַקען האָבען מיך בע'גנב'עט. געהט אריבער, לעבעי זאָלט איהר, און רעדט מיט'ן קאַפּיטאַן...

און דער זיידע פלעגט אָנטהאָן די לינגערע און דאָס שטריימעל און נעהמען דעם דיקען שטעקען מיט דעם מאַסיווען בעגולדטען קעפּיל, און פלעגט אַוועק זיך שתדל'ען.

דערפאַר איז דער קאַפּיטאַן געווען ביי דעם זיידען א גאַנצער בן־בית. שבת צו פיש איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר איהם א זילבערנער טאַץ מיט א טעלער פיש און א פלעשעל „פּייסאַחאָווקא“ מיט אַלערליי איינגעמאַכטסען...

פאַר „זאַלמאַן'ען“ וואָלט ניקיטין קיין צעהן זעק ציבעלע ניט גענומען. ער האָט פשוט געבענקט נאָך א רוסישען וואָרט און דער זיידע איז געווען דער איינציגער וואָס האָט צו איהם גערעדט ניט אויף דער „הינטישער שפּראַך פון די מיאַטעזשניקעס“.

אין דער אמת'ן איז דער זיידע זלמן אויך געווען א שטיקעל מיאַטעזשניק, הגם ניט קיין פּאָליטישער.

אין קהל־שטיבעל, וואו ער איז געווען איינער פון די גרויסע בעלי־דעות, האָט ער שטענדיג געהאַט מאָדנע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען בנוגע צו די התחיבות'ען פון די רייכע בעלי־בתים צו די אָרימע... און פלעגט קומען צו אַן הערכה פאַר מעות חטים אָדער פאַר אַן אַנדער צדקה, פלעגט דער זיידע זלמן זעהר אָפט זיך אויפשטעלען און זאָגען, אַז אויף דעם און יענעם האָט מען ניט ארויפגע־

לעגט געגוג און אז ער איז ניט חולה צו געבען מעהר, און א טבע האט ער געהאט צו קלאפען מיט'ן שטעקען איבער דעם טיש מיט אזא רציחה אז אויף אלעמען פלעגט א פחד אנפאלען. און אויסגעפיהרט האט תמיד ער.

א גוטען ביישפיעל פלעגט געבען זיין אייגענע נדבה, וועלכע איז אלע מאל געווען די ערשטע און די סאמע גרעסטע.

ער האט געהאט א שטאדט אויבען־אן אין דעם גרויסען בית מדרש, אבער אליין האט ער געדאווענט אין דער שוסטער־קלויז וואו ער פלעגט יעדען אין־דער־פריה זאגען פאר די בעלי מלאכות חיי־אדם און יעדען פארנאכט, עין־יעקב.

געדאווענט אין בית מדרש האט ער בלויז פרייטאג־צו־נאכט, און דאס האט ער געטהאן מיט א בעשטימטען פלאן. אהינצו פלעגען געוועהנליך קומען די ארימע לייט פון די ארומיגע שטעדט, וועלכע מע האט געדארפט בעזארגען מיט א פלאץ צום עסען...

פאר די אורחים נכבדים אדער „זיידענע טארבעס", ווי ער פלעגט זאגען, האט איהם וועניג געארט. אויף זיי וועלען זיך שוין געפינען בעלנים. דאס האט ער געוואוסט. ער האט זיך בלויז געקימערט וועגען יענע צוריסענע עם הארצים און פראסטאקעס, וועלכע זיינען ניט געווען קיין גאנגבארע סחורה אפילו פרייטאג צו נאכט, ווען כמעט יעדער איד וויל האבען א פרעמדען ביים טיש.

קוים האט מען געענדיגט דאווגען מעריב און דער עולם האט גענומען זאגען איינער דעם אנדערען „גוט שבת", איז שוין דער זיידע געווען הינטער דער בימה,



Digitized by Google

און האט איבערגעקוקט מיט דעם געניטעז אויג פון א פראוויאנט־מייסטער, די צאהל פון דער הונגעריגער מחנה.

אויף צ ו ו י י האט ער אליין געהאט א חזקה און זיי האט ער באלד אפגעזונדערט אין א ווינקעל און גע־הייסען ווארטען א ווייל ביז ער וועט פארטיג ווערען מיט די איבריגע, און דאן האט ער גענומען קאמאנ־דעווען:

— איהר, זייט מוחל, געהט נאך אט יענעם בעל־הבית, מיט דער גלאנציגער קאפאטע, און זאגט רב זלמן האט אייך געשיקט...

— און איהר, רב אורח, געהט מיט'ן שמש ביז עק מארק און געהט אריין אין דער ערשטער טהיר פון דעם ציגעלנעם מויער, און זאגט אז רב זלמן האט אייך גע־שיקט...

— און איהר — זיך ווענדענדיג צו א גרויסען אידען מיט א קענטיג מורא'דיגען אפעטיט — געהט אריבער צו שמואל דעם קצב אויפ'ן ראג פון דער ברייטער גאס.

און אזוי האט ער יעדען צושיקט אויף זיין פלאץ.

ער האט גוט געקענט די בעלי בתים צו וועלכע ער פלעגט שיקען זיינע קעסטניקעס און ער האט געוואוסט אז מע וועט זיי אומעטום צונעהמען. יערענפאלס, ווער וועט עס וואגען אפזאגען ווען „רב זלמן שיקט" ?

איינמאל, ערב פסח, זיינען אין שטעדטעל אנגעקומען אזוי פיעל ארימע לייט, אז לאנג נאכדעם ווי דער עולם איז שוין צוגאנגען פון דעם גרויסען בית מדרש, איז נאך דעם זיידען אלץ ניט געלונגען אלעמען איינצוקוואטירען.



Digitized by Google

זיך אליין האט ער שוין געמוזט מוסיף זיין נאך איינעם. שטאט זיינע געווענליכע צוויי, האט ער דאס מאל גענומען דריי. אבער עטליכע זיינען נאך אויסען געבליבען, און די ליסטע פון דעם זיידענ'ס קונדען איז שוין געווען אויסגעשעפט...

לאנג קלעהרען האט מען ניט געקענט. איז ביי דעם זיידען געבליבען, שיקען אויף גאט'ס בעראט, צו אזעלכע וואס האבען געוועהנליך אן ארימאן אויפ'ן שוועל ניט ארויפגעלאזען.

— נישקשה—האט ער געטראכט—היינט איז דער ערשטער סדר, און וועלכער איד וועט עס האבען א הארץ צוריקצושיקען אן אורח ?

— זייט מוחל — האט ער זיך געקעהרט צו א הויכען און א דארען מיט אן ארויסגעסטארטשעטען גרגרת — און שפרייזט אריבער פון יענער זייט שוהל-הויף צו שמעון דעם קאלכער און זאגט אז איך האב געשיקט...

אין א האלבע שעה ארום איז שוין איטליכער גע-גאנגען וואוהין דער זיידע האט אנגעוויזען און דער זיידע אליין האט מארשירט בראש פון זיינע דריי אורחים, צו זיך א היים...

אין שטוב האט מען שוין געווארט.

דער זיידע איז אריין מיט א ברייטען באסאווען „גוט יום טוב”, און נאכדעם ווי ער האט צוזעצט די אורחים רעכטס און לינקס פון זיך, האט ער גענומען אפ-ריכטען דעם סדר.

די דריי פאאר גרויסע זילבערנע לייכטער האבען זיך געשפיגעלט אין די רויטע כוסות, וואס דער זיידע



Digitized by Google

האָט נאָך מיט יאָהרען צוריק געבראַכט פון לייפּציג, די געזיכטער פון אַלעמען זיינען געווען אויסגערויטעלט און יום־טוב׳דיג און אין הויז האָט געקלונגען אַ געמיש פון קינדער־, פרויען־ און מענער־שטימען וואָס האָבען גע־זאָגט די הגדה מיט אַ פרעהליכען אימפּעט...

ס׳האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ. אימיצער האָט גע־עפענט די פאָרהויז־טהיר.

דער זיידע און אַלע ביי׳ן טיש האָבען האַלב־פער־וואונדערט, און האַלב צושראָקען אָפּגעבראָכען אין מיטען זאָגען...

אין אַ מינוט אַרום איז אין עס־צימער אריין דער הויכער איד מיט דעם אויסגעסטאַרטשעטען גרגרת. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען דער טהיר, אין דער גע־וועהנליכער פּאָזע פון אַן אומגעהער איבער די הייזער און אין זיינע אויגען זיינען געשטאַנען טרעהרען...

— רב זלמן — האָט ער געזאָגט מיט אַן אָראָפּגעלאָ־זענעם קאָפּ — זיי האָבען מיך צוריקגעשיקט...

— ווער ? — האָט דער זיידע געפרעגט. ער האָט אויף דעם מאָמענט פערגעסען וואוהין ער האָט דעם דאָ־רען איינגעקוואַטירט.

— אָט דאָרט, פון יענער זייט שוהל־הויף, וואו איהר האָט מיך געהייסען געהן... זיי זאָגען זיי װילען קיין זאָ־קוצניקעס ניט האָבען...

דער זיידע איז צוערשט רויט געוואָרען, דאַן איז ער געוואָרען משונה בלייך און האָט פערביסען די אונטער־שטע ליפּ מיט אַ שטיק באָרד.



Digitized by Google

— זאָל עס אייער לעצטע ראגה זיין — האָט ער גע־זאָגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל צו דעם אורח — מיר דאַרפען טאַקי נאָך איינעם. ס'וועט זיין פרעהליכער, און קניידלאַך וועט איהר עסען, אשר לא קניידלונו אבותינו...

ווען דער אורח איז שוין געזעסען אויף דעם פּלאַץ וואָס מע האָט פאר איהם געמאַכט, האָט דער זיידע זיך אויפגעהויבען פון היסב־בעט, שנעל אויסגעטהאָן דעם קיטעל און אָנגעטהאָן אויפ'ן קאָפּ זיין שטריימעל, און זיך געווענדעט צו אַלעמען:

— זאָגט אייך, קינדער, די הגדה, און וואַרט ניט אויף מיך. איך וועל באַלד צוריק זיין. איך מוז פעררייכטען א דבר מצוה....

און איידער אימעצער האָט געקענט פרעגען אָדער איינווענדען, איז ער שוין געווען אויף דער גאַס און האָט געשפּאַנט מיט גרויסע טריט צו דעם קאַפּיטאַן פון די קאָזאַקען.

ניקיטין האָט רחבות'דיג געטרונקען טהעע און איז געווען שטאַרק איבערראַשט צו זעהן „זאַלמאַן'עז" איז דער ערשטער נאַכט פון דער אידישער פּאַסחא, ווען אַלע אידען „מאַליען זיך און טרינקען מעד", הינטער טהיר און טויער.

— וואָס איז, זאַלמאַן — האָט ער געלאַכט — האָט עמיצער דיינע מצות גע'גנב'עט ?

— גאַספּאַדין קאַפּיטאַן — האָט דער זיידע גע־ענטפערט — אויב דו ביסט מיר א גוטער פריינד, שיק



Digitized by Google

אריבער צוויי קאַזאַקען צו שמעון דעם קאַלכער, און לאָזען זיי דאָרט שטעהן אין קוואַרטיר.

אזעלכע מיני איינקוואַרטירונגען, גלאַט אַזוי דיר נישט מיר נישט, זיינען אין יענער צייט ניט געווען קיין זעלטענהייט.

ניקיטין האָט באַלד געהאַט געבען זיך דעם וואַכ־מייסטער און איהם איבערגעגעבען דעם בעפעהל צו שיקען צוויי קאַזאַקען צו שמעון דעם קאַלכער „ביז ווייטערע בעפעהלען".

ווען דער זיידע איז צוריקגעקומען, האָט מען נאָר וואָס געענדיגט די הגדה און זיך גענומען צום עסען.

אַלע האָבען געוואַלט וואַרטען, אָבער דער זיידע האָט געהייסען אַלעמען עסען און ער אליין האָט גענומען אָנ־זאָגען די ניט־דערזאָגטע הגדה. אין זיין קול, האָט זיך אויסער דער יום־טוב'דיגער אויפגעראַמטקייט, געשפירט אַ בייקלאַנג פון נצחון און זיינע אויגען האָבען מאָדנע געשטראַהלט...

ער האָט נאָך ניט בעוויזען צו ענדיגען, ווי עס איז אריינגעלאָפען שמעון דער קאַלכער, ברעכענדיג די הענד.

— סטייטש, רב זלמן, וואָס האָט איהר פון מיר גע־וואָלט ? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אז איין איד זאָל דעם צווייטען אַזוי אָפּטהאָן ?...

דער זיידע האָט געלאָזט שמעון'ען וואַרטען און האָט געענדיגט זאָגען די הגדה.

דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און זיינע דיקע ברעמען זיינען געוואָרען פינסטער און בייז.

— שעהמען מעגט איהר זיך אין אייער ווייטען האַלז

— האט ער שמעון'ען אריינגעשריען אין געזיכט — איהר זייט א איד אן עושר און קינדער האט איהר ניט, און אן אורח קומט ביי אייך אויפ'ן שוועל קיין מאל ניט ארויף, און אז איך שיק אן ארימאן, זייט איהר איהם שופך דמים און זאגט איהר ווילט קיין זאקוצניקעס ניט האבען...
זעהט איהר אבער, אט דער א י י ן ארימאן — דא האט ער אנגעוויזען אויף דעם דארען מיט דעם גרגרת וואס האט געשוויצט איבער א גרויסען קניידעל — איז ביי מיר ווערטה צוויי קאזאקען, הגם ביי אייך איז ער אזא ביליגער ארטיקעל...

די געשיכטע, ווי איהר קענט זיך מעלדען, האט זיך געענדיגט מיט דעם, וואס דער זיידע האט זיך געמוזט נאך אמאל מטריח זיין צום קאפיטאן...

אבער פון יענעם טאג אן אז דער זיידע פלעגט שיקען אן אורח אפילו צו יונה דעם פראצענטניק, פלעגט ער איהם צונעהמען באהבה רבה...

.1912



Digitized by Google

# פרידהע עלטער

אונזער שטעדטעל איז געוועזן אויפגערעמט און אלע האבען זיך מכין געווען צו א גרויסער שמחה.

חברה ש"ס האט געזאלט האבען היינט ביי נאכט איהר סיום.

אזא שמחה האט בלויז פאסירט איין מאל אין זיבען יאהר, און פלעגט זיך אנהויבען מיט א גרויסארטיגער סעודה און אנהאלטען דערנאך א גאנצע וואך.

מיין טאטע איז געווען דער גבאי און פלעגט יעדען טאג זאגען „א בלאט" פאר חברה. אויסער דעם האבען מיר געהאט א גרויס הויז. איז געבליבען אז די ערשטע מאהלצייט זאל זיין ביי אונז.

איינינע טעג איידער דעם בעשטימטען אבענד האט מען שוין ביי אונז אין הויז געבאקען לאנגליכע פיער־קאנטינע קיכלעך מיט מאהן, און געפרעגעלט ברוינע טייגלאך און בוריקעס־איינגעמאכטס מיט מאנדלען.

מיין מאמע, מיינע דריי שוועסטערס און חנה דעם שמש'ס ווייב האבען געארבייט און געשוויצט ביז שפעט אין דער נאכט און פון צייט צו צייט, פלעגט דער טאטע אדער אזוי א בעל־הבית א חברה־ש"ס'ניק, אריינקומען



Digitized by Google

אין קיך און זיך ערקונדיגען אויב די געבעקסטן זיינען געראָטען.

— זעה נאָר אַז עס זאָל זיין געננוג — פלעגט דער טאטע זאָגען צו דער מאמע'ן, ארויסגעהענדיג מיט אַ צו־פרידענעם שמייכעל פון דער קיך — ניש־קשה, מיר מע־גען זיך פרעהען, אזא שמחה טרעפט ניט אלע טאָג.

אין דעם טאָג פון דער הוליאַנקע, האָט זיך אָנגע־הויבען שוין פון פארטאָג, אַ סדרה פון בראָטען און קאָ־כען. מע האָט געזאָלט האָבען פיש אין זויערען מיט ראָ־זינקעס, קרעפלעך־זופ, רייז־קאַשע און אַ פערטעל גע־בראָטענע גאנז פאר יעדען פארשוין. אזוי איז בעשטימט געוואָרען אויף דער לעצטער אסיפה.

דעם רב'ס איידעם וואָס האָט געהאַט אַ שם פאר אַ חריף, האָט אפילו געפרופט שטעלען אַ קלאָץ־קשיא. דאָס איז אלץ רעכט — האָט ער געזונגען מיט אַ גמרא־נגון — אויב אלע גענז וועלען זיין גלייך. ווי איז אָבער געררט, אַז איין גאנז וועט זיין קלענער און איינע גרעסער ? —

— איז ת י ק ו — האָט געענטפערט משה דער סופר, דער וויצלינג פון חברה ש"ס. און דער עולם האָט געלאַכט ניט אזוי פון דעם ענטפער ווי אין דער אָנגע־נעהמער האָפנונג וואָס איטליכער האָט געהאַט אַז איהם וועט אָנקומען אַ פערטיל דוקא פון אַ גרויסער גאנז.

מיינע חברים אין חדר האָבען מיך שטארק מקנא גע־ווען. איך בין געווען איינער פון די בעלי־שמחה, אַ בע־וויז : וואָס איך בין געקומען מיט צוויי גרויסע מאָהן־קיכלעך סטארטשענדיג פון מיין קעשענע.



Digitized by Google

פארנאכט, ווען איך בין געקומען צוריק פון חדר, האט מען שוין ביי אונז אין שטוב געדעקט די טישען, און טודרוס דער שמש מיט משה דעם סופר האבען געשלעפט ביינק פון בית מדרש און ארומגעשטעלט ארום די טישען.

נאך מעריב איז דאס הויז געווארען פול. אנגעהויבען האט זיך די הוליאנקע מיט א „הדרן״ וואס דער רב האט געזאגט און פון וועלכען אלע האבען די פינגער געלעקט. דער טאטע איז די גאנצע צייט געזעסען מיט אן אראפ־געלאזטען קאפ און מיט די פינגער שטיל געקלאפט אויף זיין זילבערנער טאבאק־פושקע. דאס זיינען געוועהנליך געווען סמנים אז ער הערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

איך בין געווען דער איינציגער אינגעל וואס האט געהאט די זכיה צו זיין אויף דער סעודה. דאס איז גע־ווען א פריווילעגיע וואס בלויז דער גבאי האט זיך געמענט נעהמען. איך בין געזעסען צווישען דעם טאטען און דעם רב.

דער לעצטער האט מיך בעמערקט און מיט דיזעלבינע צוויי פינגער וואס ער האט נאר־וואס געברויכט פאר א לאנגען שמעק טאבאק, האט ער מיר געגעבען א קניפ אין באק.

איך האב זיך דערפיהלט אין זיבעטען הימעל...

— קענסטו עפעס לערנען ? — האט ער זיך א קעהר געטהאן צו מיר.

— איך לערן „ארבעה אבות נזיקין״ — האב איך שטאלץ געענטפערט און בין שוין געווען גרייט זיך צו לאזען פערהערען פון איהם.



Digitized by Google

ער האָט מיך נאָך אמאָל אַ קניפּ געטהאָן, און האָט זיך געווענדעט צו מיין פאָטער:

— רב אלי, פאר וואָס קויפט איהר איהם ניט איין פאר אַ שמש אין אונזער חברה? —

— אדרבה, רב אלי, פאר וואָס טאַקי ניט? — האָבען מעהרערע שטימען צוגעבאַמקעט.

— דו הערסט, יונגאַטש — האָט דער טאַטע געזאָגט צו מיר — מע וויל דיך מאַכען פאר אַ שמש אין חברה ש״ס, אָבער דו מוזט זיין אַ וואויל אינגעל פון היינט אָן און לערנען מיט התמדה. זאָגסטו צו?...

איך האָב דערשפּירט מיט אמאָל אַז איך ווער אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער. ארום טיש זיצען אַ פּאָר מנינים אידען, אַלע אַלטע אָדער עלטערע מענשען און איך, ערשט זיבען יאָהר סך־הכל, ווער דערהויבען צו ווע־רען איינער פון זיי. וואָס אַ שמש פון אַ חברה ש״ס איז, האָב איך קלאָר ניט פערשטאַנען, אָבער אַז דאָס איז אַ גרויסער כבוד פאר מיר, האָב איך געקענט זעהן פון דעם טאַטען׳ס צופרידענהייט.

דער עולם איז געווען פרעהליך און אויפגעראַמט און אַלע האָבען געוואָלט זייער גבאי פערשאַפען אַ נחת רוח. ס׳איז דעריבער געבליבען אַז תיכף נאָך דער סעודה, זאָל מען ברייננען דער חברה׳ס פּנקס און מיך פערשרייבען פאר אַ שמש.

דער פּנקס איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער און איינגעבונדען אין גראָהען פּאַרמעט. טודרוס האָט גע־בראַכט אַ רונדען פלאַכען טינטער מיט אַ גענזענע פע־דער, און דער הויכער געל־בערדיגער רב שמואל דער טוך־



Digitized by Google

קרעמער, וואָס איז געווען דער חברה'שער שרייבער, האָט מיט גרויס הכנות געעפענט דאָס בוך פון וועלכען עס האָט אַ יאָג געטהאָן אַ פייכטער גערוך ווי פון אַ לאַנג ניט געעפענטען קעלער. און נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעטהאָן אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולען מיט שוואַרצע רעהמלאָך, און אויסגעשנייצט די נאָז אין אַ ברייטער רויטער פּאַטשייל־קע, האָט ער איינגעטונקט די פעדער, שטורכענדיג מעה־רערע מאָל אין טינטער און גענומען שרייבען.

ס'איז געוואָרען שטיל אין צימער און אַלע האָבען צוגעהערט ווי די פעדער סקריפּעט איבער'ן פּאַפּיער...

אין טהיר איז געשטאַנען די מאַמע און איהר פּנים האָט געלויכטען. הינטער איהר האָט זיך געטוליעט מיין עלטסטע שוועסטער און האָט איבער איהרע פּלייצעס גע־כאַפּט אַ קוק אויף מיר, אויפ'ן טאַטען און אויף רב שמואל'ן...

רב שמואל איז געווען אַ כתבא רבא און געשריבען האָט ער צאַצקעדיג, מיט אַלערליי קונציגע דרעהדלעך, און די אַרבייט איז אָנגעגאַנגען לאַנגזאַם...

ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער אָפּגעבויגען זיין קאָפּ אָן אַ זייט און בעטראַכט זיין קונסטווערק מיט אַ מינע פון זעלבסטצופרידענהייט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען לייענען:

„בעזה"ש, ח' טבת יום ג' פרשה ויגש תר...
„דער אברך מר שלמה בן להרב מהור"ר אליהו
„נ"י, איז פערשריבען געוואָרען אַלס אַ שמש צו



Digitized by Google

„דער חברה ש"ס דק"ק... און בעבור זה האט
„זיין פאטער מנדב געווען ח"י גילדען לקופת
„החברה. גאט זאל געבען אז זיין זוהן זאל אויפ־
„וואקסען לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און ער
„זאל מקים זיין דעם פסוק : „והגית בה יומם
„ולילה".

„און דערויף האבען זיך גע'חתמ'עט : נאום...
„ונאום..."

— מזל טוב, רב אלי — איהר זאלט זוכה זיין צו האַ־בען נחת פון איהם — האט מען געוואונשען פון אלע זייטען.

הערסט, דו שטיפער איינער ? — האט דער טאטע זיך אומגעדרעהט צו מיר, און זיינע אויגען האבען גע־גלאנצט.

דא האט זיך די מאמע בעוויזען מיט א גרויסער פלאש ווישניאק, וואס איז אייגענטליך אויפ'ן פראגראם נים געווען. די פלאש האט מען ארויפגעבראכט נאר־וואס פון קעלער און זי איז געווען בערעקט מיט א דיקען שטויב, אויסער דארט וואו צוויי וואסערדיגע פאסיקלאך זיינען לאנגזאם אראפגערונען פון'ם העלזעל... צוויי טרעהרען פון א מאמע'ס אויג זיינען דארט אראפגע־פאלען.

---

אויף מארגען, ווען איך בין געקומען אין חדר, האב איך זיך געהאלטען פון דערווייט צו מיינע קליינע חברים.

אלס שמש פון חברה ש"ס, בין איך שוין געווען א דערוואקסענער עלטערער איד, און איך האב געמוזט מיין ראלע אויפהאלטען...

די גאנצע צייט פון לערנען האב איך לויטער געקוקט אויף אונזער רבי'ן, און האב, זיך וויגענדיג איבער דער גמרא, נאכגעמאכט ווי ווייט איך האב געקענט, אלע זיינע תנועות און בעוועגונגען...

איך בין אבער געקומען צום בעשלוס, אז זיין אן אלטער מאן קען מען ניט אנדערש, סיידען מע זאל שמעקען טאבאק. דער טאטע שמעקט, דער אלטער רב שמעקט און מיין רבי שמעקט... הפנים, אהן דעם געהט ניט.

נאך ווארעמעס, ווען די מאמע האט מיר געגעבען צוויי קאפיקעס, האב איך ניט געקויפט קארשען אדער אויבס, ווי איך פלעג געוועהנליך טהאן, נאר איך בין אוועק אין מארק און האב איינגעהאנדעלט פאר דאס געלט א קארענע טאבאק־פושקע. כאטש א ליידיגע — האב איך געקלערט — אבער דאך א טאבאקערקע.

ווען איך האב ניט געלערנט, פלעג איך נעהמען די פושקע אין דער האנד, געבען צוערשט א קלאפ אקוראט ווי דער רבי פלעגט טהאן, דאן אננעהמען דאס ריעמענדעל פון'ם דעקעל, אויפעפענען און אריינשטעקען מיינע צוויי פינגער און כלומר'שט אנשעפען א גרויסען שמעק טאבאק, און דערמיט אנפילען מיינע נאזלעכער, צומאכענדיג דערביי איין אויג, און מיט דעם אנדערען קוקענדיג צום פולאפ — אזוי ווי דער רבי, מיט אלע קליפערלעך...



Digitized by Google

מיר האָט נאָך געפעהלט אַ רויטע נאָז־פּאַטשיילקע אַזוי ווי דער רבי האָט, און איך האָב בעשלאָסען צו פּועל'ן ביי דער מאַמע'ן זי זאָל מיר אַזאַ קויפען.

דען איך האָב זיך פעסט פאָרגענומען צו זיין אין אַלע פּרטים אַן א ל ט ע ר מ א ן...

.1912



Digitized by Google

# צו חומש זאָגען

אָפּגעגעסען און אָפּגעבענשט, זיצט דער טאַטע דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער האַנד, די גאָלדענע שפּאַקולען אַרויפגערוקט אויפ׳ן שטערען, און די אויגען פערמאַכט... און האַלב דרעמלענדיג וואַרט ער מע זאָל איהם, ווי יערען פרייטאג־צו־נאַכט, קומען רופען צו זאָ־גען חומש אין דער הילצערנער קלויז.

דאַוונען דאַוונט דער טאַטע אין גרויסען בית־מדרש וואו ער האָט אַ איינענע שטאָדט אויבען־אָן. אָבער אויף זיין חומש זאָגען האָבען די פּראָסטע אידען פון דעם קלויז א חזקה שוין פון יאָהרען און יאָהרען...

די טהיר גיט זיך אַ עפען־אויף און יקותיאל דער אונטער־שמש קומט אַריין און ברענגט אַריין מיט זיך א גערוך פון קעלט.

— גוט שבת, רב אלי, אלע שוין דאָ. מע וואַרט...

דער טאַטע הויבט זיך אויף פון טיש, טהוט אָן דאָס שבת׳דיגע היטעל אויף דער יאַרמולקע און גאַרטעלט זיך אַרום מיט דער רויטער נאָז־פּאַטשיילקע.. די מאַמע דער־לאַנגט דעם פּעענעם פּעלץ מיט דעם באָברענעם קראַגען,



Digitized by Google

און קותיאל שפּרייט איהם פּאנאנדער און האַלט איהם צו ביז דער טאַטע שטעקט הינטערוועלאַכטס אריין די העמד אין די ברייטע אַרבעל. מיר וויקעלט מיין עלטערע שוועסטער אַרום אַ פּאַטשיילע אויפ'ן האַלז און אויפ'ן קאָפּ ביז מעהר ווי מיין נאָז און אויגען זעהען זיך ניט אַרויס. און זאַלבע־דריט לאָזען מיר זיך געהן דורך די איינגעפּראַרענע געסלעך ביז צו דער קלויז.

אינוועניג איז וואַרעם אַ מחיה. נעבען דעם גרויסען קאַכלע־אויוועין שטעהען צוזאַמענגעשטעלט צוויי לאַנגע דעמבאָוועע טישען, בעלויכטען פון אַ בלייך־לאָמפּ וואָס העגנט אַרונטער אויף אַ דראָט פון דער סטעליע, און אַרום די טישען זיצט אַן עולם פון אידען שבת'דיג אָנגעטהאָן און אויסגערויטיגט פון דער שבת'דיגער מאָהלצייט, און מע שמועסט... דער עונג שבת איז אויסגעגאָסען אויף די גראָבע פערוואַקסענע געזיכטער און אויף די פערהאַרטע־וועטע הענד...

ווען דער טאַטע קומט אריין גיבען זיך אַלע אַ שטעל.

— גוט שבת, ר' אלי.

— גוט שבת. אַ ביסעל אַ ברענענדיגער פראָסט !...

עס הויבט זיך אָן אַ רוקעריי פון אַלע זייטען צו מאַ־כען פּלאַץ פאַר'ן טאַטען סאַמע אויבען־אָן, ד. ה. סאַמע אָנטקעגען דער וואַרעמסטער קאַכלע. דעם טאַטען'ס זכות געניס איך אויך און זיץ צווישען איהם און שילם דעם ברויער, אַ הויכען, משונה־שטאַרקען אידען, וואָס צומישט זיך תמיד אין מיין קינדערשען געדאַנקען מיט די ריעזען פון וועלכע דער רבי האָט אונז דערצעהלט אַז זיי האָבען נאָכגעבראָזשעט נאָך דער תיבה אין דער צייט פון מבול.



Digitized by Google

און שילם גיט אַ זאָג מיט אַ גראָבער ברוסט־שטים, וואָס פּאַסט זיך להלוטין ניט צו דער הייליגער שטימונג פון ארום : —

— קותיאל, ברינג די חומשים..

דער טאַטע ווישט לאַנגזאַם אראָפּ די פּראָסט־פּאַרע פון די ברילען און דער עולם מישט די חומשים. שילם'ס האָריגע און אומגעלומפּערטע פינגער בלעטערען מיט מעהר רעש ווי אַלע, אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען : מיר־ שטיינס געזאָגט, אויך מיר אַ שווערע ארביט... אָט אַ צעהן־פּודיגער זאַק גערשטען דאָס איז נאָך עפּעס, אָבער אַ בלעטעל אויפמאַכען ? אויך מיר אַ גבורה !

מרדכי דער שניידער רוקט ארויס אין סאַמע מיטען טיש די גרויסע פּושקע געקויפטע פאַר קהל'ש געלט און אָנ־ געפּילט מיט טאַבאַק מן המובחר... צוערשט נעהמט דער טאַטע אַ שמעק און דערנאָך געהט די טאַבאַקערקע ארום טיש און דער עולם נעהמט און טהוט זיך וואויל...

עס ווערט שטיל... די בעוואַקסענע אירען קוקען אין די חומשים און דער טאַטע, וואָס האָט זיין אייגענעם חומש מיט פיער און צוואַנציג פירושים, הויבט אָן :

„ויצא יעקב, און יעקב איז ארויסגעגאַנגען
„פון באר־שבע און איז געגאַנגען קיין חרן און ער
„האָט אָנגעטראָפען אַ פּלאַץ און ער איז דאָרט פער־
„בליבען אויף נאַכטלעגער, וואָרום די זונן איז שוין
„געווען אונטערגעגאַנגען. און ער האָט גענומען פון
„די שטיינער פון דעם פּלאַץ און ער האָט זיי
„אוועקגעלעגט צוקאָפּענס און ער האָט גענעכטיגט
„אין דעם דאָזיגען פּלאַץ. און ער האָט געזעהן אין



Digitized by Google

„חלום ווי עס שטעהט א לייטער אויף דער ערד און
„זיין שפּיץ גרייכט ביז'ן הימעל..."

דער רעשט פון דעם בית מדרש איז פינסטער. בע־זונדערס געדיכט איז די פינסטערניס ארום דעם ארון קודש און דעם עמוד און די מזרח־וואנד...

און דער טאטע און זיינע צוהערער זיצען אין דעם קליינעם ליכטיגען ווינקעל, און עס דאכט זיך אזוי ווי זיי וואלטען בדרך נס שווימען אויף א ליכטיגען אינ־זעל אין מיטען פון א שווארצען אוקינוס...

פון אימעצען האט זיך ניט ווילענדיג א זיפץ ארויסגעכאפּט און ס'איז ווידער שטיל געווארען און דער טאטע לייענט ווייטער: —

„און מיט אמאל זעהט ער ווי מלאכים פון גאט
„שטייגען ארויף און נידערען ארונטער אויף איהם,
„און ער זעהט ווי גאט שטעהט איבער איהם און
„זאגט צו איהם: איך בין גאט, דער הארר פון
„אברהם דיין פאטער און דער הארר פון יצחק'ן.
„די ערד וואס דו ליעגסט אויף איהר וועל איך
„אוועקשענקען צו דיר און צו דיינע קינדער און
„דיינע קינדער וועלען זיין ווי זאמד אן ערד און דו
„וועסט זיך צושפּרייטען אין מערב און אין מזרח,
„אין צפון און אין דרום..."

דער טאטע שטעלט זיך אפּ.

איצט וועלען קומען די שעהנע מעשה'לאך פון מדרש, אויף וועלכע די פערהארעוועטע אידען האבען א גאנצע

וואָך געוואַרט און צוליעב וועלכעס איך, ערשט אכט יאָהר אלט, היט אזוי אָפּ צו געהן הערען דעם טאַטענ'ס חומש־זאָגען...

און דער טאַטע דערצעהלט און אלעמענס אויגען זייי־נען ווי צוגעקלעפּט צו זיינע ליפּען, און די שאָטענס פון ארון קודש און פון עמוד ציהען זיך און שטרעקען זיך אהין צו דעם ליכטיגען ווינקעל וואו נאָט רעדט צו יעקב'ן, און ווילען כאַפּען א וואָרט...

און דער טאַטע און ארום די אידען זיינען ניט מעהר אין דער אלטער הילצענער קלויז... עס הערט זיך דאָס מע'קען פון סטאַרעס שאָף, און אין מיטען פון די שאָף איז א גרויסער ברונען און אויפ'ן ברונען איז א שווערער שטיין... און די פּאַסטוכער שטעהען און קוקען אוים אויף יעקב'ן, האַלטענדיג די הענד איבער די אויגען זיך צו שיצען פאַר דער ליכטיגער זונן... און יעקב קומט אָן פון דער וויים, און דאָן קומט רחל מיט א פּאַסטוך־שטעקען אין דער האַנד, און יעקב לויפט־צו צו דעם ברונען און קייקעלט אַרונטער דעם שווערען שטיין, און דאָס קאַלטע וואסער פינקעלט און בליצט אין די שטראַהלען, און עס הערט זיך ווי די לעמער און ציגען ציהען און זופּען אריין דאָס וואסער... און רחל שמייכעלט פערשעמט קוקענדיג אויף יעקב'ן...

אַ פּויזע... און שילם לאָזט ארוים א משונה'דיגען ברום...

דאָס אראָפּהויבען פון שטיין געפעלט איהם מעהר ווי אלצדינג.



Digitized by Google

א ביסעל אפגערוהט זיך, הויבט אן דער טאטע ווי־
דער דערצעהלען די מעשה מיט יעקב'ן און רחל'ן, און
וואס פאר א רמאי און שווינדלער לבן איז געוועזען.

שילם אטהעמט שווער און זיינע אויגען זיינען ווי
ביי א גזלן. ער איז בטבע א דימענטענער מענש און
האט א שם אין שטעדטיל פאר זיין גוטהערציגקייט. אזא
עולה קען ער אבער ניט פערטראגען.

ווען ער האט איצט לבן'ען צווישען זיינע הענד, וואלט
ער איהם צוריבען אויף אש... ער קען אזש הערען ווי
לבן'ס ריפען קנאקען אין זיינע פויסטען. ער וואלט איהם
שוין אנגעלערנט ווי צו נאררען אזא טהייערען אידען ווי
יעקב'ן...

און ווייטער דערצעהלט דער טאטע, וואס פאר א
וואונדערליכע יפת־תואר רחל איז געוועזען און וואס פאר
א זעלטענע צנועה... א דופט פון „דודאים" וועהט דורך
דער הילצערנער קלויז... און איך און דער טאטע און שילם
דער ברויער און מרדכי דער שניידער און קותיאל, ליגען
אויסגעצויגען אויפ'ן גראז נעבען דער שטאדט שכם... און
נעבען אונז פאשען זיך אונזערע קעמלען און שטשיפען
די פעלד־געוויקסען מיט די צייהן... און די זונן גלימצערט
דורך די פאלמענבוימער...

ווען דער טאטע ענדיגט כאפט זיך דער עולם אויף
ווי פון חלום און אלע זעהען אוים ווי זיי וואלטען זיך
אקארשט אומגעקעהרט פון א ווייטע נסיעה אין א כשופ'־
דיג־שעהנעם לאנד...



Digitized by Google

קותיאל נעהמט צו די חומשים און די טאבאקערקע און פערשליסט זיי ערגעץ־וואו.

איך בין שלעפעריג און שילם שלאגט זיך אן מיך צו טראגען אויף די הענד, און גיט מיך א נעהם עפעס אזוי ווי איך וואלט געוועו ניט שווערער ווי קותיאל׳ס טא־באקערקע...

דרויסען ברענט דער פראסט און דער שנעע קרעכצט און סקריפעט אונטער די שווערע טריט.

מע געהט, ניט רעדענדיג א ווארט...

אלע ווילע הערט זיך „א גוטען שבת" און אימעצער פון עולם ווערט נעלם אין א פירהויז אדער אין א זייטיגען געסעל.

דער פראסט שטעכט מיר אין די אויגען און דעם נאז, און איך גראב זיך אין שילם׳ס ברייטען נאקען...

און שילם דיכעט שווער און קרעכצט אונטער, קענ־טיג אז איהם ליגט עפעס אויף דער צונג וואס ער וויל ארויסזאגען...

ווען מיר קומען נאהנט צום הויז, קען זיך שוין שילם ניט איינהאלטען :

— וויפיעל, אן ערך, רב אלי, קלערט איהר האט אזא שטיין געקענט ווענען ?...

דער טאטע כאפט ניט גלייך וואס ער מיינט.

— איך מיין אט־א דער שטיין וואס יעקב האט ארונטערגעקייקעלט.



Digitized by Google

דער טאטע שמייכעלט:

— זעהר א שווערער שטיין, שילם, דו **זעהסט** דאך אז אלע פאסטוכער צוזאמען האבען איהם ניט גע־קענט ריהרען פון ארט...

— אט דאס הייסט א גבר — **סאפעט שילם**, און שטעלט מיך אראפ ביים שוועל.

.1912



Digitized by Google

# הייליגע מאָהן

איך בין געוועזען אַ בן־יחיד און די מאַמע האָט אַלע איהרע האָפנונגען אַרויפגעלעגט אויף מיר. ריכטיגער געזאָגט, איז דאָס בלויז געוועזען א י י ן גרויסע האָפנונג, וואָס האָט פאַר איהר כולל געוועזען דאָס בעסטע און דאָס שעהנסטע וואָס אַ ילוד־אשה קען ערגרייכען אויף דער וועלט: זי האָט געוואָלט איך זאָל זיין אַ רב. ביי׳ם טאַטען, וואָלט אפשר רעכט געוועזען איך זאָל זיין גלאַט אַ בעל־הבתישער למדן. די מאַמע אָבער איז מיט ווייניגער ווי רבנות, נישט געוועזען צופריעדען.

פערשטעהט זיך, ממילא, אַז מיין בר־מצוה איז פאַר איהר געוועזען אַ וויכטיגע פּאַסירונג. שוין אַ האַלב יאָהר פאַר דעם טאָג ווען איך האָב געזאָלט ווערען דרייצעהן יאָהר, האָט מען ביי אונז אין הויז דערפון גערעדט פון פריה ביז שפּעט. דער מאַמע׳ס אַ ברודער וואָס איז שוין פון כמה יאָהרען געוועזען אין ארץ ישראל, האָט שוין בעצייטען צוגעשיקט אַ תפלין־זעקעל אויף וועלכען עס איז געוועזען פון איין זייט אויסגעדרוקט דער כותל מערבי, מיט

עהלבערטען און טייטעלבוימען וואס האבען ארויסגע־שפראצט סאמע פון מיטען די שטיינער. פון דער אנדער זייט איז געווען די ברכה וואס מע מאכט ביי'ם לעגען תפלין.

אייגענטליך האט מיין עלטערע שוועסטער אנגעהויבען אויסשטיקען פאר מיר א סאמעטענעם תפלין־בייטעל מיט א גאלדענעם מגן־דוד און מיט די ראשי תיבות פון מיין נאמען. אבער געבליבען איז, איך זאל געברויכען דעם פעטער'ס. טאקי פון פראסטען קאטון, אבער דאך פון ארץ ישראל.

קיין תפלין האט מען נאך ניט איינגעקויפט. און דאס טאקי האט פערשאפט דער מאמען גרויסע זארג.

ס'איז בעשלאסען געווארען מע זאל פאר מיר קויפען א פאר געשליפענע. דער טאטע אליין האט זיי שוין גע־האט אויסגעקליבען ביים סופר, און בעדונגען דעם מקח פינף רובל. קיין דוחק אין געלד איז ביי אונז אין הויז ניט געווען, און הפשיטא נאך פאר אזא הייליגען און ליעבען צוועק.

האט אבער די מאמע זיך איינגע'עקשנ'ט אז מיינע תפלין מוזען געקויפט ווערען פאר „אמת כשר געלט", כדי איך זאל אויפוואקסען אן אמת כשר'ער איד.

מיר האבען געהאט אן אייזען־קראם, און איין גאט וויים, אז די מאמע וואס איז געווען די עקרת הבית, האט געארבייט שווער און ביטער אויף יערען גילדען וואס איז אריינגעקומען אין טיש־קעסטעל. אבער די מאמע האט ערקלערט אז געלט פון מסחור איז ניט כשר.



Digitized by Google

— אין מסחור — האָט זי געזאָגט — זאָגט מען ליגען און מען נארט אָפּט דעם קונה. אָבער דיינע תפלין, מיין זוהן, מוזען זיין הייליג, כדי אַז דו וועסט דאַוונען אין זיי זאָלען דיר קומען הייליגע און ריינע מחשבות אין זינען, און אַז דו וועסט אויפוואַקסען און ווערען אַ גרויסער רב, און איך וועל שוין זיין געשטאָרבען, וועט מיר אויך דיין זכות ביישטעהן אויף יענער וועלט...

דער טאַטע האָט מיט דער מאַמען געפּרופט איינ־טענה'ן און איהר ערקלערען אַז מסחור איז אַ כשר'ע זאַך, דען ווי באַלד אַז גאָט האָט געמאַכט זיין אויסערוועהלט פאָלק פאַר סוחרים, מסתמא איז דאָך דעריין קיין פסול ניטאָ, און בפרט נאָך אַזאַ מסחור ווי אייזען וואו מע מוז אָפּט שלעפּען שווערע שטאַנגען, אַז עס רייסט זיך אויש אונטער דאָס האַרץ.

אָבער די מאַמע איז בעשטאַנען אויף איהרס, אַז מסחור־געלט איז טריף.

— ווער ווייס — האָט זי געזיפצט — אויב מע נעהמט ניט אַמאָל צו די לעצטע קאָפּיקע פון דעם אָרימען שכן ? אפשר שילט ער דעם בעל הבית און אַ טהייל פון זיין קללה קלעפּט זיך־אָן אָן דעם געלט ? און מיין קינד'ס תפלין מוזען זיין ריין און הייליג...

עס איז ערשט געוועזן חול המועד פסח און בר־מצוה האָב איך געזאָלט ווערען אַרום סוכות־צייט. אָבער די מאַמע האָט שוין נעכט ניט געקענט שלאָפען, ברעכענדיג דעם מח ווי צו קריגען פינף א מ ת ־ כ ש ר ' ע רובל פאַר מיינע תפלין.

מוצאי יום־טוב האָט מען דעם טאַטען אָפּגעאַכט אין א דערבייאיגען שטעדטעל אויף בוררות אין א סכסוך צווישען צוויי שותפים. ווען דער טאַטע איז אויף מאָרגען צוריקגעקומען האָט ער מיט א שמייכעל דערלאַנגט דער מאַמען א קנאַקעדיגען צעהן־רובעלדיגען און געזאָגט:

— אָט האָסטו כשר געלט... זיי האָבען עס מיר געגעבען מיט דאַנק און זיינען ביידע געווען גליקליך וואָס דער ענין איז אַזוי שנעל גערענדיגט געוואָרען.

די מאַמע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געקוקט בעטריבט אויף דער בומאַזשקע.

— עס איז ניט כשר גענוג פאַר מיין קינד'ס תפלין

— האָט זי ענדליך שטיל ארויסגערעדט.

דאָ איז שוין דער טאַטע געוואָרען אביסעל אין כעס.

ז י י נ ע בוררות־געלט ניט כשר?

— דאָס געלט, מיין מאַן, איז אוודאי כשר פאַר דיך און פאַר מיך — האָט די מאַמע איהם געזוכט צו פערגיטיגען — אָבער ווער ווייס אויב אין דעם אָפּמאַך האָט זיך איין שותף, אליין ניט וויסענדיג דערפון, ניט אָפּגענאַרט אָדער געקריגען ווייניגער ווי ער האָט בעדאַרפט קריגען? דו ביזט דאָך מעהר ניט ווי א מענש, און זיי זיינען ניט מעהר ווי מענשען... אָבער אין מיין קינד'ס תפלין טאָר ניט זיין אפילו דער מינדסטער שטויב פון אונעהרליכקייט.

דער טאַטע האָט אונטערגעברומט אין זיין באָרד עפּעס וואָס האָט געקלונגען ווי „נאַרישע אידענע" און איז אוועק אין בית־מדרש דאַווענען מעריב.



Digitized by Google

איין מאָל אין אַ ליכטיגען נאָך־פסח טאָג, איז די מאַמע אויפגעשטאַנען גאַנץ בעגינען און אויף איהר אויפ־געראַמטען געזיכט איז געווען צו זעהן אַז זי האָט געפונען דאָס וואָס זי האָט אַזוי פיעל וואָכען געזוכט...

צו פריהשטיק האָט אונז די מאַמע אויסגעזאָגט דעם סוד.

—דאָס כשר'סטע געלט — האָט זי געזאָגט, שטראַה־לענדיג פון איהר ענטדעקונג, — איז דאָס וואָס קומט פון דער ערד דורך דעם מענשענ'ס מיה און דורך גאָט'ס ברכה... מיר וועלען הינטער'ן הויז צוגראָבען אַ פּאָר בייט־טען און מיר וועלען דאָרט איינפּלאַנצען מאָהן... און סוף זומער ווען מע וועט די זאַמען פערקויפען וועט מען פאַר דאָס געלט קויפען אַ פּאָר תפלין, און דו מיין זוהן — האָט זי מיט פייכטע אויגען זיך געקעהרט צו מיר—וועסט טראָ־גען אויף דיינע הענד און אויף דיין קאָפּ דיין מאַמע'ס עהרליכע פּראַצע און די בענשונג פון הימעל...

מיר האָבען אַלע געקוקט אויף דער מאַמע אַזוי ווי זי וואָלט נאָר־וואָס ארונטערגעקומען עפּעס פון אַ ריינערער לויטערער וועלט, און איהרע ווערטער האָבען געקלונגען אַזוי ווי פון אימעצען ווייט, ווייט איבער אונז...

דער טאַטע האָט געשמייכעלט, אָבער אין זיינע אויגען האָט זיך געשפּיעגעלט דרך ארץ פאַר דער אידענע'ס רייד...

---

דעמזעלביגען נאָכמיטאָג האָבען זיך די מאַמע און מיין עלטערע שוועסטער גענומען צו דער אַרבייט. קיין גוי

דינגען האָט די מאַמע בשום אופן ניט געלאָזט, און מיך מיט דעם טאַטען האָט מען ניט צוגעלאָזט.

— אזא ארבייט איז ניט פאַר מאַנסבילען — האָט די מאַמע גע'פּסק'עט — איהרביידע געהט אין בית מדרש לערנען, און מיר ביידע וועלען שוין פאַרטיג ווערען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די מאַהן געווען פאַרזייהט, און דער מאַמע'ס הארץ איז געווען בערוהיגט.

אויפשטעהענדיג בעגינען, פלעגט יעדער פון אונז, אפילו דער טאַטע אַליין, גלייך צושפּרינגען צום פענסטער און אַ קוק טהאָן אויף די בייטען, און ווען עס האָבען זיך בעוויזען די ערשטע קליינע גרינע פּינטעלעך, איז די מאַמע און מיר אַלע געווען מלא שמחה...

ביסלעכווייז זיינען פון די פּינטעלעך געוואָרען גרע־זעלעך און די גרעזעלעך האָבען זיך אויפגעהויבען און זיי־נען געוואָרען שטענגעלעך, ביז די בייטען זיינען געוואָרען געדיכט פערוואַקסען מיט הויכע מאָהן־שטעקלאַך. ביי די שפּיצען האָבען זיך געוויזען מאַט־גרינע קנאָספּען און אין די קנאָספּען האָבען געשלומערט די שפּראָצונגען פון מיינע ערשטע תפלין...

שבת פאַרנאַכט, ווען די מאַמע פלעגט אויפמאַכען איהר גרויסען קרבן־מנחה סדור און נעהמען זאָגען תהלים מיט אַ וויינענדיגער מעלאָדיע, פלעגט זי זיך אוועקזעצען נעבען פענסטער סאַמע אקעגען די מאָהן־בייטען און איה־רע פערוויינטע אויגען האָבען געוואַנדערט פונ'ם תהלים אויף די מאָהן און פון די מאָהן אויפ'ן תהלים...



Digitized by Google

ארום שבועות האבען זיך די מאהן־שטענגלעך צו־בליהט, און אונזער גערטעל איז פול געוואָרען ווי מיט ווייסע בלאָה־בעפלעקטע זומער־פייגלעך...

ביי טאָג ווען די זונן האָט בעשפּריצט דעם שינדעל־דאך פון אונזער שטאָל, און דער הימעל איז געווען אזוי בלאָה ווי דער בלאָהער תפלין־זעקעל וואָס מיין שוועסטער האָט מיר געוואָלט מאכען, און ביענען און קליינע זשו־קעס זיינען אומגעפלויגען אין דער לופט ווי קינדער וואָס מע לאָזט ערשט ארויס פון חדר — פלעג איך האָלט האָ־בען צו געהן צווישען די בייטען, און האַלטען צווישען מיינע פינגער די זיידענע גלאַטע בלעטלעך פון די מאָהן־קווייטען, אָדער אריינקוקען אין די בעכערלעך און זעהן ווי א פליגעלע נאשט פון דאָרט, אזוי ווי איך פלעג אמאָל נאשען פון די טעפּלעך איינגעמאַכטס ווען די מאמע פלעגט ניט זעהן...

אמאָל פלעג איך צוהערען ווי די מאָהן־קעפּלעך שטוי־כען און שושקען זיך איינס מיט דעם אנדערען אין דעם לינדען נאָכמיטאג־ווינדטעל, און איך פלעג ניט אנדערש טראכטען ווי אַז זיי רעדען נאָר פון מיר און פון מיינע תפלין...

אין מיינע אויגען האָבען זיי דאַן אויסגעזעהן ווי א גרויס געזעמעל פון קליינע פרומע אידען מיט ווייסע יאר־מולקעלעך אויף די קעפּ.

בעזונדערס אָנגעצויגען האָט מיך איין גרויסער מאָהן, דער העכסטער פון אלע. דאָס איז מסתמא דער רב צווישען זיי — האָב איך געטראכט. און ווען ער פלעגט זיך א



Digitized by Google

בייג טהאָן צו מיר, בין איך געוועזן זיכער אז דאָס מוסר'ט ער מיך : —

—זעה כאָטש ווי מיר וואקסען און טהוען אונזערס... דיינע תפלין וועלען זיין אזוי ריין ווי אונזערע בלעטלעך, און אזוי עהרליך ווי אונזערע זאָמען, און אז ד׳ וועסט אויפוואקסען זאָלסטו אויך זיין א פרומער איד, כדי דיין גוטע מאמע זאָל פון דיר אין גן־עדן אָנקוועלען...

דער טאטע פלעגט אויך אמאָל אדיינשפאצירען אין גערטעל, האלטענדיג די הענד פערלעגט אויף הינטען, און האלב־ליצנות'דיג האלב־ערנסט זאָגען :

— לאָמיך אָקאָרשט זעהן וואָס מאכען דער מאמע'ס הייליגע מאָהן...

.1912



Digitized by Google

# צו דרייצעהן יאָהר

ווען איך בין אַלט געווען דרייצעהן יאָהר, האָט מען מיך אין אונזער שטעדטעל געהאַלטען פאַר אַן עלוי.

דער אַלטער רב האָט געזאָגט אַז איך וואַקס אַ גדול, און ווען איך פלעג דורכגעהן דאָס שמאָלע געסעל פון אונזער הויז צום בית מדרש, וואו איך פלעג לערנען, פלעגען די ווייבער פערלעגען די הענד איבער'ן פאַרטוך, און זיך ווינשען אין הארצען אַז זייערע קינדער זאָלען זיין ווי איך.

איך האָב זיך אַליין גענומען בעטראַכטען פאַר אַ גרויסען, הגם איך בין געווען ניט הויך געוואַקסען. מיט קינדער פון מיינע יאָהרען האָב איך קיין מחזקות ניט געהאַט, און פלעג זיך אַרומפיהרען מיט די עלטערע פּרושים און די יונגע בעלי הבית'לעך וואָס פלעגען ווי איך, לער־נען אין בית מדרש. מיך האָט נאָר פערדראָסען וואָס אַלע רופען מיך נאָך אַלץ שלמה'קע.

דערפאַר האָב איך געהאַט אַ שטאַרקען נחת רוח ווען אונזער שכן, לייבע דער שוסטער, פלעגט מיך אין דער

פריה ווען מיר פלעגען זיך בעגעגענען אויפ'ן שול־הויף — ער קומענדיג צום ערשטען מנין און איך געהענדיג צום צווייטען — זאגען „גוט מארגען רב שלמה".

א זיס געפיהל פלעגט זיך מיר צוגיסען אין הארצען ווען ער פלעגט מיך אזוי אדרעסירען, און בעזונדערס ווען ער פלעגט רעדענדיג מיט מיר אמאל, מיך „איהרצען", און איך האב לייבען אמת ליעב געקראגען.

ער איז געווען א איד, א יאהר פופציג, א הויכער און א שטארקער מיט א געדיכטער טאבאק־ברוינער בארד און מיט דיקע ברעמען וואס זיינען געהאנגען איבער די שווארצע תמיד־בעטריבטע אויגען. זיין עם־הארצות איז ביי אונז אין שטעדטעל געווען א שם דבר און חיים דער סופר פלעגט אויף זיין חשבון אויסטראכטען אלערליי המצאות. און ווען חיים פלעגט אפשילדערען ווי לייבע ריכט אפ דעם סדר אדער איבערזאגען לייבע'ס עברי ווען ער מאכט קדוש, פלעגט מען זיך פשוט האלטען ביי די זייטען.

מיך פלעגען די המצאות פערדריסען. מיר וואלט זיך דוקא געוואלט אז לייבע זאל בעטראכט ווערען פאר אן איש נכבד, און איך פלעג זיך פאר איהם אננעהמען, גע־ברויכענדיג אלס געגען־וואפען לייבע'ס עהרליכקייט וועל־כע האט נאך אריבערגעשטיגען זיין עם הארצות...

נאך מעריב אין די ווינטער־מאנאטען ווען דער עולם האט אנגעהויבען ביסלעכווייז צוגעהן פון בית מדרש, און איך האב אויסגעשפרייט מיין גמרא אויף דעם סטענדער און האב פארצויגען מיין ערשטען נגון, פלעגט לייבע צו־געהן און זאגען :



Digitized by Google

„א גוטע נאכט אייך, רב שלמה“.

איך וואָלט איהם דערפאַר געקענט געבען א קוש אויף זיין בעוואַקסענער באַק. נאָך זיין אוועקגעהן האָט זיך גאָר געלערנט מיט מעהר געשמאַק, און פארהילכענדיג דעם האַלב טונקעלען בית־מדרש מיט מיין גמרא־נגון, האָב איך געהערט אזוי ווי פון יעדער ווינקעל וואָלט לייבע׳ס שטים געזאָגט „א גוטע נאכט, רב שלמה“.

צו יענער צייט האָט פון ערגעץ־וואו געגומען פּיקען ביי מיר אין מח א שלעכטער געדאַנקען... ווי אזוי דאָס איז געקומען געדענק איך ניט מעהר, אָבער איך ערמינער זיך קלאָר אז דער דאָזיגער בייזער געדאַנקען האָט מיך אָפּט געהאַלטען וואָך גאַנצע נעכט, פלעגט זיך דרעהען ווי אַן אומריינע שלאַנג דורך מיין דאַוונען און מיין לערנען און פלעגט מיך שרעקליך פּייניגען.

איך האָב אָנגעהויבען צווייפלען...

איך האָב געזוכט צו פערטומלען מיין גאָטלאָזע מחשבה מיט דעם וואָס איך פלעג לערנען אויף א העכערען קול און מיט מעהר התמדה ווי געוועהנליך. אמאָל פלעגט עס מיר געלינגען. אָבער איך האָב תמיד געשפּירט אז ווי נאָר איך הער אויף צו לערנען וועט די שלאַנג ווידער נעהמען בייסען...

איך האָב געוואוסט אז איך בענעה א זינד, און אז איך מוז מיט אלע כוחות אויסראָטען אזעלכע זינדיגע רעיונות פון זיך, אָבער אזוי ווי אויף צו להכעיס זיינען זיי מיר געקראָכען אין זינען...

אָפטמאָל פלעגט פּאַסירען אז שטעהענדיג שמונה עשרה צו דער ברכה „ברוך אתה יהוה מחיה המתים“ איז



Digitized by Google

א שוידער דורכגעלאפען מיין קליינעם קערפער און איך האב זיך געמוזט אנהאלטען איך זאל ניט אנידערפאלען.

— טאמער איז ניטא קיין תחית המתים און קיין יענע וועלט ? — האט ווי א טייוועל געמורמעלט.

מיין צווייפעל האט זיך איבערהויפט געדרעהט ארום עולם הבא און תחית המתים. אז דער מענש זאל ווערען בעגראבען און ווערים זאלען איהם אויפעסען און קיין זכר זאל פון איהם ניט בלייבען און קיין עולם הבא זאל ער אויך ניט האבען — דאס איז געווען די שרעקליכסטע זייט פון דעם געדאנקען, אז עס איז קיין גאט ניטא...

איך האב געטראכט אן מיין מאמען, וועלכע איז ניט לאנג צוריק געשטארבען, און וועלכע איך האב אפט אפט געזעהן אין חלום, און מיין צווייפעל האט זי אזוי ווי פון דאס ניי אוועקגענומען פון מיר...

פיעל מאל האב איך געוואלט אוועקגעהן צו אונזער אלטען רב, ר' זוסע'ן. ער האט מיך זעהר ליעב געהאט, און פאר איהם האב איך געוואלט קומען, און פרעגען א מיטעל ווי לויז צו ווערען פון מיינע זינדיגע געדאנקען — דען אז מען מוז פון זיי לויז ווערען בין איך געווען איבער־ציינגט. אבער יעדעס מאל וואס איך האב זיך מכין געווען צו געהן — פלעג איך זיך דערשרעקען. איך האב שוין פאראויס געזעהן ווי ער וועט אויסשטעלען זיינע רויטע אויגען און זאגען „אפיקורוס, ארויס פון מיין שטוב !"

איך האב פערלארען מיין געוועהנליכע מונטערקייט און האב זיך אליין פערבאכטעט פון טיעפען הארצען. איך האב געשפירט אז איך פעראונרייניג דעם בית מדרש ווען איך קום אהין אריין.



Digitized by Google

אמאָל בין איך גראָד געקומען אין בית מדרש ווען דער עולם האָט זיך צוגעגרייט צו דאַווענען מנחה. איך בין געווען דער צעהנטער און ווי נאָר איך בין אריין האָט דער בעל תפלה גענומען זאָגען „אשרי". איך האָב געוואָלט אנטלויפען, פיהלענדיג אין הארצען אז מען טאָר מיך צום מנין ניט צורעכענען.

איך בין געוואָרען בלייבער פון טאָג צו טאָג און מיין עלטערע שוועסטער, וועלכע האָט פערטרעטען די מאַמען נאָך דער לעצטערער טויט, איז געוואָרען אונרוהיג.

— שלמה'לע — פלעגט זי זיך בעטען — לערן ניט אזוי שפעט ביינאכט. אז מען וויל דיענען גאָט מוז מען זיין שטאַרק און געזונד. און ווען דו ווערסט דאַנערשטאָג ניט אויפזיין א גאַנצע נאַכט, וועט דיר גאָט אויך מוחל זיין — דו טהוסט דאָך אזוי פיעל פון זיינעטוועגען.

איך האָב אויסגעפּלאַצט אין א געוויין. ווען מיין שוועסטער זאָל וויסען וואָס פאר זינדיגע געדאַנקען איך טראָג ארום ? — האָב איך געקלערט, — וואָלט זי מיר אין געזיכט אריינגעשפיגען .

א קליינער צופאַל, האָט מיך דאַן — אם ווענינגסטען אויף א צייט — ארויסגעראַטעוועט פון מיין שרעקליכען צושטאַנד...

עס איז געווען ארום צעהן א זייגער ביינאכט, דרויסען האָט זיך א שנעע־שטורם געדרעהט ארום די קליינע הייזלעך און ארום דעם ווייסען קלויסטער אין עק מארק. דער בית מדרש איז געווען פוסט און פינסטער אויסער דער ווינקעל לעבען ארון קודש וואו איך האָב געלערנט. אויף מיין סטענדער איז געווען צוגעקלעפּט א האַלב־אָב־

געברענט סטעארין־ליכט און האט פערשפרייט א קליינעם ליכטיגען קרייז ארום מיר, פארכאפענדיג פון איין זייט א טהייל פון דעם גרינעם פרוכת און פון דער אנדערער זייט — א ליידיגען סטענדער מיט א צוגעמאכטער גמרא. איך האב געלערנט מיט א ברען אזוי ווי אריבערצושטיי־גען דאס סוויסטשען פון דעם ווינד וואס איז אריין דורך דער ווייבערשער שוהל.

די טהיר האט זיך געעפענט און מיט א לאנטערנע אין דער האנד איז אריינגעקומען אונזער שכן לייבע.

ער האט אבגעטרייסעלט דעם שנעע פון זיך, אוועק־געשטעלט די לאנטערנע לעבען כיור און איז צוגעגאנגען צו מיר ווי פערשעהמט:

— גוט נ'אבענד, רב שלמה.

גוט נ'אבענד רב לייבע — האב איך איהם פערוואונ־דערט אנגעקוקט. — אזוי שפעט?

ער האט ניט תיכף געענטפערט. דאן האט ער גענומען שטאמלען:

— רב שלמה, איהר זייט דער איינציגער... אליין, ווי איהר ווייסט, איז מען א פראסטער מענש... איהר זייט דאך עפעס א געלערנטער... וועט איהר מיך קענען לערנען... ווייזען א וועג...

זיין קאפ האט ער געהאלטען אראפגעלאזט ווי איי־נער וואס וויל זיך מתודה זיין אויף א מארד וואס ער האט אויס'ן געוויסען... און זיינע ליפען האבען געציטערט...

איך האב איהם אנגעקוקט מיט שרעק.

לייבע האט געווארפען א בליק פון מורא אויף דעם ארון קודש און אויף דעם אלמער ספרים אזוי ווי ער וואלט



Digitized by Google

ניט געוואָלט זיי זאָלען זיך צוהערען צו וואָס ער זאָגט און שטילערהייד האָט ער גענומען פערטרויען:

— איהר ווייסט דאָך, מעהר ווי תהלים קען איך ניט. מיין טאַטע האָט מיך מעהר ניט געלערנט... א גאַנצען טאָג זיצט מען איבער'ן וואַרשטאַט, און ווען מען זיצט אזוי, פּלאָנטערען זיך אַלערליי געדאַנקען... אָבער די לעצ־טע צייט... — ער האָט זיך פערהאַקט און נאָך א פויזע ווידער אָנגעהויבען — די לעצטע צייט קריכען מיר עפּעס אַזעלכע זינדיגע זאַכען אין קאָפּ... אַט הויב איך אָן טראַכ־טען, וואָס איז א מענש און וואָס איז א בהמה, און ווי די וועלט פיהרט זיך... און ווער מיט אַמאָל אָפּהענדיג... הענד און פיס הויבען מיר אָן ציטערן... טאַמער... טאַמער איז טאַקי גאָרנישט ?...

איך בין געוואָרען בלייך. איך האָב איהם פערשטאַנען נאָך איידער ער האָט זיך געקענט אויסטאָלמאַטשען ריכ־טיג...

לייבע'ס אויגען זיינען געוואָרען פייכט.

— רב שלמה — האָט ער געשלוכצט—איהר ווייסט דאָך אַלצדינג... איהר האָט דאָך אַלע ספרים אויסגעלע־רענט... וואָס זאָל איך טהאָן ?... מיר פעהלט אמונה...

זיין טאָן פון בקשה און זיין פּנים וואָס האָט אויסגע־דריקט די הילפלאָזיגקייט פון א פערצווייפעלטען וואָס בעט בעגנאַדיגונג שטעהענדיג אויף דער תליה — האָבען אַרויסגערופען מיין טיעפסטען מיטלייד... איך האָב בלויז געטראַכט פון די יסורים וואָס ער ליידעט און אַז איך בין דער איינציגער צו וועלכען ער איז געקומען, און דער איינציגער וואָס מוז דעם אָרימען מענשען העלפען...



Digitized by Google

איך האָב צו איהם גענומען ריידען הארציג, און מיט הייסער איבערצייגטער אמונה אין יעדען וואָרט... איך האָב איהם דערצעהלט אז פריהער שפּעטער מוזען אַלע דורכמאַכען אזא מין צושטאַנד. אז דאָס איז בלויז דער שטן וואָס וויל אַראָפּפיהרען פון גלייכען וועג און אז מען מוז זיך שטאַרקען און גלויבען און אַלע זינדיגע מחשבות וועלען פערשוואונדען ווערען ווי א נעבעל... און רעדענ־דיג זיינען מיר געקומען ליכטיגע און טרייסטפולע ווער־טער פון וועלכע איך האָב קיינמאָל פריהער ניט גע־טראַכט. איך האָב איהם געוויזען ווי דער מענשליכער שכל איז מחיב אז עס מוז זיין א גאָט און א יענע וועלט, און א שכר ועונש...

מיין רחמנות צו דעם געפּייניגטען שוסטער האָט אויפגעעפענט ווי א נייע קעמערעל אין מיין אייגענער נשמה, און פון דעם קעמערעל איז אַרויס א פעסטער זי־כערער און איבערצייגענדער גלויבען.

און לייבע איז געזעסען און האָט געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון מיין מויל, און זיינע אויגען האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר אויפגעקלעהרט... א שמייכעל ווי פון איינעם וואָס איז נאַר וואָס נצול געוואָ־רען פון טויט האָט זיך בעוויזען אויף זיין גראָבען פנים...

עס איז שוין געוועזען עלף א זייגער ווען מיר זיינען ביידע צוריקגעגאַנגען א היים. דער שטורעם האָט אונטער־דעסען אויפגעהערט און דער הימעל איז געוואָרען אָנ־געפּיקעוועט מיט קאַלטע העלע שטערען.

אויפ׳ן וועג האָבען מיר א וואָרט ניט גערעדט. און

דורך'ן שטילען געסעל האָט אָפּגעהילכט דער שווערער טריט פון לייבע'ס שטיוועל אויפ'ן שנעע.

ער האָט מיך צוגעפיהרט צו אונזער הויז און גע־זאָגט: „א גוטע נאכט, רב שלמה, זאָל אייך גאָט שטאר־קען ווי איהר האָט מיך געשטארקט".

און מערקווירדיג, פון יענעם טאָג אָן און ביז א לאנגער צייט איז זיין ברכה מקוים געוואָרען...

אויף מאָרגען ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָבען געקלונגען אין מיין אויער די ווערטער פול מיט איבער־ציינונג און גלויבען וועלכע איך האָב גערעדט צו לייבע דעם שוסטער, און געקלונגען האָבען זיי אזוי ווי אימע־צער אַן אנדערער וואָלט זיי צו מיר גערעדט.

מיין מח איז געוועזען אויסגעלייטערט אזוי ווי נאָך א שווערען געוויטער און מיין הארץ איז געוועזען רוהיג...

און די שלאַנג פון צווייפעל האָט מיר געגעבען א לאַנגען אורלויב, וועלכער האָט זיך ערשט געענדיגט מיט פיעל יאָהרען שפּעטער...

.1912



Digitized by Google

# א חלק לעולם הבא

דער אָפּיציעלער אפּיקורוס, אָהן וועלכען א אידישע קהלה האָט זיך אמאָל געקענט אזוי וועניג בעגעהן, ווי אָהן א מרחץ, א שטאָדט-באָק אָדער א משוגע'נעם — איז ביי אונז אין שטעדטעל געוועזן ראַבינאָוויטש דער אַפּ־טייקער, אַן אלטער בחור פון א יאָהר פינף און פערציג.

זיין אַפּטייק איז געוועזן סאַמע אַקעגען שוהל-הויף, און ווען דער עולם פלעגט ארויסגעהן פון שוהל פרייטאָג־צו־נאַכט, האָבען זיי געזעהן ווי דער מומר־להכעים זיצט ביי זיך אויפ'ן גאַנעק און רויכערט א ציגאַר. וואָלט ער כאָטש געשוויגען — האָט ער אָבער דוקא ארונטערגע־שריען צו די בעלי־הבתים א ברייטען, פרעהליכען „גוט־שבת", וואָס האָט געשטאָכען אַלעמען ביז'ן זיבעטען ריפּ.

אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ וואָלט מען אין חרם אריינגעלעגט, אָבער, ראשית איז ער געוועזן דער איינצי־גער אַפּטייקער, און א גרויסער מומחה. א סברא אַז ער האָט פערשטאַנען מעהר ווי דער אויעזדנער דאָקטאָר, און דערצו איז ער געוועזן א גאָלדענער מענש. צו מעות חטים איז ער געוועזן דער ערשטער, און ווער עס האָט אויסגע־



Digitized by Google

שטרעקט אַ האַנד, דעם האָט ער געגעבען, הגם ער פלעגט דערביי אָנזידלען גוט און רופען וואָס אין קאָרט שטעהט. אָרעמע לייט האָבען געהאַט אַ חזקה אַז זיי דאַרפען אין זיין אַפּטייק קריגען מעדיצין אומזיסט.

פלעגט מען איהם אין הארצען שילטען מיט טויטע קללות, און אין די אויגען פלעגט מען אָראָפּנעהמען פאַר איהם דאָס היטעל און רופען „פּאַני ראַבינאָוויטש".

און אָפּטע איינגעהערקע צו איהם איז געווען די אַלטע גיטע נעשע, אַן איינגעבויגענע קליינע דאַרע אידענע פון אַ יאָהר זיבעציג, וואָס האָט שטענדיג פאַר עמיצען אָדער פאַר עפּעס „געקליבען"... איהרע קינדער זיינען געווען אין אַמעריקאַ און האָבען איהר געשיקט אַכט רובעל אַ מאָנאַט, מיט וועלכע זי האָט געלעבט אין רחבות. עס איז איהר נאָך געבליבען גענוג צו געבען העשעל דעם בטלן יעדע וואָך אויף באָד־געלט און קויפען די ישיבה־בחורים איינמאָל אַ וואָך הייסע באָב. אָבער געקליבען האָט זי נאָכאַנאַנד, דאָ פאַר אַ קימפּעטאָרין, דאָ פאַר אַן אָרימע כלה, דאָ גלאָט אַזוי „מע טאָר ניט זאָגען פאַר וועמען". און מע פלעגט דער אַלטער געבען איהר נדבה און נאָך צו־ווינשען :

— איהר זאָלט זוכה זיין ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר...

— מיין אויסשטייער האָב איך שוין — פלעגט גיטע נעשע שמייכלען — און ווען זיין ווילען וועט זיין בין איך פאַרטיג. מיט אויסשטייער האָט זי געמיינט דעם גאַרני־טור תכריכים וועלכע זי האָט נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק זיך אויפגענעהט, און וועלכען זי פלעגט יעדען ערב ראש־



Digitized by Google

חרש ארויסגעהמען פון איהר קופערט און גוט איבער־לופטערן.

פון ראבינאָוויטש'ען צו וועלכען זי פלעגט כמעט יע־דען טאָג קומען נאָך א נדבה, פלעגט זי מוזען אויס־שטעהן אלערליי יסורים. אמאָל פלעגט ער איהר געבען א האלבען רובעל מיט דעם בעדינג אז זי זאָל אויסמעסטען פאר איהם דעם גוי'עשען מאָנילעק און מאכען דערפון ליכט פאר'ן בית מדרש, און אמאָל פלעגט ער גאר פרע־גען אויב מע מעג שלאָגען כפרות מיט א בושעל. דערביי פלעגט ער קייכען פון געלעכטער.

— גוואלד, פאני ראבינאָוויטש — פלעגט איהם די אלטע מוסר'ן — האט גאט אין הארצען... וואס וועט איהר טהאָן, ווען עס וועט קומען דער יום הדין ?...

און ראבינאָוויטש פלעגט זיך נאָך מעהר צולאכען ביז די אלטע פלעגט מיט א שווערען געמיטה ארויסגעהן פון זיין אפטייק... ער האט איהר זעהר באנג געטהאָן. אזא דימענטענער מענש און דאָך אזא פושע ישראל...

די ענמת נפש וואס גיטע נעשע פלעגט האבען פון איהם איז איבערגעגאנגען אין אן אמת'ן ווערהטאָג ווען איין טאָג האט זיך פערשפרייט אין שטעדטעל די שרעק־ליכע נייעס אז ראבינאָוויטש האט מחלל השם געווען אויף א זעהר מיאוס'ען אופן.

בערעל דער ליכטציהער האט דערצעהלט, אז ער איז גראד געגאנגען קויפען ריצענאויל פאר זיין פעשקע'ן און איז דערביי געשטאנען ווען ראבינאָוויטש האט פער־קויפט דעם גלח זיין גאנצען חלק עולם הבא פאר צוויי רובל...



Digitized by Google

דער עולם איז געווען אויפגעקאָכט איבער דער נבלה, און דער רב האָט קריעה געריסען...

גיטע נעשע האָט געפיהלט אזוי ווי א דונער וואָלט איהר א זעץ געגעבען אין קאָפּ... און צו דער צייט וואָס די בעלי־בתים פון שטעדטעל האָבען געליארעמט איבער דעם חלול השם וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען, האָט דאָס הארץ פון דער אַלטער געבלוטעט פון א טיעפען רחמנות־געפיהל...

סטייטש, וואָס וועט ע ר איצט טהאָן אָהן א ברע־קעל עולם הבא?

זיך פלעגט זי טרייסטען אז דער זכות פון זיינע נדבות וועט איהם ביישטעהן... און איצט, האָט ער דאָס לעצטע אויך וואָס ער האָט געקענט דופען אויף יענער וועלט, אוועקגעגעבען פאר צוויי רובעל...

זי האָט א גאַנצען טאָג געוויינט און געבראָכען מיט די הענד... אין הארצען האָט זי דעם אפיקורס תמיד ליעב געהאָט.

ביי נאכט האָבען זיך איהר גע׳חלומ׳ט שרעקליכע חלומות.

דאָ האָט זי געזעהן ווי ראבינאָוויטש, אָנגעטהאָן אין תכריכים צאפּעלט זיך אונטער דער רוטה פון דעם מלאך הדומה וואָס זעהט אויס ווי סאוויצקי דער גלח... און מיט אמאָל האָט זיך אימעצער פונאנדערגעלאכט און זי זעהט ווי דער אפּטייקער שטעהט אויף דעם שפּיץ פון קלויסטער מיט א בושעל אין דער האנד און זאָגט „זה כפּרתי", און דאכט זיך, ס׳איז גאָרניט קיין בושעל, ס׳איז גאָר העשעל דער בטלן...



Digitized by Google

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צוברָאַכענע און קוים וואָס זי האָט געקענט פון איהר בעט אַרונטער, אָבער אין איהר האַרצען איז געוואַקסען אַ העלדישער בעשלוס...

זי וועט דעם אונגליקליכען אַפּטייקער ראַטעווען פון כּף־הקלע...

זי אַליין איז געוועז מרוצה איהם אָפּצוגעבען אַ צעהנ־טעל פון איהר אייגענעם עולם הבא. וואו נעהמט מען אָבער נ אָ ך ? . . .

— גוטע מענשען וועלען זיך געפינען, און איך וועל צוזאַמענקלייבען — האָט די זקנה געקלערט.

און פון דעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבען איהר אַר־בייט פון קלייבען עולם הבא...

מע פלעגט זיך לכתחלה פון איהר אויסלאַכען. ווער האָט אַזוי וואָס געהערט ? עולם הבא עמיצען שענקען ? און בפרט נאָך אַזא טריפ'ניאַק ווי ראַבינאָוויטש'ען. און דאָן, אין דער אמת גערעדט, האָט מען אַליין ניט צו־פיעל, און דאָ נאָך אָפּגעבען אַ טהייל ?

אָבער גיטע נעשע פלעגט אַזוי לאַנג רעדען און וויינען און שילדערען איהרע חלומות צו וועלכע זי פלעגט נאָך צולעגען אַ סך אַנדערע שרעקליכע בילדער וואָס זי האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט, ביז אַ שטיין האָט געקענט געריהרט ווערען, און מע האָט מנדב געוועזן, ווער אַ הונדערט־חלק, ווער אפילו נאָר אַ טויזענד־חלק... מיט ליידיגען פלעגט מען זי ניט אַרויסלאָזען.

און גיטע נעשע האָט אָנגעפיהרט איהר אַרבייט גע־דולדיג און אָהן אָפּרוה. אַ רונדען יאָהר נאָכאַנאַנד. און צו דעם יאָהרצייט פון דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע,



Digitized by Google

האָט זי נאָך אַ געגויען חשבון אויסגעפונען, מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט, אַז זי האָט אַ פּאַרציע עולם הבא מיט וועלכער דער שעהנסטער בעל הבית דאַרף זיך ניט שעהמען...

די גאַנצע צייט פון איהר קלייבען האָט זי ראַבי־נאָוויטש'ען אַ וואָרט פון איהר פּלאַן ניט אויסגעזאָגט. זי האָט איהם אויסגעמיערען ווי ווייט זי האָט געקענט... ווען זי וועט קומען צו איהם וועט זי קומען מיט אַ מתנה און וועט איהם ברענגען אַ פרעהליכע איבערראַשונג...

ווען דער טאָג איז געקומען, איז גיטע נעשע אויפ־געשטאַנען, לייכטענדיג פון איהר אינערליכען גליק, און איהרע אַלטע פּיס האָבען זי פלינק, מיט כמעט מיידעל־שע טריט, געבראַכט צו דער אַפּטייק...

זי האָט מיט אימפּעט אויפגעריסען די טהיר. איהר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער אונטער איהרע אויס־געדאַרטע ריפּען, און זי איז מעהר אַריינגעפאַלען ווי אַריינגעגאַנגען אין דער אַפּטייק.

— פּאַני ראַבינאָוויטש — האָט זי אַרויסגעסאָפּעט — איך קען אייך אָפּגעבען „מזל טוב"...

— מיר ? — האָט דער לץ געשמייכעלט — אדרבה, וואו איז די כלה ?

גיטע נעשע האָט צומאָל ניט געהערט זיין פראַגע. זי האָט געטראָגען דעם גורל פון אַ מענשען אין איהר האַנד...

— פּאַני ראַבינאָוויטש — האָט זי געזאָגט — איך האָב אַ יאָהר נאָכאַנאַנד געאַרבייט און געקליבען און גוטע



Digitized by Google

מענשען האָבען רחמנות געהאט און יעדער איינער האָט געשאָנקען פיעל ער האָט געקענט פון אייערטוועגען...

— פון מיינעטוועגען ? — האָט איהר ראבינאָוויטש אנגעקוקט, ווי מען קוקט אָן א וואהנזיניגען.

— יא, פון אייערטוועגען... אידען זיינען א בארעמ־הערציג פאָלק און קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט, ביז איך האָב צונויפגעזאמעלט פאר אייך א גאנצען ח ל ק ל ע ו ל ם ה ב א . . .

ראבינאָוויטש האָט אויסגעשאָסען אין א ווילדען געלעכטער וואָס האָט אָנגעהאַלטען פינף מינוטען כסדר...

— וואָס... הייסט ?... איהר, הייסט עס... — האָט די אַלטע ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

ראבינאָוויטש האָט זיך ווידער צולאָזען אין א געלעכטער ביז טרעהרען זיינען איהם אזש געראנען פון די אויגען...

די אַלטע האָט פאַרבראָכען מיט די הענד, אזוי ווי איהר בן־יחיד וואָלט נאָר וואָס פאר איהרע אויגען געשטאָרבען און איז וויינענדיג ארויס פון אַפּטייק...

1912.



Digitized by Google

# צום שלימזל

שוין מיט דעם ערשטען שפּראַץ אויף טאָג איז קותיאל דער אונטער־שמש געווען אויף די פיס. די חתונה ביי די מאירזאָהן׳ס האָט איהם געהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט וואַך, און ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און גערעכענט די רוחים וואָס ער וועט דערביי מאַכען.

קותיאל איז געווען אַ קליין דאַר אידעל מיט שוואַרצע לויפעדיגע אויגלעך און אַ שפּיציגען בערדעל, וואָס האָט געהאַט אַ היבשע צאָהל פרנסות מיט וועלכע צו ערנעהרען אַ פאַמיליע פון „אַכט פרעסערס" — ווי ער האָט גערופען זיין ווייב און זיינע זיבען קינדער. קודם איז ער געווען דער אונטער־שמש פון דער קצב׳ישער שוהל, דערצו האָט ער אביסעל אונטערגעשוסטערט. מאַכען אַ פּאָר נייע שיך האָט מען איהם ניט אָנגעטרויט, ער וואָלט זיך גאָר ניט אונטערגענומען דאָס צו טהאָן. אָבער אויף לאַטעס איז ער געווען אַ מאַרים. אַ שוך אין זיין לעצטער נסיסה האָט בלויז געדאַרפט אָנקומען אין זיינע הענד און ער איז אַרוים ווי אַ שפּאָגעל־נייער. קותיאל׳ס עובדא איז אויך



Digitized by Google

געוועז אַנצוצינדען די פּאַנארען יעדען פּאַרנאַכט. דער־פאַר האָט ער געקריגען פון שטאָדט צעהן רובעל א יאָהר.

דער הויפּט־טאַלענט אָבער פון קותיאל'ן האָט זיך ארויסגעוויזען אויף חתונות. קותיאל האָט געשאָבען די פיש, געפליקט די גענז, אוועקגעטראָגען דאָס געבראָטענס צום בעקער, געוועלגערט בולקעס, געשניטען קרעפּכען, מיט אזא מהירות אז די ארבייט האָט פשוט געברענט אונטער זיינע הענד. און ערשט ביינאַכט צו דער סעודה האָט מען אָהן קותיאל'ן זיך בשום אופן ניט געקענט בעגעהן.

זיין אויסרופען דרשה־געשאַנק איז געווען א שם־דבר פאַר מיילען אַרום.

ווען קותיאל פלעגט אַרויסזינגען „הרבני המופלג ר' זרח פון דער כלה'ס צד האָט געגעבען א פינף־און־צוואַנ־ציגער מתנה לדרשה", און האָט טאַקע דערביי פּאַנאַנדער־געשפּרייט אויפ'ן טעלער א קנאַקעדיגען פּאַפּירענעם ר ו־ב ע ל — איז דאָס געווען א פרייד צו זעהן.

דערצו האָבען אלע געוואוסט אז קותיאל איז עהרליך ווי דער טאָג. מע האָט געמענט פאַר איהם נאָלד אוועק־לעגען. קוים וואָס ער פלעגט עפּעס צו זיך אין מויל נעה־מען. ער איז געווען צופיעל פערטהאָן מיט זיין ארבייט. און בעצאָהלען פלעגט מען איהם טאַקע נאָך זיין ווערטה — צעהן גילדען און א מאָל טאַקע די גאַנצע פופצעהן.

קותיאל'ס עהרליכקייט האָט אָבער אין דער אמת'ן געהאַט איהר שווארצען פלעק. אָבער דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט אויסער זיין ווייב און זיינע קינדער וועלכע פלעגען פון אלע זיינע פרנסות ארומגעהן קרוע־ובלוע און זעלטען עסען צו־זאַט.



Digitized by Google

דער אונטער־שמש האט נעבאך געהאט אשוואכקייט, יעדעס מאל וואס ער פלעגט אוועקגעהן פון א חתונה, א כאפ געבען אין קיך שטילערהייד, א פערטעל גאנז, א געשמארט שטיקעל פלייש, א פופאק, א פאפערקע, א געפילט העלזעל — וואס עס האט זיך איהם געמאכט צו דער האנד, און האסטיג ארייגווארפען אין א טיעפער לאנגער קעשענע וואס ער האט געהאט אין זיין בגד. דאס איז געווען פאר די „אכט פרעסערם", וואס פלעגען שוין אויסקוקען אויף זיין צוריקקומען.

א סברא אז די קעשענע איז לכתחלה געמאכט געווא־רען פאר אזעלכע רויבערישע צוועקען.

ווי אזוי דער זאנסט עהרליכער קותיאל האט אזא מין גנבה רעכט געמאכט פאר זיין געוויסען איז שווער צו זאגען. קיין עקספראפריאטאר אדער קאמוניסט איז ער קיינמאל פון דער נאטור ניט געווען. פאר קאפיטאל און פאר זיינע פארשטעהער, אזוי ווי, שמואל דער טוך־קרע־מער און שמעון דער האלצהענדלער, האט ער געהאט דעם גרעסטען אפשיי אין זיין טיעפסטען הארצען. אבער דער אונטערשלאג פון דעם אונטער־שמש'ס געדאנקען זיינען תמיד געווען די „אכט פרעסערם", און ער האט געוואוסט אז דארטען, עק שטעדטעל,ווארטען זיי אויף דער לאנגער קעשענע.

און דארום טאקי האט קותיאל געטראגען אויף זיין געזיכט אזא געהיימניספולען שמייכעל ביים שאבען די העכט, ביים פאנאנדערשטעלען די טישען אדער ביים אנ־צינדען די סטעארין־ליכט אין די זילבערנע לייכטער.



Digitized by Google

ער האָט געטראַכט אַז דער הוליאַנקע שפּעטער ביי זיך אין דערהיים, ווען דאָ וועט שוין זיין אַלצדינג שטיל...

---

ווען קותיאל איז אַוועק פון די מאירזאָהן׳ס איז שוין געווען צוויי אַ זייגער נאָך האַלבע נאַכט. ס׳איז געווען אַ קאַלטע פינסטערע חשוון־נאַכט און אַ נאַסער ווינד האָט איהם געבלאָזען אין געזיכט. ער אַליין איז געווען הונגעריג ווי אַ הונד. פון גרויס האַוועניס האָט ער אפילו אַ ביסען אין מויל ניט גענומען פון אין דער פריה אָן. קוים אַ שנאַפּס געמאַכט.

זיין זלאַטע ה ־ אין איהם אפילו יאַ מיטגעגעבען אַ ווייכע גאָמעלקע, האָט ער צומאָל קיין צייט ניט געהאַט זי צו עסען. דערפאַר אָבער האָט ער אין אַ בייטעלע געטראָגען צוויי גאַנצע קאַרבאָנצעס, וואָס האָבען געמיינט צוויי וועגען מאַרק אויף ווינטער. און די לאַנגע קעשענע איז געווען פול. פון איילעניס האָט ער אפילו ניט אוספּעיעט זעהן וואָס איהם איז אין דער האַנד געקומען. די קעבין האָט זיך גראַד אונטערגעדרעהט, אָבער זיין ערפאַהרענער חוש־המישוש האָט איהם געזאָגט, אַז ער האָט אַ הינטער־שטע פערטעל גאַנז, צוויי העלזלעך, אַ לעבערעל, מיט אַ פּאָלקע אַלס צוגאָב. זיי זיינען נאָך געווען וואַרעם און האָבען דורך דעם דינעם אונטערשלאַג פון זיין בגר פאַר־שפּריים זייער אַנגענעהמע פעטע וואַרעמקייט איבער זיין גאַנצען קערפּער...

ער איז געגאַנגען און געקלערט ווי ער וועט עס אָן עפען טהאָן די טהיר, און ווי זלאַטע, אַ פערשלאָפענע



Digitized by Google

וועט זיך אויפכאפען פון דער באנק געבען אויוועז, אוואו זי האט זיך צונעשפארט אנגעטהאן אין אלעמען, און ווי איינציגווייז וועלען אראפשפרינגען פון די געלענערס די איבעריגע „פרעסערס", און ווי ער וועט עס געבען א זאג מיט דעם טאן פון גדלות:

„הרבני המופלג רב קותיאל פון דער כלה'ס צד גיט א נעבראטענעם "פופאק מתנה לדרשה", און טאקי תיכף וועט ער אויספעקלען א פעטען פופאק, פון וועלכען עס וועט זיך גיסען די שמאלץ. און דאן:

„הרבני המופלג רב קותיאל פון חתן'ס צד, גיט „א פערטעל גאנז מתנה לדרשה", און עס וועט זיך בעווייזען אויפ'ן טיש א ברוין שטיקעל גאנז, וואס דער קייזער אליין וואלט געמעגט דערפון די פינגער לעקען.

פון דער ווייט האט ער געזעהן א קליין ליכטעל, וואס האט געזשיפטשעט דורך א פענסטער. דארט איז געוועזן זיין „פאלאץ", ווי ער פלעגט אפט רופען די חורבה וואו ער האט געוואוינט זינט נאך זיין חתונה.

דער ווינד האט געשלעפט זיינע פאלעס, און עס האט אנגעהויבען צו זיפען א רעגען. קותיאל האט גע־שטעלט האסטיגע טריט און האט דערגרייכט זיין הייזעל.

ער האט א קוק געטהאן דורכ'ן פענסטער און גע־זעהן ווי זלאטע ליעגט אויף דער באנק און בלאזט שלא־פעדיג מיט'ן מויל, און זיין הארץ האט זיך אנגעפילט מיט א גרויסען רחמנות צו איהר...

נאט ווייס צי זי האט עפעס געגעסען... מעהר ווי א גילדען האט ער איהר ניט געלאזען און קעראסין האט זי אויך געמוזט קויפען, און מילך פאר די קינדער...



Digitized by Google

ער האָט אויפגעמאַכט די טחיר און אַרויסגעשריען אַזאַ הויכען „גוט־נ'אבענר !" אַז זלאַטע איז ניט טויט ניט לעבעדיג אויפגעשפּרונגען.

— „קותיאל ?" — האָט זי געריבען די אויגען.

— איך, דער גרויסער קותיאל, אָט ווי דו זעהסט מיך — האָט ער געענטפערט, און האָט דערביי געשפּירט אַז דער גליקליכער מאָמענט איז געקומען.

באַלד זיינען אַלע קינדער, נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע געווען אַרום איהם.

און די צערעמאָניע פון אויסרופען דרשה־געשאַנק האָט זיך אָנגעהויבען.

זלאַטע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס רויכערדיגע לעמ־פּעל אויפ'ן טיש און קותיאל האָט גענומען אויסליידיגען זיינע פּראָוויאַנט...

די קינדער האָבען געקוקט מיט הונגעריגע אויגען און האָבען געשלונגען די שפּייעכץ און זיך בעלעקט די ליפּען. די מאַמע האָט צוערשט געמוזט מאַכען די חלוקה.

— גזלן, וואָס האָסטו געטהאָן ? — האָט פּלוצלונג זלאַטע אַ בראָך געטהאָן מיט די הענד און איז געוואָרען בלייך ווי קרייד.

איהרע אויגען האָבען געקוקט שטאַר אויף די אָנגע־לעגטע שפּייזען און אויף איהר פּנים האָט זיך פערשפּרייט אַ פינסטערע פערצווייפלונג...

קותיאל האָט אַ קוק געטהאָן און איז געוואָרען נאָך בלייכער פון זיין ווייב...

אויף דעם פּופּאָק און אויף די העלזלעך זיינען גע־ווען צוגעקלעפּט שטיקלעך פון עפּעס ווייס און ווייך.

— אַ פינסטער יאָהר אויף דיר, ימח־שמו׳ניק —
האָט זלאַטע געשאָלטען און טרעהרען זיינען איהר גערונען
איבער די באַקען — האָסט זיך אַליין אַנגעפרעסען און
וואָס געהען דיר אָן ווייב און קינדער ?... וואָלסט זיך
בעסער אַ האַנד אויסגעלונקען איידער דו האָסט די גאַ־
מעלקע גענומען...

קותיאל איז געשטאַנען ווי אַ פעראורטהיילטער און
האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי די
גאָמעלקע וואָס זלאַטע האָט איהם אין דער פריה מיט־
געגעבען, קומט אין זיין פליישיגער קעשענע...

און אין שטוב האָט אויסגעבראָכען אַ יללה פון די
„אכט פרעסערס״ וואָס זיינען געשטאַנען הונגעריגע נע־
בען אַ טיש בעלאָדען מיט כל טוב, און זיך ניט געטאָרט
צוריהרען...

.1912



Digitized by Google

Digitized by Google

# צדיקים

Digitized by Google

Digitized by Google

# קידוש השם

א בלוטיגע האנד האט זיך אויסגעשטרעקט און ארויסגעפליקט די עלף ליכטיגע שטערען, וועלכע האבען דעם וועג געוויזען צו רוהיגער גאטספארכטיגקייט, צו פעסטען בטחון אין דעם גאט פון אברהם, צו מסירת נפש פאר זיין תורה...

טראכטענדיג אן זיי, האט א פאטער מיט א שמיי־כעל זיין איינענע טאכטער געקוילעט, און אליין מיט א צושניטענעם האלז זיין לעצטען „שמע ישראל" ארויס־געכארכעלט... מיט זייער נאמען אויף די ליפען האבען זיך טויזענדער טייטען געלאזט איידער זייער גאט צו לעסטערען...

אין א פינסטערער תפיסה האט מען די עלף איינגע־שפארט, זייערע פיס און הענד אין שווערע קייטען גע־שמידט, און פון הינטער דער דיקער וואנד האבען זיי געקענט הערען דעם דומפפען קלאפ פון דעם האלץ וואס מע האט פאר זייער שייטערהויפען געהאקט...



Digitized by Google

קיינער פון זיי האָט ניט אַ טהרער פערגאָסען, קיינער האָט ניט אַ קרעכץ ארויסגעלאָזען: אין אַ קרייז אויף דער פייכטער ערד זיינען זיי געזעסען — דער גרייז־גראָער גאון רב אשר אין דער מיט, און אַרום איהם די צעהן זיהן זיינע, און האָבען תורה געלערנט... פון ער־געץ אַ ווינקעל האָבען זיך קליינע אוינלעך בעוויזען און זיינען שנעל פערשוואונדען צוריק אין זייער לאָך... אַ גרויסע שפּינן איז געהאַנגען אין דער מיטען פון איהר גראָער נעץ און האָט געהאָרכט...

דער טאָג איז פערגאַנגען און די נאַכט האָט זיך אָנ־גערוקט, איינער האָט דעם צווייטען ניט מעהר געזעהן, און דער אַלטער פאָטער האָט זיך נ‍ז ׳ אַלץ מפלפל געווען מיט זיינע קינדער, און ווען אימעצער איז איהם מיט אַ סברה בייגעקומען, האָט דער פּנים ביי איהם אויפגע־שטראַהלט...

מאָרגען פריה וועלען די קלויסטער־גלאָקען קלינגען און רופען צו דעם גרויסען יום טוב, דעם אויטאָ־דאַ־פע פון עלף פערזינדיגטע נפשות, און ביי די פערזינדיגטע נפשות איז געווען נאָך אַ גרעסערער יום־טוב, און אַ גרע־סערע פרייד — די פרייד פון פערוואָגעלטע ים־וואַנ־דערער, וועלכע ריכטען זיך באַלד אין דעם רוהיגען האַפען צו זיין...

אַ פּאָאר שעה פאַר טאָג זייגען זייערע שטימען איינציגנווייז שטום געוואָרען. מיט די ווערטער פון ״ונ־תורה אויף זייער צונג זיינען די פעראורטהיילטע איינ־געשלאָפען — דער גרייז־גראָער רב אשר אין מיטען און אַרום איהם זיינע צעהן זיהן...



Digitized by Google

א הייזעריגער סקריפ האט זיך געהערט, און די שווערע אייזערנע טהיר האט זיך גענומען דרעהען אויף איהרע פארזאסטע זאוויעסעס. א קאלטער ווינד האט אריינגעבלאזען און א הויכער מאן מיט לאנגע ווייסע האאר־קרויזען, אין א ווייסען אטלאסענעם מאנטעל און א ווייסען מיט־גאלד־געשטיקטען שטריימעל, איז שטיל אריין. קיין שארך האט זיך ניט געהערט, אזוי לייכט איז זיין טריט געווען. צו דעם שלאפענדען רב אשר האט ער זיך ארונטערגעבויגען און איהם זאנפט פון זיין שלומער געוועקט : —

„מארגען וועט איהר אויף קידוש השם שטארבען...
„אזוי איז דער גזר. אבער איינער פון אייך זאל אנט־
„רונען ווערען. איידער דער מארגען ברעכט ארויס וועט
„ער אויסער דער תפיסה זיין, און זיינע פיס וועלען איהם
„טראגען וואו ער וועט קענען לעבען רוהיג און דיענען
„גאט..."

„קלייבט אויס דעם איינעם וואס זאל אנטרונען
„ווערען..."

מיט א געשריי האט זיך דער אלטער גאון אויפגע־כאפט... פינסטער איז געווען אין דער פייכטער געפענקניס, און טאפענדיג האט ער זיך אן דער פעסט־פערריגעלטער טהיר אנגעקלאפט... קיין שפור פון דעם ווייסען אורח איז ניט געווען.

פון דעם גרייז' געשריי האבען זיך אלע צעהן זיהן אויפגעטרייסעלט. ביי איינעם פון זיי איז נאך געלעגען אויפ'ן געזיכט דער אפגלאנץ פון א גרויסען הימלישען חלום... ער האט געטרוימט פון די הרוגי מלכות וואס ער



Digitized by Google

האָט געזעהן אָנגעטהאָן אין טהייערע קרויינען און לער־
נענדיג תורה פון כביכול'ס מויל אליין...

„פאָטער אונזערער, וואָס איז דיר ?" — האָבען
אלע צעהן מיט אַ צושראָקענעם קול געפרעגט.

אין דעם חשך האָט געקלונגען דעם זקן'ס ציטערנדע
שטים : —

„איינער פון אונז זאָל אנטרונען ווערען... עס איז
„דער ווילען פון גאָט, קלייבט איהם אויס צווישען אייך..."

„דו, די קרוין פון אונז אלעמען, זאָלסט זיך רעטען,
„און מיר וועלען שטאַרבען" — האָבען זיי האַסטיג גע־
געבען אַ תשובה.

דער אלטער גאון האָט געוויגט זיין גרויסען קאָפּ
הין און הער, און זיי האָבען געהערט ווי די קייטען בראָז־
גען און קרעכצען. דאָן האָט ער געזאָגט : —

„אַ גאַנץ לעבען האָב איך געזוכט אוואו נאָר איך
„האָב געקענט, די מינדעסטע מצוה מקים צו זיין. פון דער
„רגע וואָס איך האָב מיין מודה אני געזאָגט ביז איך האָב
„קריאת שמע אויף מיין געלעגער געלייענט, זיינען מיינע
„גליעדער און מיינע מחשבות געווען גרייט צו דיענען
„דעם הארר פון אלע וועלטען... און איצט ווען איך בין
„שוואַך און אלט און האָב בלויז אַ הייפעל טעג צו לע־
„בען, און איך קען דאָס דאָזיגע הייפעל איהם שענקען
„פאַר אַ לעצטען קרבן, פאַר אַ מנחת־עני — ווילט איהר
„איך זאָל לעבען בלייבען ?..."

די קינדער האָבען געשוויגען, קיינער האָט ניט געזוכט
איינצואווענדען...



Digitized by Google

און דער גרייז האט ווייטער גערעדט און זיין שטים האט געציטערט ווי די תפלה פון א מאמען איבער דעם וויעג פון איהר גוסס'ען קינד : —

„ווארפט גורל צווישען אייך..."

לאנג האבען אלע געשוויגען ביז דער עלטסטער האט געוואגט צו ענטפערען :

„דער שטן קען זיך אין גורל אריינמישען, און אנט־רונען ווערען וועט ניט דער ריכטיגער..."

די פעראורטהיילטע זיינען אין א שווערען שווייגען פערזונקען און געווארט דער אלטער גאון זאל ענטשיידען...

פון דער ווייטען האט זיך געהערט דער מאטער אפקלאנג פון א קלויסטער־גלאק...

„מיר וועלען אויסקלייבען" — האט רב אשר שטיל ארויסגערעדט.

צעהן הערצער האבען האסטיג געקלאפט אין דער פינסטער, און איטליכער האט א שטומע תפלה צום הי־מעל געווענדעט : —

„רבונו של עולם, פערשטויס מיך ניט, פערשעהם מיך ניט..."

„מיר וועלען אויסקלייבען" — האט דער גרייז אי־בער גע'חזר'ט.

„יוסף" — האט ער דעם עלטסטען געפרעגט —

„האסטו שוין דיין ספר שרייבען געענדיגט ?"

„יא, טאטע". —

„זאב" — האט ער ווייטער געפרעגט — „האסטו דיין פירוש אויף דער תורה פארטיג ?"

„יא, טאטע." —



Digitized by Google

„יצחק, האסטו דיינע חדושים אויף ש"ס שוין אויף פאפיער געבראכט?"

„יא, טאטע." —

און אזוי האט ער איטליכען נאך דער רייה פון עלטער געפרעגט ביז ער איז צום אינגסטען געקומען.

„יעקב, מיין קינד, האסטו דיין ביאור אויף חומש שוין אנגעשריבען ביז צום סוף?" —

„נאך ניט, אבער..."

דער גרייז האט איהם ניט געלאזט דערערדען: —

„דו מוזט ניצול ווערען, דו זאלסט דיין ארבייט ענדיגען..."

שטיל איז ווידער געווארען. נאר עמיצער האט אין דער פינסטערנים א שלוכצ פערשטיקט... און א זיפצ האט זיך ארויסגעריסען פון די נייז, וועלכע האבען זייער צעהנ־טען ברודער בעדויערט....

און אין א פאאר מינוטען ארום ווען דער אלטער האט געפרעגט אין דער פינסטער: —

„יעקב, ביסטו נאך דא?"

איז קיין ענטפער מעהר ניט געקומען... ס'האט זיך געהערט בלויז דאס שטילע וויינען פון די נייז וואס האבען דעם אנטרונענעם בעקלאגט...

.1911



Digitized by Google

# דער איבערגעטראָגענער בית־עולם

אָן ערך אַ האַלב וויאָרסט פון שטעטעל, ליעגט דער בית עולם, בעוואַקסען רונד אַרום מיט הויכע געדיכטע בוימער, און אַרומגעצאַמט מיט שוואַרצע שפּיציגע שטאַכעטען. פאַזע בית עולם ציהט זיך אַ גרויסער שליאַך און דרעהט זיך אַ וועג ביז פאַרביי דעם גוי'אישען מאַ־גילעק, פון דאָרטען שלענגעלט ער זיך ווייטער ביז דער נעגראַבענער פעסטונג, און לאָזט זיך דערנאָך אַוועק אין מרחקים.

אַרום דער פעסטונג, ניט ווייט פון דעם טראַקט, גע־הען אַרום סאַי טאָג סאַי נאַכט סאָלדאַטען מיט געלאָדענע ביקסען. ביי טאָג געהען זיי איינציגווייז אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערען אויף אַ גרויסען שטח. ביי נאַכט געהען זיי צו צוויי און צו דריי צוזאַמען. פאַלט אָן די פינסטערנים, ווערט אַ סאָלדאַט ניט בלייבען איינער אַליין ווען מען זאָל איהם אפילו מיט ריטער סטראַשען. אַמאָל האָט זיך איינער אַיינגעפונען, וואָס האָט זיך דערוואויגען,

און צומארגענס האט מען איהם געפונען מיט אויסגע־
גלאצטע אויגען אנגעשפארט אויף זיין ביקס... ער איז
געווען טויט.

דער קאמענדאנט איז געווען אן אויפגעקלעהרטער
מענש. יונגערהייד האט ער געלעזען וואלטער און אין
שדים און רוחות האט ער לחלוטין ניט געגלויבט. דערצו
האט ער שטאלצירט מיט די דריי מעדאלען וואס ער האט
געטראגען אויף זיין מונדיר „פאר טאפפערקייט און אונ־
ערשראקענהייט”, און ער האט בעשלאסען אליין אויפצוזיין
א נאכט אויפ'ן פאסט מיט די סאלדאטען... אבער פארטאג
איז ער געקומען צו דער וייב בלייך ווי קרייד און ציטע־
רענדיג פון שרעק. ער האט אליין געזעהן מיט זיינע אוי־
גען, ווי מיט'ן טראקט זיינען אנגעקומען א מחנה מתים
און זיינען איינציגווייז נעלם געווארען אין דער פעסטונג.

די סאלדאטען האבען עס שוין לאנג צוריק געוואוסט,
און יעדע נאכט פלעגט אויף זיי אנפאלען אן אימת מות.

פון די אידישע איינוואהנער איז אפגערעדט. קוים
פלעגט ווערען דונקעל, האט מען א נפש ניט געזעהן,
געהענדיג נעבען דעם פארט.

האט א סוחר אדער אזוי אן אורח, וואס האט זיך
אפגעשטעלט אין שטעדטעל, געוואלט ארויספאהרען ביי
נאכט, פלעגט איהם דער בעל אכסניא מיט אן ערנסטען
געזיכט געבען א התראה, אז ער שטעלט זיין לעבען אין
געפאהר. און דערביי פלעגט ער איהם דערצעהלען די פאל־
גענדע געשיכטע :

מיט אַ יאָהר הונדערט צוריק האָט דער קייזער מיט יינע מיניסטאָרען בעשלאָסען צו בויען ארום יענער גע־גענד אַ גרויסע פעסטונג. אינזשענירען זיינען אראָפּגע־קומען און האָבען געמאָסטען און געקוקט אין שפּאַקטי־ווען און געצייכענט און דאַן ווידער געמאָסטען און ווידער געצייכענט. זיי האָבען ניט אויסגעלאָזען איין שטיקעל ערד אין דער סביבה. און דער פּועל יוצא איז געווען, אַז ס'איז ביי זיי אַלעמען געבליבען אַז דער בעסטער פּלאַץ וואו צו בויען די פעסטונג איז דאָרט וואו ס'איז אין יענער צייט געשטאַנען אַ גרויסער אידישער בית עולם.

קהל, ווי ס'פערשטעהט זיך, האָט געקראָגען אַן אוקאַז וואָס שנעלער אַריבערצוטראָגען די מתים — אויף דעם נייעם בית עולם וואָס די רעגיערונג האָט בעשטימט. אין שטעדטעל איז געוואָרען אַן איבערקעהרעניס. דער רב האָט גוזר תענית געווען, און קינד און קייט זיינען אָפּגעשטאַנען אין שוהל אַ גאַנצען טאָג און הימלען געריסען... אָבער דער גזר איז געבליבען.

מען האָט פּרובירט שוחד, און ווייבער האָבען זייערע אויבלען פאַרזעצט, אַבי די מתים דעם בזיון ניט צוצולאָ־זען... אָבער מלוכה האָט זיך איינגעעקשנ'ט, ניט אַנדערש אויפ'ן בית עולם. אָט אַזוי וויל זי... און בלויז איין וואָך צייט האָט מען געגעבען אויף אַריבערפּעקלען.

מיט ביטערע און בלוטיגע הערצער האָט מען גענומען קרויסקען די טויטע... דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען אויפ'ן בית עולם. יעדע משפּחה האָט געזוכט איהרע. דער חזן איז געגאַנגען פון איין קבר צום צווייטען און גע־



Digitized by Google

מאכט „אל מלא רחמים" און אלע האבען זיך בענאסען מיט טרעהרען.

די וואס זיינען שוין לאנג צוריק נפטר געווארען אדער אזעלכע וואס האבען קיין קרובים ניט געהאט, האט מען לויט דער מצבה אויסגעפונען... אין ערטער א הילצערן ברעטעל פון רעגען האלב־אפגעוואשען, און דער נאמען קוים קוים צו דערקענען... און אין דעם חזן׳ס אזכרה, האט דער טויטען׳ס איינענער נאמען אדער דער נאמען פון זיין טאטען געפעלט...

דער רב האט אין נאמען פון אלעמען ביי די מתים מחילה געבעטען, זיי זאלען ניט פאר אומגוט נעהמען וואס מען איז זיי מביש און מען איז זייערע הייליגע ביי־נער פון דעם ניי מטריח צו וואגלען אויף א נייעם בית־חיים... און בעזונדערס האט ער זיך צו יענע געווענדעט וואס מען האט זיי אפילו אן „אל מלא" ווי עס דארף צו זיין, ניט מאכען געקענט...

ווען דער מגיד האט גענומען מאכען זיין הספד, איי־דער מע האט די ארונות ארויסגעפיהרט, האט אויסגע־בראכען אזא יללה, אז א שטיין האט געמעגט צוגעהן. און די סאלדאטען וואס זיינען ארום געשטאנען, האבען גע־כליפעט ווי קליינע קינדער...

מע איז שוין געווען גרייט צו פערלאזען דעם בית עולם. אלע קברים זיינען געוועזען לעדיג, און מע האט זיך געאיילט וואס גיכער די בר־מינן׳ס ברענגען צו זייער נייער היים.

האט זיך איינער פון די אלטע לייט דערמאהנט אן דעם למד־ואו׳ניק. אבער וואס מען האט ניט צוגראבען און



Digitized by Google

צו־אקערט, האט מען בשום אופן זיינע ביינער ניט געקענט געפינען. איין אלטען מאן האט זיך אפגערוכט אז ער ליעגט ערגעץ אונטער דעם גרויסען בוים, וואו עס איז פערוואקסען מיט קוסטעס, א צווייטער האט געזאגט, אז ער ליעגט נעבען דעם רונדען שטיין. א דריטער האט גע־קלערט אז ער ליעגט גאר ביים עק פון בית עולם. מע האט די ערד אויסגעגראבען אומעטום אבער געפונען האט מען גאר נים. דען קיין מצבה אויף דעם למד־וואו'ניק'ס קבר איז קיין מאל ניט געשטעלט געווארען...

און דא קומט די מעשה מיט'ן למד־וואו'ניק:

---

מיט פיעל, פיעל יאהרען צוריק איידער ס'איז ארוים דער אוקאז צו מאכען די פעסטונג, איז אין שטעדטעל געקומען א הויכער מגושם'דיגער איד וואס האט צוגע־הונקען אויף איין פוס. ער איז געווען אנגעטהאן אין א גראבען לייוועגטענעם כאלאט ארומגעבונדען מיט א שטריק, און האט געטראגען גרויסע פארטריקענטע און צוריסענע שטיוועל. ער איז גלייך אוועק אין בית מדרש. דארט האט ער געבעטען דעם שמש, ער זאל איהם לאזען נעכטיגען הינטער'ן אויווען. קאנדידאטען אויף דעם פלאץ זיינען געווען מעהרערע, ווייל דרויסען איז געווען א שטארקער ווינטער און הינטער'ן אויווען איז געווען ווא־רעם. האט איהם דער שמש ערלויבט, בתנאי ער זאל יע־דען טאג איינהייצען דעם אויווען און אנטראגען וואסער פאר'ן כיור. דער איד אין לייוונט האט זעהר בעדאנקט: אדרבה ואדרבה. ער האט זיך נאך אנגענומען אפצו־



Digitized by Google

שייערען די הענגלייכטער יעדען פרייטאג, און אויסקעהרען דעם בית מדרש, ווען מע דארף.

דער איד איז געבליבען אין בית־מדרש.

פריה בעגינען, ווען דער שמש איז געקומען אין בית מדרש איז שוין דער אויווען געווען איינגעהייצט און דער כיור פול ווי אן אויג מיט וואסער. נאכ׳ן דאווענען, פלעגט דער איד ארויס, און געהן פון הויז צו הויז פרעגען אויב עס איז ניטא פאר איהם אן ארבייט, אזוי ווי למשל, צו האקען אביסעל האלץ, אפהאקען דעם אייז פון א בריקעל. קיין געלד האט ער ניט פערלאנגט. ער פלעגט בלויז נעהמען פאר זיין שכר־טרחה א שטיק ברויט, און פלעגט עס אריינלעגען צו זיך אין כאלאט. געגעסען האט ער הינטער׳ן אויווען.

דער שמש איז געווען א בייזער איד. ביים אויסטהיילען די חלב׳נע ליכט צו די ישיבה־בחורים פלעגען איהם די הענד ציטערען. אזא רשע איז דאס געווען. אבער אפילו אין זיינע אויגען האט דער הינקעדיגער איד נושא חן געווען.

פרייטאג איז דער איד געווען מעהר פערטהאן ווי תמיד. א חוץ אויסרייניגען די לייכטער און אויסקעהרען דעם בית מדרש, האט ער געמוזט פערדיענען געננוג פאר זיך אויף שבת. אן עקסטרא שטיק ברויט און — א הערינג, דאס איז געווען זיין עונג שבת.

דער שמש האט אמאל אוועקגענומען די האנד פון הארצען און איהם גערופען צו זיך פרייטאג־צו־נאכט, אבער דער איד איז בשום אופן ניט געגאנגען.



Digitized by Google

דער שמש האָט זיך תיכּף אַנגעשטויסען פאַרוואָס ער ווייל ניט אַננעהמען די איינלאַדונג. ער האָט שוין פון פריהער געקלערט אַז דער איד איז אַ גרויסער עם הארץ. אפילו מיט אַ תהלים אין האנד האָט מען איהם קיין מאָל ניט געזעהן. געהן צו איהם פרייטאָג־צו־נאַכט האָט ער קענטיג ניט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא געהאַט ער זאָל ניט נכשל ווערען אין די „עברי" ביי קדוש מאַכען אָדער בענשען...

ווען ס'איז געקומען דער שבת פון תוכחה, האָט דער שמש גאָר ניט פרעגענדיג אויפגערופען דעם אידען פון הינטער'ן אויווען. און דאָס איז שוין געבליבען אַ חזקה אויף ווייטער.

אַזוי האָט דער הינקעדיגער אָפּגעלעבט אין בית־מדרש צוואַנציג יאָהר כסדר ביז ער האָט איין פריה־מאָרגען דערפיהלט אַז ער קען זיך ניט אויפהויבען פון זיין געלעגער. הינטער'ן אויווען איז געווען וואַרעם ווי אין אַן אויער אָבער איהם האָט געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און ער האָט זיך געטוליעט אין זיין צוריסענעם בגד, וואָס פלעגט ביינאַכט איהם דיענען פאַר אַ קאָלדרע.

אַ טאָג איז אַוועק און דער איד איז געוואָרען שלאַף. דער שמש האָט לכתחלה געוואָלט ברענגען דעם רופא, אָבער דער הינקעדיגער האָט איהם שטאַט דעם געבעטען ער זאָל רופען דעם רב...

געזונדערהייט וואָלט עס געווען אַ חוצפה, אָבער אַ גוסס.. נו, איז דער רב געקומען תיכּף צו געהן...

און ווען דער רב איז אַנגעקומען, האָט שוין דער גוסס קוים געקענט רעדען, אָבער פּלוצים האָט ער זיך



Digitized by Google

אויפגעזועצט, עפּעס ווי אַ נייע נשמה וואָלט אין איהם אַריין און זיין פּנים האָט גענומען שיינען מיט אַן אונ־געוועהנליכען גלאַנץ. די אויגען האָבען געקוקט העל אין דעם געזיכט פון דעם רב, און ער האָט געזאָגט מיט אַ קלאָרער שטים:

— רבי, איידער איך שטאַרב האָב איך אייך צוויי זאַכען צו זאָגען... דעם אַנדערען טאָג האָב איך געהערט ווי איהר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סנהדרין אויף דעם תוספות... און ס'איז אייך געבליבען הארב... איך וויל עס אייך פערענטפערען...

דער רב האָט אָנגעשטעלט די אויערען, און זיינע פּיס האָבען גענומען ציטערען פון אימה...

און דער הינקעדיגער איד האָט פערענטפערט דעם תוספות מיט אַזא גאונות, אַז דער רב האָט זיך צו־וויינט...

— און צווייטענס — האָט דער שטערבענדער געבעטען — מוזט איהר מיר צוזאָגען אַז איהר וועט ערפילען מיין לעצטע בקשה... זאָגט קיינעם ניט ווער איך בין, זאָגט א י ה ר קדיש נאָך מיר, ווארום איהר זייט אַן עהרליכער איד, אַן א מ ת עהרליכער איד, — האָט ער צוגעלעגט — און לאָזט אויך ניט קיין מצבה אָדער צייכען שטעלען אויף מיין קבר... איך וויל ליעגען אויפ'ן בית עולם, ווי איך בין דאָ אין בית מדרש געלעגען...

דעם טויטען'ס בקשה איז ערפילט געוואָרען און קיין מצבה האָט מען ניט געשטעלט און קיין ברעטעל אפילו ניט אַריינגעשטעקט. דער רב האָט ניט געלאָזען.

דער קבר איז מיט דער צייט פערוואַקסען געוואָרען. און ווען דער רב איז מיט אַ יאָהר פערציג שפּעטער גע־



Digitized by Google

שטאַרבען, האָט שוין קיינער אפילו ניט געוואוסט בע־שטימט וואו דער קבר איז...

אויף זיין טויטען־בעט האָט דער אַלטער רב די מעשה דערצעהלט, און די אַלטע לייט געדענקען זי נאָך.

---

איצט האָט מען זיין קבר בשום אופן ניט געקענט גע־פינען. און דער מגיד האָט וויינענדיג זיך צו דעם פער־באָרגענעם נפטר געווענדעט...

— רבי, איהר זייט אין לעבען פערשעהמט געוואָרען און איצט זייט אונז מוחל וואָס מיר פעשעהמען ניט־ווילענדיג אייערע ביינער נאָכ'ן טויט...

און דער עולם האָט שטיל געוויינט און זיך מיט דעם למד־ואָו'ניק געזעגענט...

---

דער פאָרט איז געבויט געוואָרען. און דער צדיק איז געבליבען אַליין, ערגעץ אין דער ערד אונטער דעם פאָרט, און קיינמאָל איבער זיך ניט אַ הייליג וואָרט געהערט...

און די מתים אין דעם נייעם מקום מנוחה שפירען דעם ביוש וואָס מע האָט דעם הייליגען מאַן אַנגעטהאָן...

ווי נאָר ס'ווערט פינסטער הויבען זיך די קברים אָן צו עפענען, און מע געהט אַזוי ווי צו תשליך דעם למד־ואָו'ניק מחילה בעטען...

צוערשט געהען די ערשטע שורות אין טליתים און קיטלען איבער די תכריכים, און פאָראויס געהט דער רב

וואָס האָט דעם למד־וואָו'ניק די אויגען געשלאָסען. ער איז דער וועג־ווייזער, דען ער ווייס וואו דער קבר איז...

דערנאָך ציהען זיך אויפ'ן שליאַך, די מתים פון די הינטערשטע שורות... צו פיער און צו פינף פאַרברייט... נאָך זיי קומען די ווייבער, און לסוף קימפּעטאָרינס וואָס טראָגען די עופ'עלעך אויף די הענד, און חדר־אינגלעך...

אפילו דער מסור וואָס ליעגט הינטער'ן פּאַרקאַן גיעהט אויך... מיט דעם עולם טאָר ער זיך ניט מישען, געהט ער אליין, דער לעצטער...

אַלע טראָגען זיי די שערבלעך אויף די אויגען, און אין דעם שיין פון דער לבנה שימערען די שערבלעך אַזוי ווי שפּאַקולען...

אין דעם פּאַרט ווערען זיי פערשוואונדען, דאָרט וואו דער אַלטער רב ווייזט אָן...

פאַרטאָג וואַנדערען זיי צוריק און דער צדיק בלייבט ווידער אַליין, אין דער ערד אונטער דער פעסטונג, וואו קיינמאָל הערט ער ניט אַ הייליג וואָרט.

.1913



Digitized by Google

# שוואַרץ און ווײַס

Digitized by Google

Digitized by Google

# זונדער

(פון ניו יאָרקער לעבען).

דער לעצטער גלגול צו וועלכען זונדעל איז געקומען אין אמעריקא איז געווען, צו שטעהן ביי אַן עק גאַס אויף גרענד סטריט מיט א קליינעם לאַנגליכען קעסטעל אָנגעפילט מיט רויטע, בלאָע און גרינע צעטעלעך. אויף דעם קעסטעל איז געשטאַנען א קליין געל פויגעלע ציטערענדיג און נורענדיג דאָס שנעבעלע צווישען איהרע פליגעלעך. דאָס פויגעלע איז געווען זונדעל'ס ברויט־געבער.

ניט דער בעל־הבית און ניט זיין פּיצינקער שקלאַף האָבען ביימאָג געהאַט וואָס צו טהאָן. און זונדעל פלעגט שטעהן שטונדענלאַנג אָנגעשפּאַרט אָן דעם קעסטעל, קנקענדיג אויף זיין געלינקען מפרנס און טראַכטען צו וואָס א מענש קען קומען. ווען אימעצער וואָלט מיט א יאָהר צעהן צוריק אין דעם קליינעם שטעדטעל ביים ניעמאַן, געזאָגט זונדעל דעם רב'ס אז ער וועט ווערען א פערקויפער פון „מזל", וואָלט ער איהם אין געזיכט אריינגעשפּיגען. איבריגענס האָט עס גענומען לאַנג, לאַנג ביז

ער, אפילו נאָך אַלע צרות וואָס ער איז דאָ אויסגעשטאַנען, האָט זיך אויף אַזוי-וואָס בעשלאָסען... צוערשט האָט ער געפּרופט לערנען מיט קינדער, דערנאָך האָט ער געפּעדעלט מיט ספרים, שפּעטער איז ער געוואָרען אַ פּרעסער ביי הויזען, און ערשט ווען ער האָט אָנגעהויבען הוסטען, האָט ער פערדרעהט דעם קאָפּעלוש און זיך גענומען צו דער איצטיגער פּרנסה...

ער בעט נאָר גאָט אַ גאַנצען טאָג אז ערגעץ אַ לאַנדס-מאַן זאָל זיך ניט אונטערדרעהען און איהם זעהן ביי זיין נייעם „געשעפט"...

פאַרנאַכט ווען די פאַבריקען הויבען אָן ארויסשפּייען אויסגעמוטשעטע בלייכע מחנות אויף דער ווייסער וועלט און אויף די טראָטוארען ציהט זיך אַ געדיכטע שווארצע פּראָצעסיע — ווערט זונדעל „ביזי" (פערהאַוועט). האַל-טענדיג אַ הילצערנעם טייטעל אין דער האַנד שטעהט ער און רופט מיט אַ נגון וואָס דערמאָנט שטאַרק אָן דעם נגון פון „צדקה תציל ממות":

— אייער מזל פאַר איין סענט! פּרובירט אייער מזל. פאַר איין סענט! אייער מזל אויף אידיש אָדער ענגליש בלויז איין סענט!

דאָס פויגעלע קוקט מיט האַלב-פערמאַכטע אויגלעך ווי זי וואָלט צוגעבאַמקעט:

— גיט אונז עפּעס צו פערדינען...

דער עולם איילט זיך. דער שטראָם פון געלבליך-בליי-כע געזיכטער און פיבעריש-מאַטע אויגען, פלייצט און פלייצט מיט ראַשען אימפּעט. יעדער וויל וואָס שנעלער

קומען אהיים. און זונדעל קוקט רעכטס און לינקס און מאכט מיט דעם טייטעל און זינגט תחנונים'ריג:

— בלויז איין סענט! מיידלעך, ווייבלעך, כלות, חתנים, פרופט אייער מזל פאר בלויז איין סענט!

פון דעם געדראנג געהט ארויס א בלייכע מיידעל שוין ניט זעהר יונג, עפענט אויף איהר פארטמאנע און נעהמט ארויס א סענט.

דער אויסרופער גיט א שטילען געהיימניספולען קלאפ מיט זיין העלצעל און דער קליינער ברויטגעבער כאפט ארויס זיין שנעבעלע פון די ווארעמע פעדערלעך, פיקט און פיקט איבער די סענטיגע „שיקזאלען", און ציהט ארויס א בלא אדער א רויט צעטעלע... דאס מיידעל כאפט עס האסטיג צו.

און זונדעל ק ל א נ ג ט ווייטער:

— בלויז פאר איין סענט! אייער מזל פאר איין סענט!

צעהן א זייגער ביי דער נאכט צעהלט זונדעל איבער זיין פדיון, שיט די קופערנע מטבעות אריין אין א קליי־נעם בייטעלע און לעגט דאס בייטעלע אריין אין דער בוזעם קעשענע פון זיין וועסט, זיפצט אפ און טהוט א זאג צו דעם פויגעלע:

— איצט וועלען מיר געהן א היים...

דאס פויגעלע האט שוין הפנים לאנג געוואַרט ער זאל עס זאגען, און קארטשעט זיך אין דער קאלטער נאכט־לופט אז עס איז א צער צו זעהן.

ווען זונדעל קומט מיט זיינע כלי מכשירין אהיים אין לודלאוו סטריט, איז זיין ערשטע עובדא ארונטערצו־



Digitized by Google

שטעלען דאָס קעסטעל בחפזון אונטער'ן בעט און דאָס פויגעלע פעררוקען אין אַ ווינקעל וואו מען קען עס קוים זעהן.

זיין ווייב געפינט ער געוועהנליך דרעמלענדיג אין קיך און ווארטענדיג אויף איהם. בעסעלע שלאָפט שוין דאמאָלס אין איהר בעטעל.

דעם מזל־פערקויפער טהוט הנאה וואָס זיין בת־יחידה'לע שלאָפט. אמאָל ווען ער איז נאָך געווען אַ פּרע־סער און איהם איז אויסגעקומען צו ארבייטען שפּעט און ער איז געקומען אהיים און געפונען בעסעלען אין בעט — האָט זיך איהם דאָס הארץ פערגאָסען מיט בלוט. דאָס עסען פלעגט איהם ניט איינגעהן און ער פלעגט שטעהן און קוקען אויף איהר שלאָפעדיגען פּנים'ל און וועלען זי אויפ־וועקען, זי נעהמען אויפ'ן שויס און זיך שפּיעלען מיט איהר, אָבער עס איז געווען אַ רחמנות. וואָס איז דאָס קינד שולדיג וואָס איהר טאַטע איז אַ פינסטערער ביג־לער ?... ער פלעגט אוועק פון איהר געלעגער און שילטען אין הארצען זיין באָס מיט גאַנץ אמעריקא צוזאמען...

זינט ער איז אין זיין נייער ביזנעס דאנקט ער גאָט וואָס בעסעלע זעהט איהם ניט, ניט ווען ער קומט ביי נאכט אהיים און ניט ווען ער געהט אוועק.

אין דער פריה שטעהט ער אויף כמעט מיט טאָג צו־גלייך און צוזאמעננעהמענדיג זיין „קרעמעל” געהט ער ארוים אויף די שפּיץ פינגער, און אין הארצען בעט ער גאָט בעסעלע זאָל זיך נאָר ניט אויפכאפּען. ער האָט מורא אפילו איהר אַ קוש צו טהאָן, טאָמער וועט ער זי אויפ־וועקען...



Digitized by Google

— וואס איז אויף דיר דאס איילעניס וואלט איך וועלען וויסען — פרעגט איהם דאס ווייב זיך צוכענדיג פון שלאף — מען וואלט מיינען אז דיינע געשעפטען ברענען און דו מאכסט מי יודע וויפיעל ביי דיינע צעטעלעך.

ביי דעם ווארט „צעטעלעך" ווערט זונדעל אן אויפגעציטערטער און בלייבט שטעהן מיט דער האנד אויפ'ן טהיר־הענטעל.

— וואלסט כאטש ווארטען ביז דאס קינד וועט אויפשטעהן — מוסר'ט דאס ווייב ווייטער.

זונדעל זאגט גארניט, נאר ער קוקט מיט שטומער ביטערקייט אויף דעם קעסטעלע און דעם פויגעל.

— און אז זי וועט זעהן איז וואס ? — צושרייט זיך דאס ווייב אין ענטפער אויף דעם דאזיגען קוק — קעקערע לייט פון דיר האבען עס געטהאן און קיין זאך איז קיין שאנד ניט ווען מען וויל מאכען א „לעבען"...

זונדעל שפירט אז איהם שטיקט אין דער קעהל. איהם ווילט זיך א שליידער טהאן דאס קעסטעל אן דער ערד, אבער ער האלט זיך איין און שרייט אויס : —

— איך וויל ניט אז זי זאל דערפון וויסען... דו הערסט ? דו רעד זיך אקארשט מיט דיין לאנגער צונג ניט ארויס פאר'ן קינד וואס איך טהו...

ער איז פול מיט גאל און דער כעס ווערגט איהם, אבער ער האקט אפ אין מיטען. זיין ווייב לעקט נעבאך אויף קיין האניג ניט און ווען ניט די ארבייט וואס זי נעהמט אהיים וואלט דער „מזל'דיגער" עסק קוים אויף א האלבע הוצאה געסטאיעט.



Digitized by Google

און זונדעל ניט א האַק מיט דער טהיר און אַנטלויפט, הגם ער ווייס גאַנץ גוט אז אין דער פריה לייזט ער קיין מאָל ניט א סענט.

איינמאָל ווען ער איז געקומען אַהיים ביינאַכט און זיך געאיילט ווי תמיד בעהאַלטען דאָס קעסטעלע אונטער'ן בעט, האָט ער דערהערט די שטימע פון זיין טעכטערל:

— א פויגעלע ! א פויגעלע ! ציפ־ציפ־ציפ, פויגעלע !..

און איידער זונדעל האָט בעוויזען צו פעררוקען דאָס פויגעלע אין א ווינקעל איז שוין בעסעלע אַראָפּגעשפּרונגען אין איין העמדעל פון בעט און האָט פון זיין האַנד געריסען דעם קליינעם שטייג.

זונדעל איז געוואָרען בלייך און רויט און איז געשטאַנען א צומישטער ווי איינער וואָס מע האָט איהם נאָר וואָס געכאַפּט ביי א גנבה...

— איך וועל זיך מיט איהם שפּיעלען, פּאַפּאַ — האָט בעסעלע אַרומגעטאַנצט אַרום דעם שטייגעל — מערי דעם „דזשעניטאָר'ס" (הויז־אויפפאַסערס) האָט אויך א פויגעלע, און איך וועל אויך האָבען. — די קליינע האָט לוסטיג געפּאַטשט מיט די הענטלעך.

זונדעל האָט אַוועקגענומען דאָס שטייגעל פון איהר און די הענד האָבען איהם געציטערט. ער האָט מורא געהאַט צו קוקען אויפ'ן קינד און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען געזאָגט:

— בעסעלע מיין גאָלד, דאָס פויגעלע איז ניט צום שפּיעלען...



Digitized by Google

— איך וועל איהם גאר ניט טהאן, פאפא דארלינג — האט זיך דאס קינד געבעטען פערשטעהענדיג גאנץ אנ־דערש די כונה פון זיינע ווערטער — איך וועל איהם ניט אנריהרען אפילו, אבער ער וועט זינגען... און עס וועט זיין אזוי ווי אין פארק... ציפ־ציפ־ציפ...

זי האט צוזאמענגעראלט איהרע ליפען ווי א רעהרעל און געפייפט צו דעם פויגעל : —

— ציפ־ציפ־ציפ...

— בעסעלע, ער קען ניט זינגען — האט זונדעל גע־שטאמעלט.

— צו וואס, פאפא, האסטו געקויפט א פויגעל וואס קען ניט זינגען ? דעם דזשעניטאר'ס זינגט אזוי שעהן אלע אין דער פריה — איז בעסעלע געווען ענטטוישט.

— חנה, נעהם צו דאס קינד פון מיר — האט זונדעל אויסער זיך געשריען צו זיין ווייב, וועלכע האט פאר איהם געדעקט דעם טיש אין דעם צווייטען צימער.

בעסעלע האט זיך אונטערדעסען אנגעטשעפעט אן דעם שטייגעל און געבעטען פאפא זאל איהר לאזען כאטש נאך א קוק געבען אויף דעם פויגעלע.

זונדעל'ס פינגער האבען קאנוואולסיוו ארויסגעריסען דאס שטייגעל פון דעם קינד'ס הענד, און די קליינע האט זיך ביטער צו־וויינט.

חנה איז אריינגעלאפען ניט טויט ניט לעבעדיג.

— פא־פא וויל מיך ניט לא־זען קו־קען אויפ'ן פוי־גע־לע — האט דאס קינד געשלוכצט און זיך געריבען די אויגען אין עכט־קינדערשער פערצווייפלונג.



Digitized by Google

— וואס האסטו זיך אזוי צעווישעט, משוגע'נער — האט חנה זיך א קעהר געגעבען צו זונדל'ען נאכדעם ווי זי האט בעסעלען גענומען צו זיך אויף די הענד — דאס ארעם קינד וויל זיך שפיעלען מיט'ן פויגעלע, איז מה רעש ? גרויסע פערגעניגענס האט זי ביי דיר, און דער עסק קאסט דיר טהייער... קום אוועק פון דעם וואלד־גזלן — האט זי זיך געווענדעט צו בעסעלען — זאל ער זיך האלטען מיט זיינע פויגעלעך און זיינע צעטעלעך...

ביידע, אי די מאמע אי דאס קינד האבען געקוקט אויף זונדל'ען מיט בייזע בליקען...

זונדל האט זיך געזעצט אויפ'ן בעט און האט פער־דעקט מיטביידע הענד דאס געזיכט און זיך צוכליפעט...

.1912

# קאמעראדען

(אַ בילד).

אין דער פריה ווען די זונן איז ערשט האַלב וועגס צום מיטען הימעל, און די הויכע בערג זיינען בעצויגען מיט אַ קיהלען בלאָען טול — פערקלייבען זיך די פּאַציענטען אויף דער ברייטער וועראנדאַ פון דעם סאַני-טאריום און באָדען זייערע אָפּגעמאַטערטע גליעדער אין דעם ווארעמען קוויקענדען ליכט...

גרופּען בילדען זיך אין פערשיעדענע ווינקלען, און געשפּרעכען דורכגעריסען ווען ניט ווען פון אַ הוסט, הערען זיך פון אַלע זייטען.

די אינטערעסען פון לעבען הילכען אָפּ מיט אַ שוואַכען ווידערקלאַנג אין דעם טהאָל פון טויט... געזינונגס-גענאָסען טרעפען זיך צוזאמען, מיינונגען ווערען אויסגע-ביטען, פראַגען ווערען דיסקוטירט און וואו ניט וואו

גליהט אויף אין אן אויג א שטראהל — א רעשט פון גע־זונדע צייטען...

איינזאם אין א ווינקעל נאר זיצט דער „זיידע” און בלעטערט זיין אידישע צייטונג אדער קוקט אריין עפעס אין א קליינעם ספר מיט רש”י־אותיות...

צווישען די יונגע קרבנות פיהלט ער זיך ניט היימיש...

אלע שפירען אז ער געהערט ניט דא. און געהט מען איהם פערביי, דאכט זיך איהם ווי מע וואלט זאגען :

„אין א בית מושב זקנים האסטו געזאלט זיין... דו האסט דיינע יאהרען אויסגעלעבט און האסט געמענט פון זקנה שטארבען... דא קומט מען בלויז שטארבען אדער גוסס’ען פ א ר דער צייט... דאס סאניטאריום איז פאר א ו נ ז , די יונגע...”

און דעם אלטען בענקט זיך מעהר ווי תמיד נאך זיין יוגענד... וואלט ער דא געקומען שטארבען יונגערהייד, וואלט מען איהם אין געזעמעל אריינגענומען...

א שמייכעל בעוויזט זיך נאר אויף זיין צוקנייטשטען פנים, ווען די „בייבי” (עופ’עלע) קומט צו איהם.

זי איז די אינגסטע פאציענטקע — קוים פינף יאהר אלט, און זי זוכט אומזיסט מיט וועמען זיך צו שפיעלען...

געהט זי פון איין גרופע צו דער אנדערער און איהרע גרויסע בלאע אויגען קוקען ארויף פון איהר דארען פנים’ל, צו די דערוואקסענע, און איהרע אויערלעך הארכען זיך איין צו ווערטער וועלכע זי פערשטעהט ניט און זי זעהט אוים ווי א פערבלאנדזשעט ציגעלע...



Digitized by Google

דאַ און דאָרט שטעקט אימעצער אויס אַ האַנד און
גיט איהר אַ גלעט איבער'ן קעפּעל. מע וואָלט איהר גערן
צוקערקעס געגעבען. איז עס אָבער שטרענג פערוועהרט...
קומט זי צו דעם אַלטען, נעהמט ער זי אַרויף אויף
זיין שויס און רעדט צו איהר און די קליינע טוליעט זיך
צו זיין לאַנגער ווייסער באָרד...
אָפט זעצט זי זיך אַראָפּ אויף דער פאַרלאָגע פון דער
וועראנדאַ, שפּאַרט צו איהר קליינע מאָרדעצקע צי זיינע
קניע, און קוקט איהם אַריין אין די אויגען. דאַן הויבט אָן
דער אַלטער איהר דערצעהלען מעשות, און דערצעהלט
אַזוי לאַנג ביז־זי ווערט אַנטשלאָפען און די וואַרטס־פרוי
קומט און טראָגט זי אַוועק....
צו איהם געהט זי גיכער ווי צו אַלעמען. און מע רופט
זיי ביידען „דער זיידע מיט'ן אייניקעל".
זי געהערט דאָ אויך ניט...
חבר'ן זיי זיך ביידע און ווערען צוגעבונדענער פון
טאָג צו טאָג. ווען דער אַלטער זעצט זיך אַוועק אין זיין
ווינקעל קוקט ער ארום זיך און וואַרט אויף דער קליינער
— זיין איינציגער קאָמפּאַניאָנקע...
איין טאָג האָט ער געזוכט צווישען זיינע זאַכען, אפשר
וועט ער פאַר איהר עפּעס אַ שפּיעלצייג געפינען. אָבער
וואו האָט אַן אַלטער איד צאַצקעס פאַר קינדער? וואָלט ער
כאָטש אַ בלאַנק קנעפּעל געפונען — האָט ער דאָס אויך
ניט געהאַט.
דערפרעהט האָט ער זיך ווען ער האָט אַרויסגעפישט
פון זיין קופערט אַ פּאָר ליידיגע שאַכטעלעך פון פּיללען.
מיט זיי האָט ער זיין קליינע חבר'טע בעשאָנקען.

א גאנצען טאָג איז זי גערעסען און זיך געשפּיעלט מיט די שאַכטעלעך, נעבען זיינע פיס.

שפּעטער האָט ער ערגעץ־וואו דערטאַפּט א פּאָר ליי־דיגע פלעשלעך פון רפואות, און דאָס מיידעלע איז געווען איבערגליקליך מיט דער נייער מתנה...

אויף די פלעשלעך זיינען נאָך די צעטעלעך געווען אָנגעקלעפּט. אויף איינעם פון זיי איז געשטאַנען מיט רויטע בוכשטאַבען „ג י פ ט"... די רויטע אותיות האָבען געהאַט א בעזונדערען חן אין די אויגען פון דער קליינער...

און דער אַלטער האָט טרויעריג געשמייכעלט.

אָבער דאָס אייניקעל איז יעדען טאָג געוואָרען אַלץ דינער און גרינגער ווען דער אַלטער פלעגט זי אויפהויבען, ביז זי איז געווען לייכט ווי א פעדערל...

און געקומען איז דער טאָג ווען זי איז ניט מעהר אליין ארויסגעקומען אויף דער ווערענדע.

אויף א בעטעלע האָט מען זי ארויסגעטראָגען, און אויף דעם קינד'ס בקשה האָט מען דאָס בעטעלע נעבען דעם „זיידען" אוועקגעשטעלט. און דער אַלטער האָט גע־נומען אין זיין צוקנייטשטער געלער האַנד, איהר קליין דורכזיכטיג הענדטעל און איהר צום הונדערטען מאָל גע־נומען דערצעהלען די מעשה מיט דעם רב און דער רבי'צין און די זיבען קליינע קינדערלעך...

אויף דער קאָלדרע זיינען געלעגען איהרע שפּיעלצייג —די פּיללען־שאַכטלעך מיט די פלעשעלעך, און סאַמע אין מיטען האָט געפונקעלט איהר ליעבלינג — דאָס פלעשעלע מיט דעם וואָרט „גיפט"...



Digitized by Google

וואכען כסדר האט מען זי אזוי ארויסגעטראגען, און דער אלטער איז פון איהר בעטעל ניט אפגעטראטען...

פלעגט דאס קינד איינשלאפען, פלעגט דער אלטער שטילערהייד זאגען תהלים, און קוקען אויף איהר אזוי לאנג ביז א גרויסע טהרער פלעגט זיך ארייגקייקלען אין זיין בארד...

איין מארגען האט מען דאס בעטעלע ניט ארויסגע־טראגען און דער אלטער האט אויסגעבראכען אין א היס־טערישען יאמער...

זיין איינציגע חבר'טע איז געשטארבען...

.1912



Digitized by Google

# שטומע קאָנקורענטען

ווען עס זיינען געוואָרען צעהן יאָהר זינט ער האָט אָנגעהויבען ארבייטען אין שאָפּ אלס פּרעסער, האָט זעליג זאַלקינד געפייערט זיין ארבייטס־יובילעאום, אויף זעהר אַן אָריגינעלען אופן. ער האָט, נעמליך געקריגען א בלוט־שטורץ פון די לונגען, און א קלייגעדיגער רווישיגער אמבור־לאַנס האָט דעם יובילאַר אוועקגעפיהרט אין האָספּיטאַל.

זעליג איז געווען א געזונדער שטאַרקער בחוד פון דער היים, און דער זכות פון די אַמאָליגע כחות איז איהם אזוי ווייט ביינעשטאַנען, אז פון האָספּיטאַל איז ער ווי עס איז ארויס א לעבעדיגער.

אָבער פון ארבייטען ווידער אין שאָפּ איז געווען אָפּ־גערעדט. ער האָט קוים געהאַט כח געגוג ארויסצוגעהן, און די מורא פון א נייען בלוט־שטורץ איז געהאַנגען איי־בער איהם ווי א שטענדיגער „חרב המתהפכת"...

דאָ האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה פון געהן אין „דיספּענסערי" (פּרייוער קליניק). לאַנדסלייט האָבען איהם פערשאַפט זייערע אומזיסטע פעראיין־דאָקטוירים, און יעדער איינער, אַזוי ווי די פּראַגע וואָלט געשטאַנען



Digitized by Google

ערנעץ־וואו אין דעם מעדיצינישען שולחן־ערוך, האט קודם כל זעליג'ן א פרעג געטהאן מכח זיינע מיטלען. ווען עס האט זיך ארויסגעצייגט אז זאלקינד איז ניט פון די ניין מיליאן מענשען וואס האבען, לויט סטאטיסטיק, געלט אין שפאר־באנקען, און איז א קבצן וואס האט תמיד געלעבט פון האנד צום מויל — איז געווען אים־ליכען'ס עצה אז ער מוז תיכף פאהרען קיין קאלאראדא.

אפשר ווען זאלקינד וואלט ניט געווען אזוי גע־בראכען, וואלט זיך דאך אימעצער געפונען, וואס וואלט געדענקט אז א דאקטאר'ס הילף, קען א סך אויפטהאן אפילו אין ניו יארק, געהייסען קומען אויף א צווייטע אונטערזוכונג א. ז. וו. אבער זאלקינד איז געקומען מיט א צעטעלע פון א פעראיין־מיטגליעד, און ס'האט ניט גענומען לאנג צו בעשליסען, אז ער מוז ניט אנדערש בייטען דעם קלימאט און פערלאזען ניו יארק.

קרובים, לאנדסלייט און אמאליגע מיט־ארבייטער פון שאפ האבען זיך צוזאמענגעלעגט, און א „טיקעט" ביז דענווער מיט א פאאר דאלאר דערצו זיינען בעשאפען געווארען. אן הבטחה איז איהם געגעבען געווארען אז מען וועט איהם ניט פערלאזען, און אין א פאר טעג ארום האבען זאלקינד'ס לונגען זוכה געווען צו אטהעמען די שארפע מחיה'דיגע בארג־לופט פון קאלאראדא.

א פאאר וואכען איז אויף זאלקינד'ן געווען א נייע הויט און א נייער פנים. מיט דעם דורשט פון איינעם, וואס האט זיך צעהן יאהר נאכאנאנד געשטיקט אין דער פערשטיקטער ענגשאפט פון פאבריק, האט ער זיך ניט געקענט געגוג אנזופען מיט דעם קיהלען קלאהרען קרעפ־



Digitized by Google

טיגענדרען אויר, ניט געקענט זיך זאט אנקוקען אויפ'ן ריינעם, לויטערען הימעל און אויף די זונן־בעגלאָסענע טרוקענע גאסען. ער האָט גענומען פיהלען בעסער און פרישע האָפנונגען האָבען זיך צושפּיעלט אין זיין שווינד־זיכטיגער ברוסט.

אָבער זאַלקינד האָט זיין נסיעה אָביסעל פערשפּע־טיגט. ער האָט זי געוואָלט מאכען א פּאָאר יאָהר פריהער. דאָס ביסעל לונג וואָס איז איהם איצט געבליבען, האָט ניט מעהר געסטאַיעט אויפצוהאַלטען זיינע שווינדענדע קרעפטען און מעהר ווי א קורצע קוויקונג האָט איהם דער בערג־קלימאָט ניט געקענט פערשאַפען.

און זעליג זאַלקינד האָט זיך גענומען פיהלען ערגער און שלאַפער פון טאָג, און זיין איינציגער געדאַנק איצט, איז געוועזען : ווי קומט מען צוריק נאָך ניו יאָרק, אויס־לעבען די צייט וואָס איז איהם נאָך בעשערט, צווישען איינענע מענשען ?

וואו נעהמט מען אויף א „טיקעט" ? — איז געוועזען די איינציגע פראַגע וואָס איהם האָט בעשעפטיגט. זיינע פריינד און לאַנדסלייט וועלען איהם שוין ווי־עס־איז אויסהאַלטען דאָרטען. זיי פלעגען איהם דאָ אויך צושיקען די פּאָאר דאָלאר א וואָך וואָס ער האָט נויטהיג געהאַט צו בעצאָהלען פאר עסען און לאָזשי. אָבער צי וועלען זיי אַרויסנעהמען אויף איין מאָל אַן אפּותיקא פון פערציג־פופציג דאָלאר און איהם שיקען אויף רייזע־הוצאות ?

ווי קומט מען שוין אמאָל אין ניו יאָרק ? — האָט גענאָגט און געעגבערט זעליג'ען פון פריהען מאָרגען ביז

שפּעט אין דער נאַכט. און אין שלאָפלאָזע נעכט וועלכע זיינען קיין נאָווינע ניט אין דעם לעבען פון אַ שווינד־זיכטיגען, ווען זיין בליק פלעגט שטאַרען פערצווייפעלט אין דעם חשך פון זיין קליינעם שלאָף־צימער, דאַן פלעגט זיך די דאָזיגע פראַגע מאָהלען מיט פייערדיגע אותיות אין דער פינסטערניס...

און גראַד אַזוי שטאַרק און נאָך שטאַרקער, ווי זיין אונגעדולד אַמאָל צו קומען קיין דענווער, איז איצט געווען זיין ביינקענים נאָך ניו יאָרק...

איין טאָג האָט זעליג אויסגעפונען אַז ער איז ניט דער איינציגער וואָס חלומ'ט און ביינקט נאָך ניו יאָרק. אין דאָס הויז וואו ער איז איינגעשטאַנען, האָט זיך אַריינ־געקליבען אַ הויכער, דאַרער, הייזעריגער יונגער מאַן וואָס האָט אויך געהאַלטען אין איין שילטען קאָלאָראַדאָ.

— טאָ פאַר וואָס פאָהרט איהר ניט אַוועק ? — האָט זאַלקינד געפרעגט.

— ניט מיר די נויטהיגע ממתקים און איך וועל אפילו ניט ווארטען ביז מיינע זאַכען זיינען פערפּאַקט — האָט דער הייזעריגער קוואַרטיראַנט אַרויסגעסאָפּעט — הלואי וואָלט קאָלאָראַדאָ ניט ע ר פ ו נ ד ע ן געוואָ־רען, און מיר וואָלט זיך אַ פוס אויסגעבראָכען איידער איך זאָל זיך דאָ פערשלעפּען.לעבען אָדער שטאַרבען, אַ סוף אַנ'עק, אַבי זיין צווישען אייגענע.

דער הייזעריגער האָט זיך פערקייכט אין אַ שטילען כריפּענדען הוסט. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטהעם האָט ער צוגעלעגט מיט כעס :

— אַט האָב איך פריינד און בעקאַנטע אין ניו יאָרק וואָס וואָלטען טהאָן פאַר מיר אַלצדינג ווען איך בין אין ניו יאָרק. שיקען מיר אָבער אַ טיקעט אויף צו קומען צוריק, דאָס וועלען זיי ניט טהאָן. דערמאָהן איך זיי ווענען קומען צוריק, הויבען זיי מיר אָן געבען אַלערליי טענות : ס'טייטש, דו ביסט אין גן־עדן און ווילסט זיך אומקעהרען אין גיהנום... בלייב, האָב געדולד, אפשר וועסטו זיך צוגעוואוינען... און נאָך און נאָך אַזעלכע טענות, און דאָ שפּיר איך אַז מיינע טעג זיינען געצעהלטע . . . זעהט איהר, ווען איך זאָל דאָ שטאַרבען, וואָלטען זיי מיר אודאי וועלען האָבען אויף אַ ניו יאָרקער בית עולם. טאָ שיקט זשע מיר אויף אַ טיקעט ווען איך לעב נאָך — ניין, דאָס דוקא ניט. און ווייסט איהר, מיר איז קאָלאָראַדאָ אַזוי נמאס געוואָרען אַז מיר שטיקט די לופט אפילו.

— אַט דאָס שריי איך דאָך — האָט זעליג צוגעבאַמקעט.

און גאַנצענע טעג פּלעגען דיביידע אָפּזיצען און שיטען פּעך און שוועבעל אויף קאָלאָראַדאָ און אויף די דאָקטוירים וואָס האָבען זיי אַהער געשיקט. און ענדיגען פלעגט זיך תמיד דער געשפּרעך מיט דעם דועט : וואו נעהמט מען אויף אַ טיקעט ?

פרעגענדיג, שמעקענדיג אומעטום און זיך עצה'נדיג מיט וועמען ער האָט נאָר בעגעגענט, איז זעליג דערגאַנגען אַ נייס וואָס האָט אויף אַ רגע פערגאָסען זיינע איינגעדאַרטע באַקען מיט אַ רויטקייט פון פרייד.



Digitized by Google

ס'האָט איהם עמיצער דערצעהלט, אַז ווען מען וויל שיקען אַ טויטען קערפּער פּאַר בעערדיגונג, קיין ניו יאָרק אָדער ערגעץ אַנדערסוואו, מוז מען בעצאָהלען דעם דאָפּעלטען פּרייז פון אַ טיקעט. דערפאַר אָבער קען מיט דעם בר־מנן מיטפאָהרען איין פּאַסאַזשיר פריי.

— מען בעדאַרף בלויז — האָט זעליג'ס יועץ געזאָגט — אויסגעפינען ווען און ווער עס שטאַרבט, און ניט איינער האָט שוין געכאַפּט אַן אומזיסטע רייזע אויף אַזאַ'ן אופן.

אין אָבענד האָט זעליג דעם נייעם קוואַרטיראַנט דערצעהלט פון זיין ענטדעקונג.

די נייס האָט געהאַט אַ מאָדנע ווירקונג אויף חיים מוטשניק — אַזוי האָט דער נייער קוואַרטיראַנט געהייסען. אין זיינע תמיד האַלב־פערלאָשענע, יאוש־פולע אויגען, האָט אויפגעבליצט עפּעס אַ מין משונה'דיגער פונק... ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף זאַלקינד'ן, אויף זיין פּנים, אויף זיינע ביינערדיגע באַקען, אויף די איינגעבויגענע פּלייצעס און אויף די בגדים וואָס זיינען אויף איהם לויז געהאַנגען...

חיים מוטשניק האָט געמאָסטען זאַלקינד'ן מיט די אויגען ווי מען מעסט אַ בר־מנן אויף תכריכים...

אַ ווילדען פּלאַנטער פון געדאַנקען האָט זאַלקינד'ס בשורה אריינגעבראַכט אין חיים'ס מח. אַ וואָלקען פון אונבעשטימטע האָפנונגען און ערוואַרטונגען האָט פערצויגען זיין געוואוינליך שאַרפע און פערביטערטע פערצווייפלונג. ווי דורך אַ נעבעל האָט ער געזעהן אַ פּאַסאַזשיר־צוג... אין איינעם פון די וואַגאָנעם איז געזעסען

ער, חיים, און אין א צווייטען איז געלעגען א ווייסער גלאט־ארומגעהובעלטער ארון און אין דעם ארון איז גע־לעגען זאלקינד...

פון דאמאלס אן פלעגט זיך חיים נאכפרעגען עפטער און מיט מעהר אינטערעס, וועגען זאלקינד'ס צושטאנד...

און ווען זאלקינד פלעגט איהם דערצעהלען אז ער פערלירט אין וואג, אז די קליידער ווערען וואס א טאג אלץ לויזער אויף איהם, פלעגט אין חיים'ס אויגען ווי־דער אויפלעבען יענער משונה'דיגער פונק, וואס האט זיך בעוויזען אין זיינע שווינדזיכטיגע אויגען ווען זאלקינד האט איהם צוערסט דערצעהלט זיין ענטדעקונג.

איין מאל האט זיך זאלקינד אויפגעכאפט אין מיטען נאכט, פון זיין חבר'ס הוסטען, און פלוצלינג האבען זיך זיינע אויגען צוגליהט אין דער פינסטערניס, און האבען וועלפיש געקוקט אהין וואו דער הוסטענדער האט גע־קייכט און זיך געווארגען... און דאן האט זיך זאלקינד פערשעמט און האט זיך איינגעגנורעט אין דער קאלדרע אזוי ווי ער וואלט פרובירט מיט איהר פערדעקען די סטראשנע מחשבה... אבער איינשלאפען האט ער מעהר ניט געקענט. און אונטער דער קאלדרע האט אין זיין מח ארומגעטאנצט די פראגע:

— און ווי אז ע ר זאל שטארבען און זיינע קרובים וועלען איהם וועלען האבען אויף א ניו יארקער בית עולם?

א גאנצע נאכט האט זיך זעליג געווארפען אויף אלע זייטען, און גאנץ פריה איז ער אויפגעשטאנען, און צו־געהענדיג צו יענעם'ס בעטעל האט ער זיין חבר מיט



Digitized by Google

אמת׳ן אויפריכטיגען מיטגעפיהל געפרעגט ווי ער פיהלט זיך...

דאס מיטגעפיהל וואס ער האט ארויסגעוויזען צו דעם הייזעריגען קאמעראד, האט איהם אליין הפנים גוטס געטהאן . . . זעליג׳ס פריינדליכע צערטליכע ווערטער צום חולה האבען ווי אפגעשווייגקט עפעס שמוציגעס פון זעליג׳ס נשמה, און די נאכט־געדאנקען זיינען אויף א ווייל אין גאנצען פערגעסען געווארען...

אבער שפעטער האט דער געדאנקען ווידער ארויסגעשפראצט, ווי א גיפטיגע קרייטעכץ וואס מען האט ניט אין גאנצען אויסגעווארצעלט... און אין די פאלגענדע טעג איז דער געדאנקען געקומען אלץ עפטער און געווארען אלץ צודרינגליכער, און זעליג האט זיך מיט איהם צוגעוואוינט...

זייט יענעם טאג האבען דיביידע שכנים אויפגעהערט אין גאנצען צו ריידען מכח דעם דאזיגען ענין — מכח א טויטען וואס די קרובים ווילען האבען אין ניו יארק פאר בעערדיגונג.

און ווען זיי פלעגען זיצען בייטאג פאר׳ן הויז און ווארעמען די קראנקע גליעדער אין דער מחיה׳דיגער קאלאראדא־זונן, פלעגען זיי ניט מעהר שמועסען פון זייער שותפות׳דיגער האפנונג, ווי אין אמאליגע צייטען... יעדער האט געטראכט פאר זיך, יעדער האט געהאט זיינע חשבונות.

שטונדען לאנג פלעגען זיי אזוי אפזיצען, ניט ריידענדיג א ווארט, און פון העלערהייד, אזוי ווי זיך פלוצלינג אן עפעס דערמאנענדיג, פלעגט זעליג א פרעג טהאן:



Digitized by Google

— נו, און אייער האלז וואס מאכט ? האט עפעס געהאָלפען די איינשפריצונג ?

— ווי א טויטען באנקעס — איז געווען חיים'ס קורצע תשובה, און ווידער פלעגט עס ווערען שטיל אויף א לאנגער צייט, ביז דער הייזעריגער חיים פלעגט, אזוי ווי סתם אין דער וועלט אריין ארויסכריפּען : —

— האט איהר זיך ווידער געוואוינען ? וויפיעל וועגט איהר היינט ?

— ניט מעהר זאָל וועגען דער פעראיין־דאָקטאָר וואס האט מיך אהער געשיקט — פלעגט זעליג א מאך טהאָן מיט דער האנד.

און אזוי איז מען געזעסען טאָג פאר טאָג און גע־פיהרט א שטומע קאָנקורענץ.

.1910



Digitized by Google

# דער פראַקטישער מענש

(הומאָרעסקע).

עס עפּענט זיך אויף די טהיר און עס קומט אריין צו מיר אַ איד פון אַ יאָהר פינף און פערציג, וועלכען איך דערקען גלייך אלס אַ בעל־הבתי'שען משכיל פון דער היים וואָס איז אין „קאָלומבוס' מדינה" מגולגל געוואָרען ענט־ווערער אין אַ שנאַפּס־פּעדלער אָדער אַ „קאָלעקטאָר" פאַר אַ תלמוד תורה.

— איהר קענט מיך ניט—זאָגט ער—אָבער איך קען אייך. מיין זוהן קומט אָפט אריין צו אייך. מיין נאָמען איז יאשפע, חיים יאשפע. און טאַקי צוליעב מיין זוהן בין איך דאָס געקומען צו אייך — פרעגען אַן עצה און פאראיינס בעטען אַ טובה...

איך קען זיין זוהן. דאָס איז אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר אַכצעהן וואָס ברינגט מיר פון צייט צו צייט וויזען זיינע ליטעראַרישע פּראָדוקטען, מעהרסטענטהיילס לאַנגע



Digitized by Google

עפּישע געדיכטע, און פּייניגט מיך אָפּ גאַנצע שטונדען אומזיסט...

— איך וועל אייך אַלצדינג דערצעהלען, ווי פאַר אַן אייגענעם פאָטער — רעדט דער איד ווייטער און קוקט מיך אָן מיט רחמנות'דיגע אויגען — אין דערהיים בין איך געוועזן אַ בעל־הבית אַ סוחר און האָב מיינע קינדער געגעבען לערנען אין די בעסטע חדרים. פאַר מיין עלטערען, דעם וואָס איהר קענט, האָב איך געדונגען לעהרערס פאַר רוסיש און דייטש אויך. פאַר פינף יאָהרען צוריק זיינען מיר געקומען אין אַמעריקאַ, און זינט דעם פּלאָגט מען זיך... איך אַליין האָב שוין דורכגעמאַכט אַלע „שבעה מדורי גיהנום", שוין געהאַט אַ „סטענד" פון סאָדאַ־וואַ־סער, געפּעדעלט מיט ספרים, געוועזן אַ חזן אויף ימים־נוראים. אפילו שדכנות האָב איך שוין אויך פּרובירט... איצט בין איך אַ קאָלעקטאָר פאַר די תלמוד תורה „שערי תורה" אין בראָנזוויל. דערפון אַליין אפילו קען מען נאָך קיין לעבען ניט מאַכען, האָב איך צוויי אינגלעך זאָלען לעבען און געזונד זיין, פערקויפען זיי צייטונגען, און ווי עס איז קומט מען שוין דורך און מען איז מיט לייטען גלייך.

רב חיים יאשפע דערקענט הפּנים נאָך מיין געזיכט אַז איך ווער אונגעדולדיג און קומט צום סאַמע ענין :

— איך וואָלט שוין צופרידען געוועזן. איהר ווייסט דאָך, מען פאַסט זיך צו... ליגט מיר אָבער מיין עלטערער זוהן ווי אַ מיהלשטיין אויפ'ן קאָפּ. איך קלער, וואָס וועט פון אַזעלכען ווערען דער תכלית ?...



Digitized by Google

— וואס וואלט איהר כדומה געוואלט עס זאל ווערען פון איהם ? — בין איך טשיקאווע צו וויסען.

— איך וואלט געוואלט ער זאל ווערען א פראקטישער מענש... אט איז מיט מיר צוזאמען אויפ'ן זעלבען שיף אריבערגעקומען מיינער א שכן פון דער היים — איז זיין זוהן שוין אין א סטאר און פערדיענט זיינע צוועלף דאלאר א וואך, און מיט דער צייט וועט ער ווערען א ביזנעסמאן. איך זאג צו מיינעם, ווילסט קיין ביזנעסמאן ניט זיין ? טא שטודיר עפעס. גלויבט מיר, איך, מיין ווייב און מיינע קינדער וואלטען פון אונזער לעצטען ביסען אפגעריסען, אבי ער זאל קענען שטודירען און זיך צו עפעס דערשלאגען. האט ער זיך אבער איינגעוואנען אין קאפ נארישקייטען און קיינער קען איהם בשום אופן ניט איבעררעדען... ער זאגט ער איז א פאעט, און גאנצע טעג, רק דאס זיצט און דאס שרייבט...

— איך טענה צו איהם, דא איז א פראקטישע לאנד און יעדער מוז ווערען א פראקטישער מענש, און ער זאגט : טאטע, דו פערשטעהסט ניט אויף אזעלכע זאכען, און פערקלאפט זיך ווידער אין שלאף צימער און שרייבט גאנצע מגלות...

אין דעם אידען'ס אויגען זיינען געשטאנען טרעהרען, און מיר האט פערקלעמט ביי'ן הארצען. וואלט איך איהם כאטש געקענט פערזיכערען, אז זיין זוהן וואקסט א גדול... איך האב זיך אבער גראד דערמאנט אן דעם לעצ־טען פאעמא וואס דער יונגער יאשפע האט מיר געבטען געוויזען, און איך האב סימפאטיזירט מיט'ן אלטען.



Digitized by Google

— איך בעט אייך, ווי גאָט איז אייך ליעב — האָט מיך דער קאַלעקטאָר אָנגענומען ביי דער האַנד — רעדט מיט איהם איבער... ער האַלט פון אייך אַז עולם ומלואו, און וואָס איהר וועט זאָגען וועט ווירקען. פועל'ט ביי איהם ער זאָל ווערען אַ פּראַקטישער מענש און אָוועק־וואַרפען זיינע חלומות צו ווערען אַ מחבר...

איך האָב דעם אַלטען צוגעזאָגט אַז איך וועל זיך שתדל'ען, הגם איך האָב פאָראויס געוואוסט אַז דאָס איז ניט קיין גרינגע אויפגאַבע.

ער האָט מיך שטאַרק בעדאַנקט און געזאָגט אַז ער וועט מיך קיין מאָל ניט פערגעסען.

— און אַז איך בין שוין דאָ — זאָגט ער צו מיר, אַרויסנעהמענדיג פון בוזעם־קעשענע אַ פּעקעל געלע גע־דיכט־בעשריעבענע בלעטער — וואָלט איך אייך געוואָלט עפּעס ווייזען...

איך האָב זיך אָנגעשטויסען אַז דאָס וויל ער מיר גע־בען איבערלייענען זיין זוהן'ס כתבים און האָב זיך שוין מכין געווען איהם צו דערקלערען אַז אַלץ וואָס דער יונגער יאַשפּע האָט געדיכטעט קען איך שוין פון פריהער, אָבער דער אַלטער האָט מיך פערכאַפּט...

— דאָס זיינען מיינע אייגענע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל — דאָס איז אַ פירוש אויפ'ן זוהר געשריבען לויט דעם היינטיגען גייסט... איך אַרבייט שוין אויף דעם אַ יאָהר צוואַנציג און דענק מיט גאָטעס הילף, דאָס אַמאָל אָפּצודרוקען... איך ווייס אַז איהר וועט דערפון אַנ־קווועלען...

איך האָב איהם אָנגעקוקט פער'חידוש'ט...



Digitized by Google

— ווי איך זעה — זאָגט ער צו מיר מיט שטראַה־
לענדע אויגען — האָט איהר הפנים געמיינט אַז איך בין
אַן עם הארץ און איהר וואונדערט זיך ווי קומט דאָס צו
מיר... איך האָב נאָך מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צו־
ריק, געשריבען אַן ארטיקעל אין „המליץ" — „על החנוך"
האָט עס געהייסען און עס האָט אַנגעמאַכט אַ רעש.. אָבער
צו מיין ארבייט אויפ'ן זוהר קומט עס ניט. איהר לעזט
עס דורך...

ער האָט געזעהן מיין שטומען פּראָטעסט און האָט
צוגעלעגט :

— איך מיין ניט דוקא איצט אויף דער מינוט... אָבער
שפּעטער לעזט עס דורך און זאָגט מיר אייער מיינונג.
איך וועל אריינקומען צו אייך מאָרגען...

איך האָב איהם צוגעזאָגט...

ער האָט זיך אָפּגעזעגענט, אָבער שוין שטעהענדיג אין
טהיר האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט און געזאָגט :

— אָבער למען השם, פערגעסט ניט איבערצורעדען
מיט מיין זוהן ער זאָל ווערען אַ פּראַקטישער מענש און
אוועקוואַרפען זיינע שרייבערייען...

.1912



Digitized by Google

# „העגעסי״

ווען „הענעסי״ האָט צום ערשטען מאָל אויפגעמאַכט זיינע צוגעקלעפּטע אויגלעך, האָט זיך גאָט'ס שעהנע וועלט פאַר איהם אַנטפּלעקט, אין דער געשטאַלט פון אַ בערגעל מיסט אויף דעם הינטער־הויף פון אַ ביער־שענק, און אויף דעם דאָזיגען בערגעל איז ער געלעגען — אליין.

„הענעסי״ איז נאָך געוועזען צו יונג צו פילאָזאָפירען, און אַ חוץ דעם איז ער געוועזען אַ הונד — וואָס איז בכלל ניט מסוגל צו פילאָזאָפירען. ער האָט אפילו ניט פער־שטאַנען אז על פי יושר, האָט ער איצט געזאָלט האָבען נעבען זיך אַ מאַמען.

ליופען אָדער אפילו געהן געהעריג האָט ער ניט גע־קענט, און הונגעריג איז ער געוועזען, איז ער אומגעקראָכען און געסקאַוואוטשעט, ניט כדי אַנצוציהען אימעצען'ס אויפמערקזאמקייט, נאָר פשוט ווייל איהם האָט וועה גע־טהאָן.

ווי לאַנג ער איז אַזוי אַרומגעקראָכען, איז שווער צו זאָגען. אין דעם לעבען פון הינט האָט צייט לחלוטין קיין



Digitized by Google

ווערטה ניט, און אויף אזא קליינינקייט שטעלט מען זיך ניט אָפּ, ווען מע שרייבט די ביאָגראַפיע פון א מאָפּס אָדער א פּודעל.

פּאַרנאַכט, ווען „הענעסי" האָט דערשפּירט אין זיין דונקעלען מח, אז דער סוף פון א קליינעם הינדטעל וואָס האָט קיין בעל־הבית ניט, איז — אויסצוגעהן פון הונגער, האָט זיך א רויטער בעוואַקסנער פּנים אַרונטערגעבויגען צו איהם און א דיקע שווערע האַנד האָט איהם א נעהם געטהאָן און ערגעץ וואו געטראָגען.

מיט א פּאָר מינוטען שפּעטער איז „העגעסי" געווען אין „דזשים׳ס סאַלון" (שענק), דער צענטער פון א טוץ שכור׳ע און האלב־שכור׳ע „אַלטע קונדען", וואָס האָבען געהאַלטען א מיטינג איבער איהם, ריכטיגער געזאָגט, וועגען א פּאַסיגען נאָמען פאַר איהם.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען ווי שטרענג אינדיווידועל עס איז געווען דער געשמאַק פון דזשים׳ס קונדען. די מיינונגען זיינען געווען פערשיעדען.

דער „גרויסער טאָם" האָט אויסגעקליבען דעם נאָמען „ביג סקונער" (גרויסע ביער־גלאָז), וועלכער האָט אויסגעדריקט דעם העכסטען אידעאַל לויט טאָם׳ס לעבענס־אַנזיכט... דער „הינקעדיגער סמיטה", וואָס פערקויפט א גאַנצען טאָג שוך־בענדלעך, איז מעהר נוטה געווען צו דעם ממשות׳דיגען „פּרי־לאַנטש" (פרייער צוביים), און האָט געקלערט, אז אזא נאָמען וועט זיין מזל׳דיג, און „דיק דער הויקער" האָט געוואָלט פעראייביגען זיין ליעבלינגס־שנאַפּס „אַלד־קענטאַקי" און האָט געוואָלט דערמיט מזכה זיין דעם ניי־געפונענעם.



Digitized by Google

ווען אימעצער האָט געהאַט די חוצפה פאַרצולענגען, אַז מע זאָל דעם יתום רופען „טשו טאָבעקאָ" ((קיי טאָ־באַק), איז דער „באַרטענדער" (שענק־קעלנער) ערשיע־נען אויף דער סצענע און האָט אונטערבראָכען די קאָנ־פערענץ. אַ נאָמען געבען — האָט ער יִרקלערט — דאַרף קיין אַנדערער ניט ווי ער. און הייסען וועט דער הונד — „הענעסי", אַ בראָנפען וואָס האָט ניט זיין גלייכען, פון אַלאַסקאַ ביז מעקסיקאָ. זיין מיינונגס־ערקלערונג איז געווען אַן אולטימאַטום, באַם לאו האָט ער געסטראַשעט איטליכען און אַלעמען צושטעלען בחנם אַ „פאַר בלאָע שפּאַקולען", וואָס האָט אויף דער שפּראַך פון געוועהנליכע בשר־ודם׳ס געהייסען אַ פּאַר סיניאַקעס אונטער די אויגען.

דער באַרטענדער איז געווען אַ מי שהיה „פּרייז־פּיי־טער" (פּראָפעסיאָנעלער ראַנגלער), און אַ חוץ דעם האָט איהם זיין „אמת" געגעבען גענוג ווירדע, אַז זיין וואָרט זאָל רעספּעקטירט ווערען.

נאָכ׳ן נאָמען געבען האָט מען פון ערגעץ־וואו גע־שאַפען אַ ביסעל מילך און דער קליינער „הענעסי" האָט גענומען קלערען וואָס פאַר אַ טהייערע זאַך עס איז צו זיין אַ הונד.

און פון דאַמאָלס אָן איז „הענעסי" געוואָרען אַ מיטגליעד פון דזשים׳ס קאָלאָניע, צוגלייך מיט דעם „גרוי־סען טאָם׳ען" און דעם „הויקערדיגען דיק". ער איז נאָך געווען אַ גרעסערער תושב פון זיי. ז י י פלעגען מוזען דעם דאָזיגען טרינק־גן־עדן פערלאָזען איינס ביי נאַכט, אויב ניט פלעגט דער געוועזענער „פּייטער" אָנכאַפּען



Digitized by Google

פאר'ן קאלנער און ארויסוואַרפען. לאפוקי „הענעסי" — ער האָט אין סאַלון גענעכטיגט אויך.

ער האָט זיך פון טאָג צו טאָג געפיהלט אַלץ מעהר היימיש. קיין יחוס האָט מען דאָ ניט געדאַרפט און קיין דרך ארץ האָט זיך ניט געפאָדערט. וואָס מע האָט יא גע־דאַרפט איז געווען, צו קענען פערטראָגען דעם ריח פון טאַבאַק און אויסגעוועפּטע ביער, און דאָס איז דעם מיסט־געבאָרענעם ניט שווער אָנגעקומען.

עסען איז געווען פיעל דאָס הארץ געלוסט. דערויף האָבען געקלעקט די שיריים פון דע „פרי לאָנטש", טהאָן האָט ער קיין זאַך ניט געדאַרפט. איז „הענעסי" געוואַקסען און איז געוואָרען אַ גרויסער און קלוגער הונד.

ער איז געווען אויסגעבונדען מיט אַלע בעזוכער פון דעם שענק. ער האָט איטליכען געגוי געקענט און פלעגט זיך די טהיר עפענען און אַ פנים חדשות איז געקומען, פלעגט „הענעסי" זיך אַזוי לאַנג רייבען ארום דעם באַר־טונדער'ס קניע, ביז יענער האָט איהם פאַרגעשטעלט... אויב ניט פלעגט ער בילען מיט אַ שטילער קלאַגעדיגער שטים.

און דער באַרטענדער פלעגט כמעט תמיד זיין בע־געהר ערפילען...

ווען עס פלעגען ניט זיין קיין קונדען פלעגט דער באַרטענדער אָנפיהרען מיט איהם לאַנגע געשפרעכען. אז „הענעסי" האָט זיי אַלע גוט פערשטאַנען האָט מען גע־קענט זעהן פון דעם וואָס ער פלעגט די גאַנצע צייט פון דעם שמועס ניט אַראָפּנעהמען די אויגען פון זיין ג'פּאַטער. אָפט פלעגט איהם דער באַרטענדער לערנען „טריקס",



Digitized by Google

(קונצען). קיין גרויסער מאדים אויף קאמעדיאנטסקע שטיק איז איינענטליך „הענעסי" ניט געווען, אבער שטעהן אויף די הינטערשטע פיס האט ער צו שטאנד געבראכט, און זיין פאפולאריטעט איז געשמיגען.

פון סאלון פלעגט „הענעסי" זעלטען־ווען ארויסגעהן. די דרויסענדיגע וועלט האט געהאט פאר איהם א קנאפען חן. אפט פלעגט ער צוגעהן צו דעם נידעריגען שוי־פענ־סטער און ארויסקוקען און זעהן די טראמוויים און די ווע־גען און די אויטאמאבילען, ווי זיי לויפען ראשיג הין און הער. איהם פלעגט נעהמען שווינדלען אין די אויגען. ער איז געווען צופריעדען וואס ער קען זיין אינוויינינג און דארף זיך ניט אומטרייבען צווישען דעם דאזיגען טומעל.

איין מאל האט זיך איהם פארוועלט מאכען א שפא־ציער. ער איז מיט אמאל נעלם געווארען אויף א גאנצען טאג, און שפעט ביינאכט ווען ער איז צוריקגעקומען איז ער געווען א פערבלוטיגטער און א צושלאגענער.

פון דעם טאג אן האט ער ניט געוואגט א פוס ארויס־צו שטעלען ווייטער ווי דער טראטואר פאר'ן סאלון.

„הענעסי" האט געוואוסט אז ער איז א הפקר־הונד. אנדערע הינט האבען געטראגען קאלנערס מיט בלעכלעך אנגעהאנגען אויף די העלזער. ער האט ניט געהאט, ניט קיין קאלנער און ניט קיין בלעכעל.

ווען „הענעסי" איז אלט געווען דריי יאהר האט ער געהאט זיין ערשטען אמת'ן שרעק.

ער האט זיך גראד געווארעמט נעבען דעם סאלון ווען דער „הונד־וואגען" איז אנגעפאהרען, און איידער ער האט זיך נאך ארומגעזעהן איז שוין „הענעסי" געלעגען



Digitized by Google

אין אַן ענגען שטיינ, צוזאַמען מיט אַ גאַנצען ערב־רב פון אַזעלכע הפקר־הינד ווי ער. „הענעסי" האָט ארויסגעלאָזען אַ וואָי וואָס האָט דערגרייכט אַזש אין סאַלון אריין.

אויף זיין הילף־רוף זיינען געקומען קודם דער באַרטענדער און הינטער איהם די „אַלטע קונדען". דער הינקעדיגער סמיטה" האָט זיך דער ערשטער אויסגערופען מיט אַ פינף־סענטיגען, און מטבעות זיינען געקומען פון אַלע זייטען ביז עס איז געוואָרען דער האַלבער דאָלער פאַר וועלכען מען האָט „הענעסי'ן" אויסגעקויפט פון דעם הונד־כאַפּער...

אריינגעפיהרט צוריק אין סאַלון האָט מען איהם מיט גרויס פּאַראַד און עס איז געוואָרען אַ שמחה...

דעם טאָג האָט דזשים'ס סאַלון געטהאָן גלענצענדע געשעפטען. מע האָט זיך געפרעהט וואָס „הענעסי" איז נצול געוואָרען, און מע האָט געטרונקען לכבוד איהם מעהר ווי געוועהנליך.

אין יענעם זעלבינען טאָג, האָט דער באַרטענדער גענעבען הענעסי'ן די ערשטע לעקציע ווי צו טרינקען ביער און האַלטען אַן אַנגעצונדענע ליולקע אין מויל...

לכתחלה זיינען די ביידע עובדות אָנגעקומען הענעסי'ן זעהר שווער. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער זיך דאָך אויסגעלערענט, און זיין פּאָפּולאַריטעט איז נאָך מעהר געוואַקסען.

דער קאָשמאַר וואָס האָט איהם געדריקט איז נאָר געוועזען דער „הונד־וואָגען". אָפט ווען ער פלעגט ליעגען אין אַ ווינקעל און דרעמלען נאָך אַ געשמאַקער סעודה, פלעגט ער זיך אויפכאַפּען מיט אַ שפּרונג, און נעהמען

וואַיען : ער האָט געזעהן אַ „הונד־וואָגען" אין חלום...

אַלע פּאָר מאָנאַט פלעגט זיין שרעק בעשטעטיגט ווע־רען. קוים פלעגט ער זיך אַמאָל ארויסכאַפּען אויף אַ מינוט, פלעגט אַזוי ווי פון אונטער דער ערד אַרויסוואַקסען דער „וואָגען" און אימעצער פלעגט אַראָפּשפּרינגען און איהם אַריינשליידערען צווישען אַ כאַפּטע פון בילענדע און זיך צאַפּלענדע בעשעפעניסען...

און יעדעס מאָל פלעגט ער אַרויסלאָזען אַ לאַנגען וואַי, און דער באַרטענדער מיט די „אַלטע קונדען" פלעגען אַרויסלויפען. דאָס געלט פלעגט צוזאַמענגעקליבען ווערען און ער איז געווען אַן אויסגעלייזטע...

בּיסלעכווייז האָט „הענעסי" פערלאָרען דעם גאַנצען פּחד.

— נישקשה — האָט ער געקלערט — מיך וועט מען ניט נעהמען... איך האָב פריינד וואָס זיינען פאַר מיר שטאָל און אייזען. און „הענעסי" איז געוואָרען אַ זקן אין דזשים׳ס סאַלון. קיין רויהע פלייש אפילו האָט ער שוין ניט געקענט איינבייסען, געקאָכטע האָט ער געמוזט האָבען.

די „קונצען" זיינען ניט מעהר געגאַנגען. ער האָט פּרו־בירט איינמאָל זיך שטעלען אויף די הינטערשטע פיס איז ער מיאוס אַנידערגעפאַלען. און וואָס דער באַרטענדער האָט ניט צורעדט און צוטהאָן, די ליולקע פלעגט זיך בשום אופן ניט איינהאַלטען אין „הענעסי׳ס" מויל...

אָבער דער באַרטענדער האָט צו גוט געקענט „הע־נעסי׳ס„ בערייטוויליגקייט צו טהאָן זיין רצון, און האָט



Digitized by Google

פערשטאנען אז ערווארטען פון „הענעסי'ן" אויף דער על־טער, די קונצען פון זיין יוגענד, דארף מען ניט. און „הע־נעסי" איז געווארען אויסגעדריענט. מיט די בעזוכער פון סאלון האט ער זיך ניט מעהר גע'חבר'ט. איז אימעצער א נייער געקומען, איז ער איהם געווען גאנץ גלייכגילטיג, זיינע אויגען זיינען געווען מיעד און פערפלושט, און גאנצענע טעג פלעגט ער ליעגען נעבען דעם טאמבאנק פון דעם „פרי לאנטש", און שלאפען.

איין מאל אין אנהויב פריהלינג, ווען אין סאלון איז דורך א פענסטער אריינגעפאלען א ברייטער פאס פון ליכט און האט בעגילט אי דעם בארטענדער אי די פאאר אפגעריסענע תושבים וואס האבען געטרונקען זייערע „סקונערס" — איז „הענעסי" ארויסגעקראכען פון זיין ווינקעל און איז מיט לאנגזאמע שלעפעדיגע טריט ארוים אויף דער גאס נעבען דעם סאלון. אבער איידער ער האט נאך בעוויזען איינצואטהעמען א פאר זופען פון דער פריי־שער פריהלינג־לופט, איז אנגעקומען דער פאטאלער וואַ־גען...

„הענעסי" האט מיט די לעצטע כחות ארויסגעלאזען א לאנגען הייזעריגען וואי, און האט געווארט...

דער בארטענדער איז ניט געקומען, און א פאר שכורים זיינען געשטאנען און האבען געלאכט.

„הענעסי" האט געוואיעט מיט מסירת נפש. אפשר האט דער בארטענדער ניט געהערט ?...

און ווען דער בארטענדער איז ענדליך ארויס, האט „הענעסי" ארויסגעשטעקט צו איהם א לאפע דורכ'ן שטייג.



Digitized by Google

אבער דער בארטענדער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און געוועזן צו איהם: —

— „הענעסי" ברודער, מיר קענען מעהר קיין געלד אויף דיר ניט אויסגעבען. ביסט צו אלט, ברודער...

דער וואגען איז אפגעפאהרען לאנגזאם און דורך די גראטעס האט „הענעסי" געקוקט תחנונים'דיג אויפ'ן באר-טענדער און געוואיעט...

.1912



Digitized by Google

# א פּאַסירונג

די זונן האָט זיך הינטער די בערג אויף איהר נאַכט־געלעגער אראָפּגעלאָזען, אָבער א האַלבער הימעל האָט נאָך געגליהט פון איהר אנדענק... אַלע ווײַלע האָט זיך א נייע פאַרב בעוויזען און קוים האָט זיך דאָס אויג מיט איהר אָנגעקוויקט, האָט שוין אַ צווייטע איהר פּלאַץ פערנומען... צאַרטער און מאַטער און בענקענדער איז דער מערב גע־וואָרען, ביז דער טאָג איז געוועזן פערמעקט און צווישען די צווייגען האָט דער ווינד זיין אָבענד־קלאָג אָנגע־הויבען...

איך בין געזעסען אין א פערדוקטען ווינקעל פון דער וועראנדא און האָב זיך דערמאָנט: —

איך פאָהר דורך א לאַנגער וויסטע. רונד און ארום די נאַקעטע גראָע פעלזען און זעלטען ווען א פּאָר הייזלעך... דער צוג לויפט און דער לאָקאָמאָטיוו וואַרפט מיט פער־אַכטונג שטיקער רויך אין דער ווילדערניס אריין... די רעדער קלאַפּען פערביטערט־מאָנאָטאָן אויף די רעלסען... איך קוק ארויס אויפ'ן הימעל — וואָלקענס, שווערע און בלייערנע, פויזען פון איין ברעג צו דעם אנדערען און



Digitized by Google

לאָזען אַ שטראַהל פון דער זונן ניט דורך... אין וואַגאָן זיצען מענשען, מיעדע, פערמוטשעטע פון דער טויזענד־מייליגער נסיעה. די פּנים'ער זיינען געל, פערשלאָפען און מיאוס...

דער צוג ווערט מיט אמאָל אָפּהעגדיג. אַ שרעקליכער פערצווייפעלטער סוויסטש, און דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט ווי אַ פערד נאָך אַ שווערען געלאָף... די וואַגאָנעם קריכען און קריכען... אַ טרייסעל הינטערוועלאָך, און זיי האָבען זיך אין גאַנצען אָפּגעשטעלט.

מיר זיינען ביי אַ קליינער סטאַנציע אין מיטען פון אַ מדבר. די דאַמפף־חיה דאַרף זיך מיט וואַסער אָנטרינ־קען, און דאַן וועלען מיר ווידער פאָהרען און פאָהרען...

איך שטרעק אַרויס דעם קאָפּ דורך'ן פענסטער און זעה —

ווי קומט זי דאָ ? וואָס טהוט זי דאָ ? שלאָף איך נאָך אַלץ און זעה זי אין חלום ?

אויפ'ן וואָקזאַל נעבען דעם אָרעמען בעאַמטען שטעהט אַ נימפע ערשט פון אַ ליעדער־בוך אַרויס...

דער ווינד וואַרפט איהרע גאָלדענע האָאר אויף דעם פרישען לויטערען פּנים... און די גרויסע בלאָע אויגען קוקען מיך אָן שמייכלענדיג...

די באַקען רויטלען זיך ווען זי דערזעהט מיין ניי־גיריגען בליק, און די פאַנאַנדערגעעפענטע אָבער שטומע ליפּען, דאַכט זיך זאָגען : —

קום אַרונטער און בלייב דאָ...

א סוויסטש, און מיר פאהרען שוין ווידער... דאס מיידעל פאכט, שעמעוודיג און לאכענדיג, מיט איהר טאשענטוך, און מיינע אויגען ציהען און ציהען זיך צו איהר ביז זי ווערט פערשוואונדען וויים, וויים הינטער אונז...

אבער איהר בילד האב איך... דאס וועל איך קיינמאל אין לעבען ניט פערגעסען... אייביג זאל עס פערבלייבען ביי מיר אין זכרון. מיין הארץ איז פול מיט דערמיט...

איך מאך צו די אויגען... אט זעה איך זי מיט איטליכען שטריך פון געזיכט... אט זעה איך די גרויסע ליכטיגע אוינען איהרע, די הענד מיט די ווייסע לאנגע פינגער, די ברוסט, די לענדען...

איך מוז עס תמיד געדענקען...

די אויגען זיינען מיר מיער און שלעפעריג, אבער איך האב מורא אז דער איינדרוק וועט פערגעהן, איך מוז וואך זיין ביז איך וועל איהר געשטאלט איינברענען אין געדעכטניס...

איך וועל אפילו די צייטונג ניט לייענען... קודם מוז איך זיכער זיין אז איך האב אלע איהרע שטריכען...

מיר פאהרען און פאהרען...

איצט וויים איך שוין אז זי איז אויף אייביג איינגעדריקט אין מיין געדאנקען...

א דאמע ניט וויים פון מיר וויל ביי מיר אויסגעפינען ווי וויים מיר האבען נאך ביז שיקאגא... איך ענטפער האסטיג, איך וויל ווידער טראכטען פון י ע נ ע ר...

אבער ווי שרעקליך !...



Digitized by Google

אַט נאַר וואָס האָב איך דאָך איהרע פינגער געזעהן אַזוי דייטליך, און שוין קען איך זיך ניט ערֹאינערען ווי זיי האָבען אויסגעקוקט אַקוראַט...

אין וואַגאָן האָט אימעצער זיך צולאַכט אויפ'ן קול... ער שטערט מיך.

ווי האָט ז י געמאַכט מיט דעם טאַשענטוך ?...

אַ נעבעל האָט זיך פערצויגען איבער איהר אָרעם און איך קען בשום אופן ניט אויסמאָלען זיך דעם עלענבויגען...

דערפאַר די פיגור, זי וועל איך פעסטהאַלטען...

דער צוג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. מענשען קומען אַריין, קענען מיר האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ פּאַרמער מיט אַ באָרד, וועלכע הויבט זיך ערשט אָן אונטער דער מאָרדע... פאַר וואָס האָט ער זיך גראַד געזעצט מיר אַקעגען ?...

איך קעהר זיך אָפּ צום פענסטער און נעהם אויס־מאָלען פון דאָס ניי ווי ז י האָט זיך אויסגעבויגען ווען דער צוג האָט אָנגעהויבען געהן...

אָבער איהר בוזעם איז מיר פון העלער הויט נעלם געוואָרען...

איך ראַנגעל זיך מיט נעבלען וואָס ציהען ראַכט זיך פון אַלע זייטען און פערטונקען, פערטונקען ביסלעכווייז איהר קערפּער...

אָבער דער פּנים... ווי ליכטיג ער שיינט אַרויס פון די אַלע נעבלען, די ווייסע דופּטיגע באַקען, די גרויסע לאַזורנע אויגען, די האַלב־צועפענטע ליפּען, דער שלאַנקער האַלז...

דער קאָנדוקטאָר איז אַריין איבערצוקוקען די ביי־לעטען. וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניס ?



Digitized by Google

נו, אַ דאַנק גאָט ער איז שוין ווידער אַוועק. איצט זעה איך ווידער דעם פּנים, די אויגען, די ליפּען, דעם... ניין, דעם האַלז קען איך בשום אופן ניט דערמאָנען... איך פּרוביר, אָבער עס געהט ניט...

. גאָט מיינער, די באַקען ווערען אויך מטושטש... איך מאַך אַ געוואַלדיגע אָנשטרענגונג. עס העלפט ניט, פער־פאַלען...

בלויז רויטע ליפּען שמייכלען צו מיר און זאָגען צו מיר : —

קום דאָ אַראָפּ און פערבלייב מיט מיר...

אימיצער פרעגט ווער עס וויל אַפּעלסינען קויפען. איך שאָקעל מיט'ן קאָפּ „ניין". דער פאַרמער פּאַרקעט זיך אין קאָרב און זוכט אַ גרויסען אַפּעלסין און נעהמט איהם שיילען מיט אַ דאָרפישען מעסערל...

איך מאַך צו די אויגען...

וואו זיינען די ליפּען ?...

פון דעם נעבעל זעהען זיך נאָר קנוילען גאָלדענע האָאר און גרויסע בלאָע אויגען...

ז י י נעדענק איך אקוראט...

איך האַלט צוגעדריקט די ברעמען און טראַכט פון זיי...

ווי לאַנג האָב איך געשלאָפען ?... קענטיג אַ לאַנגע צייט. מיר שטעהען נעבען אַ גרויסער סטאַנציע. אויפ'ן וואקזאַל שלעפּט מען קאַסטענס און טשעמאָדאַנעס... גע־

שרייען און געלאַף... אַ דינער רעגען הויבט אָן צו טריפען,
עס איז קענטיג שפּעט אין דער נאַכט...

איך וועל ווידער טראַכטען פון איהר...

איך טוליע זיך איין אין אַ ווינקעל.

אָבער צו שפּעט... דאָס מיידעל איז פערגאַנגען.

איך קען זיך אויף קיין פאַל ניט דערמאָנען ווי די אויגען האָבען אויסגעזעהן...

פערלאָרען, פערלאָרען אויף אייביג...

.1912



Digitized by Google

# נײסטער

Digitized by Google

Digitized by Google

# די געשיכטע פון אַ בּילד

## 1.

אמאָהל מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק, האָט געלעבט אַ קינסטלער וואָס איז געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט מיט אַ קוס פון גאָט און מיט אַ קללה פון דעם אשמדאי. דער קוס איז געווען די גאָבע צו קענען מאָהלען שעהנע בילדער און דער פלוך איז געווען — אָרעמקייט.

און די מתנה פון גאָט האָט געלאָכט פון דעם טייפעל׳ס ממשלה, און פון יאָהר צו יאָהר איז זי געוואָקסען און האָט זיך פונאַנדערגעבליהט אַלץ מעהר. אַזעלכע פאַרבען און אַזעלכע געזיכטער ווי דער יונגער מאָהלער האָט געפינזעלט האָט נאָך די וועלט ניט געזעהן, און דער גרויסער ראַפאַעלאָ האָט ענדליך אַ יורש געפונען וואָס האָט איהם אַריבערגעשטיגען...

דורך די ענגע פענסטער פון דעם שמוציגען גיבעלשטיבעל, אַוואו דער מאָהלער האָט געוואוינט און געאַרבייט, פלעגט אַריינשטראָמען גענוג ליכט ער זאָל זיינע גרויסע זעהונגען קענען אויפ׳ן לייניוואַנט ברענגען, און אין



Digitized by Google

זיין הארצען האָט ער געהאַט דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען וואו דאָס לעבען איז געווען לויטער שעהנהייט און גלאַנץ, און זיין קאָפּ איז געווען אַ קעניגרייך פון געטער און העלדען און נימפען און וויס־לייביגע פרויען...

אַ שטיקעל ברויט מיט אַ ביסעל מילך פאַר זיין נאָה־רונג און לייווענט און פאַרב פאַר זיין ארבייט — דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט.

האָט ער אַ מייסטערווערק פאַרטיג געמאַכט — האָט ער אַנגעטהאָן זיין אָפּגעריבענעם אויבער־בגד און האָט עס אוועקגעטראָגען ערגעץ אין אַ קליינער גאַס וואו ער האָט דערפאַר געגוג געקראָגען צו דערהאַלטען זיין גוף. און ווען ער איז געגאַנגען צוריק אַהיים מיט די זילבער־מטבעות אין קעשענע און אָהן זיין בילד, האָט ער גע־טראַכט:

דאָס בילד איז מיינס, און וואו עס זאָל ניט זיין און ווער עס זאָל עס ניט בעזיצען — מ י י נ ס ועט עס תמיד בלייבען...

און אַזוי טראַכטענדיג האָט ער געשמייכעלט און זיך גענומען צו אַ צווייטען בילד...

## 2.

די וועלט האָט געוואַרט אויף זיין טויט אום איהם זיין לאָרבער צו געבען. ער האָט עס געוואוסט, און ער האָט געטראַכט אַז אַזוי דאַרף עס זיין... אַ קורצעס מענ־שען־לעבען, אַלס אַ פּרייז פאַר לאַנגע אונשטערבליכקייט,



Digitized by Google

איז געווען ביליג. און ער איז געווען מרוצה צו בעצאָהלען אזא קליינעם מקח...

ער האָט צופיעל האָלד געהאַט זיין ארבייט צו האסען די וועלט — די וועלט וועלכע האָט איהם ניט אנערקענט. און אזוי לאַנג ווי די זונן האָט איהם געשאָנקען געגנוג שטראַהלען פאר זיין מאָהל-ברעט, און ברויט האָט ער גע־האָט און יונג איז ער געווען, איז ער געווען גליקליך און האָט געלאַכט צו זיך אליין, מיט ווייסע געזונדע צייהנער, וועלכע זיינען פון פלייש־עסען קיין מאָל ניט קאַליע גע־וואָרען...

פארנאַכט פלעגט ער אליין שפּאַצירען דורך די דונ־קעלע אלעען פון פּארק און אריינציהען די זיסע אבענד־לופט מיט דעם בעוואוסטזיין פון איינעם וואָס האָט זיין טאָג־ארבייט עהרליך פערריכט און מיט דעם אנגענעהמען געפיהל אז ער איז אן עושר, און האָט אוצרות וואָס דער רייכסטער פערמאָגט ניט.

3.

אָבער דער אשמדאי האָט געפּאָדערט די ערפילונג פון זיין פלוך...

איין אבענד שפּאַצירענדיג אין פּארק, האָט דער גאָט־געקוסטער קינסטלער, דערזעהן א פרויען־געשטאַלט וואָס האָט לויז־געלאָזט טויזענד ווילדע געלוסטען אין זיין האר־צען... פון אלע חלומות איז געוואָרען איינער און דער איינער האָט איהם בעגלייט סאי טאָג, סאי נאַכט.



Digitized by Google

זי איז געווען פון אן אנדער וועלט און ניט פון זיין שטאנד. בלויז ארויפקוקען האט ער צו איהר געקענט, און טרינקען איהר שעהנהייט ווי ער פלעגט טרינקען די שעהנהייט פון דעם ראזאווען מארגען — פון ווייטען...

ער האט געהאט צופיעל שטאלץ נאכצוגעהן און דרינ־גען און אויסבעטלען גנאדען־ליעבע... און עס וואלט אויך ניט געהאלפען.

צום ערשטען מאל אין לעבען האט א ביטערקייט ארויסגעקוואלען פון א שווארצען ווינקעל אין זיין נשמה, און ער האט גענומען פיינט האבען צוערשט זיין ארעמקייט און דאן די וועלט, וועלכע ער האט אין זיין ארעמקייט בעשולדיגט...

איבער זיין גייסט האט זיך פאמעלעך פערצויגען א דיקע כמארע און אין סאמע מיטען פון דער כמארע האט געשוואומען א ליכטיג בילד — דאס בילד פון דער גע־ליעבטער...

דען די ליעבע פון דעם ארעמען מאהלער האט זיך געטונקט אין האס, ווי א קליין רעטונגס־שיפעל טונקט זיך אין א נאכטיגען שטורעמדיגען אוקינוס...

## 4.

די פרייד פון זיין שאפען איז ביסלעכווייז אוועק און דאס שווארצע ברויט וואס ער פלעגט פריהער מיט יונגע צייהנער ווי קעניג־שפייז צוקייען, פלעגט איהם אין האלז שטעקען בלייבען...



Digitized by Google

די זונן — האָט ער בעמערקט — האָט איהם ניט ליכט געגנוג פאַרגונען. ער האָט געוואוסט, אַז זי דרעהט זיך אומיסנע אוועק פון זיין דאַך־דירה, און מיט עקעל האָט ער איין טאָג זיין פּינזעל אוועקגעוואָרפען.

— איך וויל ניט מעהר מאָהלען — האָט ער קריצענדיג מיט די צייהן געשריען צו די ווענד פון זיין קאַמער און האָט זיך פערמאַכטען מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען אקעגען דער גרויסער פעררויכערטער שטאָדט...

און דאַן האָט ער אַ פייער געמאַכט און האָט פער־ברענט אַלע זיינע בילדער און צייכנונגען...

## .5

טעג נאָכאַנאַנד איז ער אין זיין צימער געלעגען אויף דער צוריסענער זאָפאַ, מיט דעם געזיכט צום באַלקען, די אויגען געשלאָסען, און האָט זיך צוגעהערט צו דעם געמיש פון קולות וואָס האָט זיך אריינגעטראָגען פון דעם רוישיגען בבל, און אונטער זיינע צוגעמאַכטע ברעמען האָט זיך פאַר איהם געטראָגען די שטאָלצע פרויען־גע־שטאַלט...

איטליך קנייטשעל פון איהר פּנים האָט ער געזעהן און בעזונדערס דאָס קליינע קרייזעלע אַרום די ליפּען וואָס האָט געזאָגט :

— איך בין שעהן, די שענסטע פון אַלע פרויען, און דער וואָס וויל מיך האָבען, דאַרף זיין רייך און בעריהמט, און דו ביזט אַרעם און אַן אונבעקאַנטער שמירער...

און דאַן האָט זיך דאָס בילד געביטען.



Digitized by Google

איהר קערפּער און איהר פּנים זיינען געוואָרען איין זיסער רוף צו איהם... זי האָט געלאַכט און געוואונקען מיט אַזוי פיעל גליהענדע פערשפּרעכונגען, אַז איהם האָט דאָס בלוט אַרויפגעזידט צום מאַרך...

און אין מיטען האָט זיך איהר בליק ווידער געענדערט און האָט געגלאַנצט ווי דער קאַלטער שטאָל פון אַ קינזשאַל און איהם געשטאָכען מיט פעראַכטונג און שפּאָט...

— דו ביזט אַ בעטלער און איך בין פון אַדעלשטאַנד...

### .6

דאָס צימער האָט איהם גענומען שטיקען, ער האָט געוואָלט אַנטלויפען פון איהר בילד און איהם האָט זיך געדאַכט אַז דאָס וועט איהם געלינגען, ווען ער וועט פערלאָזען זיין צימער...

אַ הונגעריגער, אַ צושויבערטער, איז ער געלאָפען דורך די גאַסען, אָבער דאָס בילד האָט געגליהט און גע־ברענט... דער שעלמיש־פעראַכטענדער בליק אין די אויגען האָט איהם געשפּיזעלט דעם מח...

מיט וויסטע שטאַרע אויגען פלעגט ער זיך פערקוקען אויף די שוי־פענסטער און דאַן פלעגט ער ווי אַ וואהנ־זיניגער צוריקשפּרינגען.

זי האָט אויך פון דאָרטען אַרויסגעקוקט און געשמיי־כעלט קאָקעטיש־שפּאָטיש:

— דו ביזט יונג, און איך וואָלט דיך געליעבט... דיינע גליעדער זיינען שטאַרק און פול מיט יוגענד־זאַפט און דייז



Digitized by Google

נשמה איז א נעסט פון וואונדערבארע חלומות, אבער דו ביזט ארעם... דו ביזט א צוריסענער בעטלער...

און ער פלעגט מיט ווילדער האסט לויפען און לוי־פען, ביז ער פלעגט קומען אויסען שטאדט, און דארט זיך א ווארף טהאן אויפ'ן פעלד און וויינען, מיט דעם קאפ איינגענורעט אין זאמד..

## 7.

אזוי איז אוועק באלד א וואך. טעג שוין ווי ער האט אויסער וואסער אויף זיינע ליפען ניט געהאט, אבער ער האט אן זיין הונגער פערגעסען און געלעבט אויף זיין וועהטאג און אויף זיין ליעבע, און אויף דעם גיפט פון זיין געליעבטער'ס שפאט...

ביז איינמאל לויפענדיג דורך דעם געדראנג פון די פוס־געהער, האט א ליכט אויפגעבליצט אין זיינע האלב־פערלאשענע אויגען...

— מאלען מוז איך זי — האט ער געשריען צו זיך.

און ווען ער האט די ווערטער ארויסגעלאזט האט ער שוין געזעהן א געמעלד, פאלשטענדיג מיט איטליכען פעל־דעלע פון געזיכט, מיט איטליכער שאטירונג פון די האאר...

— און פערקויפען וועל איך דאס בילד ניט — האט ער צוזאמענדריקענדיג די ליפען געטראכט — מיין הונגער זאל ניט מיט דעם פרייז פון איהר בילד געזעטיגט ווע־רען...

— און איך וועל איהר שטאלצען פנים אויפ'ן מאל־ברעט קענען שטאלץ אקעגען קוקען און זאגען:



Digitized by Google

— „איך הונגער, אָבער דיין בילד וועל איך ניט פערקויפען..."

ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט קיין שטיקעל לייווענט ניט ביי זיך אין אַרבייטס־צימער, און זיין לעצטער סו איז שוין לאַנג צוריק געווען אויסגעגעבען...

פערצווייפעלט איז ער פערביייגעגאַנגען איין מאָל און נאָך אַמאָל די קראָמען וואו מען פערקויפט מאָהל־מאַטעריאַלען. אין איינעם פון זיי איז ער אַריין און איז באַלד צוריק אַרויסגעלאָפען. מען וואָלט איהם ניט געבאָרגט און עס וואָלט געווען אומזיסט דאָס בעטען...

8.

אין זיינע שלייפען האָט געשלאָגען ווי מיט אַ האַמער. זיינע פינגער זיינען געווען אונגעדולדיג צו האָבען דעם פּינזעל אין דער האַנד און נעהמען אַרבייטען. און דאָס געמעלד איז איהם פאַר די אויגען געשטאַנען און האָט איהם שפּאָטיש געזאָגט: —

— דו ביזט צו אָרעם אפילו אַ שטיקעל לייווענט צו קענען קויפען...

און זיינע ליפען האָבען זיך ביז בלוט אין איינאַנדער אַריינגעביסען און אין מיטען דער גאַס האָט ער אַרויסגעשריען, ענטפערענדיג דעם געמעלד:

— איך בין רייך גענוג דיך פאַר געלד ניט צו פערקויפען, און אַליין צו פערהונגערען...

אָבער וואו קריגט מען דאָס לייוועכט?...



Digitized by Google

ער האָט זיך עראינערט פּלוצים, אַז ער האָט אַ בע־קאַנטען ארמען מאַהלער וואָס וואויהנט ערגעץ ווייט אין אַן אַנדער שטאָדט־פיערטעל און איז אַהין אוועק...

זיין בעקאַנטער איז ניט געווען אין צימער און די בעל־הבית'טע וועלכע האָט איהם געקענט האָט איהם גע־לאָזען אויפוואַרטען, ביז זיין פריינד וועט קומען...

ער האָט געוואַרט... און דאַן האָט ער אָנגעהויבען זיך שרעקען פאַר זיין חבר'ס קומען...

ווי וועט ער עס איהם בעטען אַ שטיקעל לייוועגט, וואָס בעטרעפט סך הכל צעהן סו ?

עפּעס אַזוי ווי אַ פלעדערמויז איז דורכגעפלויגען זיינע געדאַנקען.

פאַרוואָס זאָל ער בעטען ? פאַרוואָס זיך אַזוי ער־נידעריגען ?

מיט אימפּעט האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן אַ שטיקעל לייוועגט וואָס איז געלעגען גרייט אויפצוציהען, שנעל האָט ער עס צוזאַמענגעוויקעלט און איז ארויס...

.9

צוויי טעג איז ער פון זיין גיבעל־שטיבעל ניט ארויס, און געמאָלט האָט ער די שטאָלצע פרויען־געשטאַלט... זיי־נע געדאַנקען זיינען געווען אַ כאַאָס פון פייער... דאָס קאָקעטישע בילד האָט זיך געטונקט ארויף און ארונטער, אין דער פלאַמענדיגער פליסיגקייט, און ארום דעם בילד האָט זיך געקרייזט אַזוי ווי אַ שלאַנג...



Digitized by Google

די שלאנג, דאָס איז געווען די גנבה פון דעם לײ־
װענט...

דאָס בילד איז געוואָרען קלערער און בולט׳ער... זײַנע
הענד האָבען פון הונגער און פיבער געציטערט אָבער דער
פּינזעל איז געפלויגען גיך, ווילד, פייערדיג...

און אין מיטען דערינען פלעגט דער פּינזעל אַרויס־
פאַלען פון די הייסע פינגער און דאָס צימער האָט גע־
הילכט פון אַן אונמענשליכען געלעכטער...

דאָס האָט דער אשמדאי געלאַכט דורך דעם קינסט־
לער׳ס מויל...

— אַ שטיקעל לײַוװענט פאַר צעהן סו האָסטו גנב׳־
ען געמוזט, דו, דער גאָט־געקוסטער...

## .10

און דער מאָהלער האָט געמאָלט מיט צוויי נשמות.
אין איינער האָט זיך געשפּיגעלט זײַן ליעבע, אין דער
צווייטער האָט זיך געקנוילט אַ פלוך...

איך בין אַ גנב — האָט ער מאָלענדיג געטראַכט —
און מײַן לעצטעס, מײַן מייסטער ווערק
איז אויף אַ גנבה געשאַפען...

געשאַפען האָט ער ווי עס האָט נאָך קיינער אויף דער
וועלט ניט געשאַפען ביז איהם.

און צוגלייך האָט ער אַרײַנגעמאָלט אין יעדען שטריך
זײַן שאַנד און זײַן וועהטאָג — זײַן גנבה...

געזיכט־צוגען האָבען אַרויסגעבליהט מיט איין ריהר
פון זײַן פּינזעל, אַזוי ווי עס בליהען אַרויס רויזען אין איין

מאמענט דורך דער צופלאצטער קנאספע... אבער אין די שאטירונגען ערגעץ וואו, אין די פאלדען פון דעם קלייד און אין די פלעכטען פון די האאר זיינען געלעגען גע־דאנקען פון גנבה...

## .11

אויפ'ן דריטען טאג האט מען דעם קינסטלער געפונען טויט — פון הונגער... און דאס בילד האט אימיצער פון די שכנים אוועקגע'גנב'עט...

דער קונסט־קענער צו וועלכען דאס בילד איז גע־בראכט געווארען, האט בעצאהלט דעם פרייז — פינף פראנק, און דערנאך האט ער זיך איינגעשלאסען מיט זיין מציאה בחדרי חדרים און האט עס בעקוקט פאר דעם ליכט...

ס'איז געוועזן א יונגע פרוי פון א יאהר פינף און צוואנציג, מיט ברוינע צולאזטע האאר, און ווייכע צער־טליכע אויגען, אבער ארום די צוזאמענגעפרעסטע ליפען איז געוועזן א קרייזעלע אין וועלכען עס איז געוועזן אן אפגרונד פון שטאלצער פעראכטונג...

דער קונסט־קענער האט זיינע הענד געריבען, ער האט פאר בלויז פינף פראנק א „שע־ד'עוור" געקריגען.

האט ער דאס בילד געהאלטען פערשלאסען אין זיין קאבינעט און דעם שליסעל האט ער ביי זיך געהאלטען. קיינעם האט ער ניט געטרויט...

אבער איין פריה מארגען האט זיך דער קונסט־קענער די האאר געריסען פון שמערץ : דאס בילד איז פער־



Digitized by Google

שוואונדען געוואָרען. אויפ'ן טיש איז געלעגען אַ קעס־טעל מיט שמוקזאַכען, וואָס דער גנב האָט ניט בעריהרט. בלויז דאָס בילד האָט געפעהלט...

### 12.

מיט יאָהרען שפּעטער איז דאָס בילד פערקויפט געוואָרען אין וועגעדיג, דאָס מאָל פאַר צעהן טויזענד לירעס, צו אַ רייכען סוחר, וועלכער האָט זיינע אינטימע פריינד איינ־געלאָדען דאָס בילד אָנצוקוקען...

מענשען האָבען די אויגען ניט אָפּרייסען געקענט, אַרטיקלען און ביכער גאַנצע זיינען איבער דעם וואונדער־באַרען בילד געשריבען געוואָרען, און אַ לעגענדע האָט גע־נומען אַרומגעהן אַז דאָס האָט געמאָלט מעפּיסטאָפעלעס אַליין.

ווען דער סוחר איז איינמאָל געקומען צוריק פון זיין לאַנגער רייזע אין מזרח־לאַנד, האָט ער געפונען זיין הויז־געזינד אין שרעק און טרויער.

אימיצער איז די נאַכט פריהער אַריין דורך דער קע־לער־טהיר, און האָט אויסגעשניטען דאָס בילד פון דער ראַהם...

ווערטהזאַכען זיינען רונד אַרום געלעגען, אַ גרויסע סומע געלד איז געווען אין דעם אָפענעם שראַנק.

דער גנב האָט זיי אפילו ניט אָנגעריהרט און בלויז דאָס בילד האָט געפעהלט...



Digitized by Google

## .13

און דאָס בילד האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעהאַלטען לאַנג אויף אַ פּלאַץ.

פון לאַנד צו לאַנד איז עס טראַנספּאָרטירט געוואָ־רען, און דער פּרייז איז תמיד געשטיגען. אָבער דעם גנב'ס האַנד פלעגט קוים ערלויבען דעם איינגענטהימער זיך מיט זיין קונסט אוצר אָנצופרעהען...

פריהער שפּעטער פלעגט עס פערשוואונדען ווערען...

ענדליך נאָך הונדערטער יאָהרען און נאָך אַלערליי גלגולים איז דאָס בילד אָנגעקומען אין דעם מוזעאום פון לאָנדאָן און דער מקח איז געווען צעהן מיליאָן פראַנק.

אפילו ד אָ ס , האָבען מבינים געזאָגט, איז ביליג...

אין אַ בעזונדערן צימער האָט מען עס אריינגע־שטעלט און שומרים ביי די טהירען האָבען געהאַלטען וואך און אַ בעזונדערע ערלויבניס האָט מען געדאַרפט קריגען פון דעם מוזעאום־אויפזעהער דאָס בילד צו זעהן...

און פון פריה ביז שפּעט זיינען מענשען געשטאַנען מיט גלאַנציגע אויגען און האָבען געקוקט אויף דער פרוי מיט דעם זיסען בליק אין די אויגען און דעם שפּאָטישען קרייזעלע אַרום די ליפּען. פאַרנאַכט פלעגען די היטערס מוזען מיט געוואַלד דעם לעצטען בעזוכער אַרויספיהרען.

## .14

איין טאָג איז דאָס גאַנצע לאַנד אויפגעטרייסעלט גע־וואָרען פון דער שרעקליכער נאַכריכט אַז דאָס בערימטע בילד איז גע'גנב'עט געוואָרען פון מוזעאום.

א בעלוינונג פון צעהן טויזענד פונט איז אנגעבאטען געוואָרען און דעטעקטיווס פון אלע לענדער האבען זייערע מוחות געשארפט...

מיט מאַנאַטען שפּעטער האָט מען דעם גנב געפונען און דאָס איז קיין אנדערער ניט געווען ווי דער אלטער עהרווירדיגער פּראָפעסאָר וואָס איז געווען זייט דרייסיג יאָהר קוראַטאָר פון מוזעאום...

ער האָט מיט טרעהרען אין זיינע אַלטע אויגען זיך מודה געווען אין זיין פערברעכען אָבער ער האָט בשום אופן ניט געקענט ערקלערען צו וואָס ער האָט עס געטהאָן...

— ער ווייס בלויז — האָט ער ביי דער אויספאָרשונג דערצעהלט — אז קוקענדיג אויפ'ן בילד זיינען איהם געקומען געדאַנקען פון גנבה אין קאָפּ וועלכע האבען איהם קיין רוה ניט געגעבען ביז ער האָט דאָס בילד, איין מאָל ביי דער נאכט, מיט זיינע אייגענע אלטע הענד, ארויסגענומען פון ראהם און האָט עס בעהאלטען ביי זיך אין צימער... א טייפעלשער דראנג האָט איהם געטריבען צו דער גנבה...

---

דאָס איז די געשיכטע פון דעם בילד וואָס א גרויסער קינסטלער האָט געמוזט מאָלען אויף א גע'גנב'עטען שטיקעל לייווענט...

1912.



Digitized by Google

# די נשמה פון דער גרויסער גלאָק

(פון לאַפקאַדיאָ האָירן'ס כינעזישע לעגענדען. — איבערזעצט פון ענגליש).

דער וואַסער־זייגער ווייזט אָן די שטונד אין דעם „טהורעם פון דער גרויסער גלאָק". איצט הויבט זיך אויף דער האַמער און קלאַפּט אויף די ליפּען פון דער מעטאַ־לענער ריעזין — אויף די משונה־ברייטע ליפּען וואָס זייַ־נען בעשריבען מיט הייליגע פּסוקים פון בודהאַ.

און די גרויסע גלאָק ענטפערט מיט אַ מעכטיגען קול:

— קאָ—נ'געה !...

די קליינע געשניצטע שלאַנגען אויף די רינעם פון דעם גרינעם דאַך, ציטערען אַזש ביז זייערע בעגולדטע עקען, אונטער די טיעפע וועלען פון דעם דאָזיגען קלאַנג ; די פּאָרצעלייענע פּערזעהעניסען שוידערען אויף זייערע גע־טאָקטע געשטעלען ; און די הונדערט קליינע גלעקלעך פון די פּאַגאָדאַס שאָקלען זיך אַזוי ווי זיי וואָלטען מיטריידען געוואָלט.־

— קאָ—נ'געה !...



Digitized by Google

און די גרין־און־געלר געפארבטע דאכפאנען פון דעם טעמפעל בעוועגען זיך ; די הילצערנע פישלעך איבער זיי, קנוילען זיך קעגען דעם הימעל ; און דער גאנץ פא־טרייסעלט, דורך דעם בלויען ווייהרויך־נעבעל, זיין אויס־געשטרעקטען פינגער, אויף זיינע פרומע דיענער.

— קא—נ׳געה !...

וואס פאר א דונער־טאן דאס איז ! די לאקירטע טייוואלים אויף דעם געזימס פון דעם פאלאץ דרעהען זיי־ערע פייערדיגע צונגען ; און נאך יעדען מורא׳דיגען קלאפ, ווי וואונדערבאר איז דאס פיעלפאכע עכא, און דער גרויסער גאלדענער יאמער־קלאנג און נאר צום סוף, דאס שלוכצענדע שיפען וואס שומעט אין די אויערען, ווען דער ריעזיגער טאן חלש׳ט אוועק אין געבראכענע זילבער־זיפ־צען, אזוי ווי א פרויענצימער וואלט געשעפטשעט : „האי־עי !"

אט אזוי האט די גרויסע גלאק געקלונגען, טאג פאר טאג אין א משך פון קארגע פינף הונדערט יאהר.

— קא—נ׳געה !...

צוערשט מיט א מורא׳דיגען שטארקען קלונג, דאן מיט א טיעפען גאלדענעם יאמער און דאן מיט א זילבערנעם שושק : —

— האי־עי !

און עס איז ניטא א קינד אין די גאסען פון דער אלטער כינעזישער שטאדט, וואס וויים ניט די מעשה מיט דער גרויסער גלאק און וואס קען אייך ניט דערצעהלען ווארום די גרויסע גלאק זאגט „קא—נ׳געה" און „האי־עי".

אונ דאָס איז די געשיכטע פונ דער גרויסער גלאָק ווי זי ווערט בעשריבען אין דעם ספר „פי־האיאָ־טור־טשואי" פון דעם געלעהרטען „יוא־פאָ־טשען" : —

ארום פינף הונדערט יאָהר צוריק, האָט דער זוהן פון הימעל, דער גרויסער „יאָנג־לאָ" פון דער קעניגליכער משפחה „מינג", בעפויהלען דעם ווירדיגען מאַדארין „קואַן יו" אַז ער זאָל לאָזען מאַכען אַ גלאָק וואָס זאָל זיין אַזוי גרויס אַז איהר קלאַנג זאָל זיך הערען פאַר הונדערט „לי". אויך האָט ער איהם אָנגעזאָגט אַז די שטים פון דער גלאָק זאָל געמאַכט ווערען שטאַרק דורך קופּער, און טיעף דורך גאָלד, און זיס דורך זילבער, און אַז אויף איהר פּנים און אויף איהרע ברייטע ליפּען זאָלען אויסגעקריצט ווערען געוויסע פּסוקים פון די הייליגע ספרים, און אויפהענגען זאָל מען זי אין סאַמע מיטען פון דער רעזידענץ־שטאָדט, כדי זי זאָל הילכען דורך אַלע גאַסען פון פּע־קינג.

און דער ווירדיגער. מאַנדארין „קואַן־יו" האָט צו זיך גערופען די גרעסטע מעטאַל־גיסערס און די בעריהמ־טעסטע גלאָקען־מאַכער פון דעם גאַנצען קעניגרייך, און אַלע די וואָס האָבען געהאַט אַ שם פאַר זייער קונסט אין שמעלץ־אַרבייט. און זיי האָבען אויסגעקליבען מיט אַ מאָס, די מאַטעריאַלען וואָס האָבען געזאָלט אַריינקומען אין דעם געמיש, און זיי צוזאַמענגעשטעלט מיט גרויס געניטקייט, און זיי האָבען צוגעגרייט די פורעמס, און דאָס פייער, און די געצייג און דעם משונה־גרויסען טאָפּ אין וועלכען צו קאָכען די מעטאַלען. און זיי האָבען געאַרבייט פלייסיג ווי ריעזען, זיך ניט פערגינענדיג קיין שלאָף און קיין רוה צו מאָל, און האָבען געהאָרעוועט טאָג און נאַכט צו טהאָן

דעם רצון פון „קואן־יו" און צו ערפילען אין יעדען פרט דעם בעפעהל פון דעם זוהן פון הימעל.

אבער ווען מע האט דעם מעטאל אויסגעגאסען, און מע האט ארונטערגענומען דעם ערדענעם פורעם פון דער הייסער מאסע, האט זיך ארויסגעוויזען, אז כאטש זיי האבען אזוי שווער געארבייט און אזוי גענוי אויפגע־פאסט, איז דער רעזולטאט געווען אהן א שום ווערטה. דען די מעטאלען האבען ווידערשפעניגט איינער אן דעם אנדערען. דאס גאלד האט זיך ניט געוועלט מתחתן זיין מיט דעם קופער, און דאס זילבער האט זיך ניט געוועלט משדך זיין מיט דעם צושמאלצענעם אייזען.

און נאך אמאל האט מען געמוזט צוגרייטען די פור־רעמס, אנצינדען די פייערען, און צוריקשמעלצען דעם מעטאל און איבער'חזר'ען מיט געדולד און מיט שווערע מיה, די גאנצע ארבייט.

דער זוהן פון הימעל האט זיך דערפון דערוואוסט און ער איז געווארען דערצארענט, אבער ער האט אווארט נישט גערעדט.

צום צווייטען מאל האט מען די גלאק אויסגעגאסען. און דער פועל יוצא איז נאך אן ערגערער געווען. די מע־טאלען האבען זיך איינגע'עקשנ'ט און ניט געוואלט זיך צוזאמענשמעלצען, און עס איז קיין אחדות ניט געווען און דער גלאק און איהרע זייטען זיינען געווען צופלאצט און די ליפען איהרע זיינען געווען פונאנדערגעלאפען און צושפאלטען.

און צום דריטען מאל האט מען זיך געמוזט נעהמען



Digitized by Google

צו דער ארבייט — צו דעם גרויסען הארצוועהטאָג פון „קואַן־יו".

ווען דער זוהן פון הימעל האָט געהערט די געשיכטע איז ער געוואָרען נאָך צאָרניגער ווי פריהער און ער האָט געשיקט שלוחים צו „קואַן־יו" מיט א בריעף, געשריבען אויף ציטראָן־געלען זייד און פער'חתמ'ט מיט דעם „זי־געל פון דער שלאַנג" און אין דעם בריעף זיינען געשטאַנען די פאָלגענדע ווערטער :

„פון דעם מעכטיגען „יאַנג־לאָ, דעם ליכטיגען און
„דעם הימלישען, וואָס שטאַמט פון דער פאַמיליע „מינג",
„צו „קואַן־יו" : —

„צוויי מאָל שוין האָסטו פערראַטהען דעם צוטרוי,
„וועלכע מיר, אין אונזער לייטזעליגקייט, האָבען דיר גע־
„שאָנקען. אויב דו ווערסט דאָס דריטע מאָל ניט ערפילען
„אונזער בעפעהל, זאָל דיין קאָפּ אָפּגעשניטען ווערען פון
„דיין נאַקען. ציטער און געהאָרך".

---

„קואַן־יו" האָט געהאַט א טאָכטער, א זעלטענע יפת תואר, וואָס איהר נאָמען — „קאַ־נ'געה" — איז געוועזען אויף די ליפּען פון אַלע דיכטער און איהר הארץ איז נאָך געוועזען שעהנער פון איהר געזיכט. קאַ־נ'געה האָט איהר פאָטער אזוי שטארק ליעב געהאט, אז זי האָט אָפּגעזאָגט הונדערט געהויבענע חתנים, כדי זי זאָל ניט דארפען אוועקגעהן פון איהם און דערמיט פערוויסטען זיין לעבען.

ווען זי האָט געזעהן דעם געלען בריעף פער'חתמ'ט מיט דעם זיגעל פון שלאַנג, איז זי געפאַלען אין אונ־



Digitized by Google

מאכט, ציטערנדיג פאר איהר פאטער'ס שיקזאל. און נאכדעם ווי זי איז געקועמן צו זיך, האט זי ניט גערוהט און ניט געשלאפען און נאכאנאנד געטראכט פון דער געפאהר אין וועלכער איהר פאטער געפינט זיך, ביז זי האט אין געהיים פערקויפט אייניגע פון איהרע דימענטען און מיט דעם געלט איז זי אוועק צו א שטערנזעהער און האט איהם בעצאהלט א גרויסע סומע, כדי ער זאל איהר געבען אן עצה ווי צו ראטעווען איהר פאטער פון דער סכנה וואס איז איבער איהם געהאנגען. און דער שטערנ־זעהער האט בעטראכט דעם גאנג פון די שטערען און האט נאכגעזעהן אין די געהיימע ביכער פון די אלכעמיקער, און נאך א לאנגער שטילקייט האט ער איהר א תשובה געגעבען און געזאגט:

— גאלד און קופער וועלען זיך קיינמאל ניט פער־קנאסען, זילבער און אייזען וועלען זיך קיינמאל ניט ארומנעהמען, סיידען דאס פלייש פון א מיידעל זאל אריינ־געשמאלצען ווערען אין דעם אויוועז, און דאס בלוט פון א יונגפרוי זאל זיך צונויפגיסען מיט דעם געמיש פון די מעטאלען...

און „קא־נ'געה" האט זיך אומגעקעהרט א היים מיט א בעטריבטען הארצען, אבער זי האט געהאלטען בסוד דאס וואס זי האט געהערט און האט קיינעם ניט דער־צעהלט וואס זי האט געטהאן.

---

ענדליך איז געקומען דער שרעקליכער טאג ווען א דריטע און לעצטע פראבע האט געזאלט געמאכט ווערען,

צו גיסען די גרויסע גלאָק. „קאַ־נ׳געה״ צוזאַמען מיט איהר קאַמעראַמיידעל האָט איהר פּאַטער בענליים ביז צו דעם שמעלץ־אויווען, און זיי האָבען זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ הילצערנעם געשטעל פון וועלכען זיי האָבען צו־געקוקט ווי די גיסערס אַרבייטען און ווי עס פליסט דער שטראָם פון דעם צושמאָלצענעם מעטאַל. די אַרבייטער האָבען שווייגענדיג געטהאָן זייער אַרבייט. קיין קלאַנג האָט מען ניט געהערט, אויסער דעם מורמעל פון די פייערען, און דער מורמעל איז ביסלעכווייז געוואָרען אַ ברום, אַזוי ווי דער ברום פון אַ קומענדען שטורעם, און דאָס בלוט־רויטע טייך פון מעטאַל איז לאַנגזאַם געוואָרען העל, ווי דער פורפור פון דעם זונענאויפגאַנג, און דער פורפור איז איבערגעגאַנגען אין גליהענדען גאָלד, און דאָס גאָלד איז געוואָרען בלענדענדיג־ווייס אַזוי ווי דער זילבער־פּנים פון אַ פולער לבנה.

דאַן ערשט האָבען די אַרבייטער אויפגעהערט צו פּי־טערען די וואַהנזיניגע פלאַמען, און אַלע האָבען זייערע אויגען געווענדעט אויף די אויגען פון „קואַן־יו״, און „קואַן־יו״ האָט זיך מכין געווען צו געבען דעם סיגנאַל מע זאָל נעהמען גיסען.

אָבער איידער ער האָט נאָך אויפגעהויבען זיין פינגער, האָט אַ ווילדער געשריי איהם געצוואונגען אומצודרעהען זיין קאָפּ, און אַלע האָבען געהערט די שטים פון „קאַ־נ׳געה״, וואָס קלינגט שאַרף און זיס ווי דער טרעל פון אַ פויגעל, איבער דעם דונער פון די פייערען : —

„פון דיינעט וועגען, פאָטער ליעבער...״

און אזוי שנעל ווי זי האט עס ארויסגעשריען איז זי אריינגעשפרונגען אין דעם ווייסען מעטאלענעם פלוס, און די לאווא פון דעם שמעלץ־קעסעל האט זי ברויזענדיג מקבל פנים געווען, האט געשפריצט מיט גרויסע פלאקערדיגע שטיקער ביז צום דאך, איז אריבערגעלאפען איבער דעם ערדענעם קראטער, און האט ארויסגעשליידערט א וויר־בעלענדען פאנטאן פון פארביגע פייערען. דאן איז זי צוריקגעפאלען מיט בליצען און דונער־קנאלען און מיט בייזע מורמלערייען...

דער פאטער פון „קא־נ׳געה״, אין דער משוגעת פון זיין שמערץ, האט געוואלט נאכשפרינגען נאך איהר, אבער שטארקע מענער האבען איהם פעסט צוגעהאלטען ביז ער איז אין חלשות געפאלען און זיי האבען איהם ווי א טוי־טען אוועקגעטראגען א היים. און דאס קאמער־מיידעל פון „קא־נ׳געה״ איז שטום און צומישט געשטאנען פאר דעם שמעלץ־אויוועו, האלטענדיג אין דער האנד א קליינעם שוך אויסגעשטיקט מיט פערל און דימענטען. ווען „קא־נ׳געה״ האט געמאכט דאס שפרונג האט דאס מיידעל זי פאר׳ן פוס אנכאפען געוואלט און געבליבען איז אין איהרע הענד בלויז דער שעהנער שוך, אויף וועלכען זי האט נאך אלץ געגלאצט ווי א משוגע׳נע...

---

ניט קוקענדיג אויף די אלע זאכען, האט דער בעפעהל פון דעם ליכטיגען הערשער געמוזט אויסגעפיהרט ווערען, און די מעטאל־גיסער האבען געמוזט ענדיגען זייער ווערק, ווי שלעכט עס זאל ניט ארויסקומען.

אָבער אַרױסגעשטעלט האָט זיך, אַז דער גלאַנץ פֿון דעם מעטאַל איז געװעזען װײסער און רײנער װי פֿריה־ער, און קײן סימן איז ניט געװען צו זעהן פֿון דעם שעהנעם קערפּער װאָס איז אין איהם געלעגען בעגראָבען.

די גיסונג איז געמאַכט געװאָרען. און מערקװיר־דיג ! װען דער מעטאַל האָט זיך אָפּגעקיהלט האָט מען דערזעהן, אַז די גלאָק איז געװען אַ פֿרײד אָנצוקוקען, און שעהנער אײן געשטאַלט, און פּרעכטיגער אין איהרע קאָלירען פֿון אַלע אַנדערע גלאָקען.

פֿון „קאָ־נ׳געה׳ס" לײב איז קײן זכר ניט געװען צו בעמערקען. זי איז אין גאַנצען אײנגעזױגען געװאָרען אין דעם מעטאַלענעם געמיש און האָט זיך צונױפֿגעגאָסען מיט דעם בונד פֿון קופּער און גאָלד און מיט דער פֿער־ברידערונג פֿון זילבער און אײזען.

און װען מע האָט געקלונגען מיט דער גלאָק, זײנען איהרע טענער געװען טיעפֿער, און װײכער און מעכטיגער װי די טענער פֿון אַלע אַנדערע גלאָקען, און געגרײכט האָ־בען זײ נאָך װײטער װי הונדערט „לי". און געהילכט האָ־בען זײ װי דאָס קנאַלען פֿון אַ זומערדיגען דונער. און דערבײ האָט זיך געהערט װי אַ גרויסע שטים װאָלט אַרױסגעקלונגען דעם נאָמען פֿון אַ פּרױענצימער — דעם נאָמען „קאָ־נ׳געה"...

---

אָבער עד היום צװישען אײן מעכטיגען קלאָפּ און דעם צװײטען הערט זיך אַ לאַנגער דומפּפער יאָמער, און דער יאָמער ענדיגט זיך תמיד אין אַ שלוכץ — אַזױ װי



Digitized by Google

א פרויענצימער וואלט געוויינט און געשושקעט „האי־עי"...

און ער היום ווען עס לאזט זיך הערען דער גרויסער גאלדענער יאמער שוויינען אלע. אבער ווען דער שארפער זיסער שוידער ציטערט דורך דער לופט, און דער שלוכץ „האי־עי" — דאן שושקען אלע כינעזישע מאמעס, אין אלע גאסען פון פע־קינג, צו זייערע קינדער : —

— הערט זיך איין ! דאס איז „קא־נ'געה" וועלכע וויינט נאך איהר שוך ! דאס איז „קא־נ'געה" וואס בעט איהר שוך !...

1912.

# מעשה׳לעך

Digitized by Google

Digitized by Google

# דער פערשאָלטענער פויגעל

ערגעץ ווייט־ווייט, הינטער בערג און טהאָלען, איז געשטאַנען אַ געדיכטער וואַלד.

ווינטער־צייט האָט ער זיך איינגענורעט אונטער אַ ווייסען קיטעל און איז געוועזן טויט פאַר דער וועלט. מיט זיינע מיליאָנען וואָרצלען אָבער האָט ער דערוויל פון די טיעפעניסען געצויגען און געזויגען און אָנגעגרייט זאַפטען...

ווען דער פריהלינג האָט אַ הויך געטהאָן, האָט ער דעם שנעע־קיטעל אראָפגעטרייסעלט, האָט זיך אויפגעצוכעט ווי פון אַ היהנער־פּלעט, און זיינע זאַפטען האָבען אָנגעהויבען ארויסקוקען אויף דער ווייסער וועלט מיט קליינע נאַאיווע אויגלעך... דאָס זיינען געוועזן קנאָספען.

פון זיי זיינען געוואָרען זיידענע קווייטען, און סאַמעטענע בלעטער, און דער וואַלד איז געוואָרען איין גריינער ים פון עק צו עק.

אַ גאַנצען טאָג איז ער געשטאַנען און מיט זיינע העכסטע שפּיצען געקוקט אויפ'ן בלאָען הימעל, און אויף די לופטיגע וואָלקענדלעך, און ביי נאַכט האָט ער גע־

זעהן ווי די שטערען פינטלען און פינקלען פון גאט ווייס ווי ווייט...

און אין וואלד האבען זיך א סך חלומות אנגעזאַמעלט, און איהם האט זיך געוועלט זיי ארויסריידען.

אבער איהם האט א שפראך געפעהלט...

אויפ'ן ווינד האט ער ווארטען געמוזט... און איז דער ווינד געקומען, פלעגט דער וואלד שושקען בלויז אדער קרעכצען...

אבער דער וואלד האט ר ע ד ע ן און, מעהר נאך, ז י נ ג ע ן געוועלט — פון די שטערען וואס ער האט ביי דער נאכט געזעהן, און פון די ווייסע וואלקענדלעך וואס האבען צו איהם ביי טאג פון הימעל אראפגעשמייכעלט...

איז דער וואלד געוועזן שטארק מרה־שחורה'דיג, און איינמאל אין א פינסטערער נאכט, האט ער פון בענקענים און פערדרוס, זיין הארץ ארויסגעשפיגען...

דאס הארץ איז תיכף א נאכטיגאל געווארען, און דער וואלד, האט א שפראך געקריגען...

דורך די מיליאנען ווארצלען זיינען אלע סודות פון די טיעפעניסען, און פון די בוים־שפיצען זיינען אלע געהיימניסען פון די שטערען, אריינגערונען אין דער קעהל פון דער נאכטיגאל...

דען זי איז געוועזן דאס הארץ פון וואלד...

און פארהילכט איז געווארען דער גרינער ים מיט זיסע טרעלען, און מיט מעלאדיען, צו וועלכע אפילו דער בעמאכטער שטיין איז ניט קאלטבליטיג געבליבען...



Digitized by Google

איינמאָל איז דורכגעגאַנגען דורכ'ן וואַלד אַ בייזער מכשף, וואָס האָט פיינד געהאַט אַלצדינג וואָס איז שעהן און גוט. ווען ער האָט געהערט דעם זיסען געזאַנג פון דער נאַכטיגאַל, איז ער שיער ניט געפאַלען אין חלשות, און ער האָט דעם פויגעל פאַרשאָלטען צו ווערען אַ פאַ־פוגאַי. דערנאָך האָט ער זיך צולאַכט און איז אוועק.

אויף מאָרגען איז אַ יעגער געקומען אויף דעם זעל־ביגען אָרט, און דערזעהענדיג דעם קאָלירטען פאַפוגאַי, האָט ער איהם תיכף געפאַנגען און אוועקגעטראָגען אַ היים.

דאָרט האָט ער און זיין ווייב און זיינע קינדער געלערענט פון פריה ביז שפּעט דעם שעהנעם פויגעל, ווי נאָכצוזאָגען ווערטער און זאַצען...

דער פויגעל האָט זיך איינגעוואוינט אין זיינע פער־דערלעך און האָט געשוויגען. דען ער איז געווען דאָס האַרץ פון וואַלד און האָט געבענקט.

אין אַ פּאָאר טעג אַרום זיינען געקומען געסט צו דעם יעגער, און ער האָט דעם פויגעל אַריינגעטראָגען אין זאַאל, זיינע חכמות צו ווייזען.

און דער פויגעל האָט געהאַט זיין ערשטען שרעק: אַריינקוקענדיג אין וואַנד־שפּיגעל האָט ער דערזעהן אַז ער איז גאָר אַ פּאַפּוגאַי, און ניט קיין נאַכטיגאַל.

ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ וועה־געשריי, און האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקען:

ער האָט בלויז נ אָ כ ג ע ר ע ד ט די ווערטער און די זאַצען וואָס מע האָט איהם איינגעלערנט...



Digitized by Google

און אפשר — האָט ער זיך געטרייסט — ווען איך וועל א ל י י ן זיין, וועל איך צוריק מיינע טרעלען קריגען...

און ער האָט געוואַרט ביז אַלע זיינען אוועק, און דאַן האָט ער דערשפּירט ווי פון מיליאָנען וואָרצלען און בוימשפּיצען, רינען אריין אין זיין קעהל טרעלען און ליעדער...

און דאָס הארץ פון וואַלד האָט געצאַפּעלט פון פרייד און אונגעדולד...

אָבער ווען דער פויגעל האָט אַ קול ארויסגעלאָזען, איז איהם אַ פּחד בעפאַלען, אזוי ווי ער וואָלט זיך אליין געזעהן אַ טויטען: —

איצט אויך, אין דער איינזאַמקייט, ווען ארום איז געוואָרן אזוי שטיל, און ווען א י ן איהם האָט געקוואַלען און געשטראָמט, דאָס ליעד פון די טיעפעניסען און די שטערען — איצט אויך, זיינען פון זיין קעהל ארויס בלויז די פ ר ע מ ד ע, א י ב ע ר ג ע׳ ח ז ר׳ ט ע קלאַנגען...

איז דער פויגעל געלעגען אין אַ ווינקעל און האָט געוויינט...

קרעכצען האָט ער מורא געהאַט... ער האָט געוואוסט אז ער וועט בלויז יענע פ ר ע מ ד ע קלאַנגען איבער־קרימען...

האָט ער שטיל אין זיך געוויינט...

.1913



Digitized by Google

# דער טעלעגראַף־סלופּ

שטעהט אַן אַלטער טאָפּאָל־בוים ביי דעם עק פון גאַס און חלומ'ט פון די בעסערע צייטען, ווען אַרום זיי־נען נאָך געווען לאַנקעס און זומפּען און ווילדע קאַטשקעס מיט גלאַנציג־בלאָע פליגלען... און רעכטס און לינקס אַן עדה מיט בוימער...

אַקעגען־איבער פאַלט זיין אויג אויף אַן אָפּגעהאַק־טען שטאַם... אַלץ וואָס איז געבליבען פון דעם אַלטען קאַלטענעוואַטען זקן וואָס פלעגט אין זומער־נעכט דער־צעהלען אַזעלכע שעהנע מעשות פון רויטע אינדיאַנער און פון הירשען...

און אַרום פלעגען די יונגע בוימלעך און ער בתוכם, האָרכען מיט אַזאַ דרך־ארץ...

און איצט איז ער דער זקן, און וואָלט אויך קענען מעשות דערצעהלען, אָבער ס'איז פּשוט ניטאָ פאַר וועמען...

שטעהט ער און חלומ'ט...

איין טאָג קריגט דער טאָפּאָל־בוים אַ שכן — אַן אייזערנעם טעלעגראַף־שטאַנג.



Digitized by Google

חדוש'ט זיך דער אַלטער און שטעלט אוים אַ האַלב־
פּאַרטריקענטען צווייג : —

— שלום עליכם, פון וואַנען איז אַ בוים ?
— איך בין ניט קיין בוים.
— וואָס הייסט, ניט קיין בוים ?
— איך בין אַן אייזערנער שטאַנג.
— און וואַרצלען האָסטו ?
— אַן אייזערנער שטאַנג דאַרף ניט קיין וואַרצלען.

דער טעפּאַל־בוים הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן...
דער אויפּטהו געפעלט איהם אפילו זעהר, אָבער בעטריבט איז ער דאָך...

שפּעטער הערט ער ווי דער אורח זינגט :

— זזזזזזזז...
— וואָס איז דאָס ? ביענען ?

לאַכט דער חברה־מאַן :

— דאָס זיינען ניט קיין ביענען, זיידע.
— וואָס דען ?
— דאָס טעלעגראַפּירט מען דורך מיר.
— און דו אַליין ?
— איך שטעה...
— וואָס הייסט, דו שטעהסט ?...
— איך בין אַן אייזערנער סלופּ, און שטעה...
— אַ ליַע ! — מורמעלט דער טעפּאַל־בוים, און בעשליסט מעהר ניט צו פרעגען.

און ווען ער הערט איהם מאַכען :

— זזזזזזזז...



Digitized by Google

קלעהרט ער:

— פשוט משוגע! אהן ווארצלען, אהן בלעטער און רק דאס זינגט.

די ערקלערונג פון „מע טעלעגראפירט" לעגט זיך דעם טאפאל נים אויפ'ן שכל, און ביי איהם איז בדוק ומנוסה, אז דאס זינגט ער.

מיט דער צייט קריגט ער ליעב זיין שכן... און שפעטער וויקעלט ער ארום איהם זיינע צווייגען: —

— עט, לאז דאכטען, ער איז אויך א בוים... א נאקעטער נעבאך...

און ווען דער סלופ הויבט אן הוזשען:

— זזזזזזזז...

מאכט ער איהם שטיפעריש נאך, און רוישט מיט אלע זיינע בלעטער:

— שששששששששש...

1910.



Digitized by Google

# דער אקאציענבוים

ער איז געווען דער סאמע ערשטער תושב פון דער לאנקע, און אויפגעוואקסען מיט דעם אנגענעהמען גע־פיהל, אז ער איז א בן־יחיד, און דער שיינדעל פון זיין סביבה. פון יאהר צו יאהר האט ער געשפרייט זיינע צווייגען און זיין קוק איז געווען דער הימעל...אויב ניט דער־גרייכען, איז כאטש וואס נעהנטער צו איהם קומען...

אונטען ארום זיינע פיס האבען גראזען אהן א צאהל געשפראצט, און אין דער לופט האט געזומט און געזונגען. דאס אלץ האט ער בעטראכט ווי זיין ממשלה...

איז אימעצער געקומען און האט איינגעפלאנצט ארום איהם, רייהען און רייהען פון דינע נידעריגע שטעק־לעך... דער אקאציענבוים האט געלאכט מיט א גדלות'־דיגען געלעכטער און זיינע בלעטער האבען געכיכעט און גערוישט מיט מילדען גוטמוטהיגען שפאט, פון די נא־קעטע שטענגלעך...

ווען די ניי־איינגעפלאנצטע האבען אנגעהויבען ווע־רען גרין, האט זיך דער בוים לכתחלה געערגערט:

— א חוצפה פון אזעלכע...



Digitized by Google

שפעטער האָט ער זיך אליין גע'מוסר'ט :

— א ריעז ווי איך, א שטאַרקער, א הויכער און דאָס שיינדעל פון דער לאַנקע, דאַרף זיין גרויסמוטהיג... און וואָס אין דער אמת געהט דאָס קליינוואַרג מיך אָן ? מיינס וועלען זיי ניט אוועקנעהמען. דער עיקר בין א י ך, און וועל עס תמיד בלייבען...

אָבער די עזות־פּנים'ער האָבען זיך געהויבען אַלץ מעהר און מעהר, און שוין אויף דעם דריטען זומער, האָט דער בוים זיך געכאַפּט אז אונטען, צו זיין שטאַם, קומט א קאַפּ זונענשיין ניט צו...

— מע וועט זיך מוזען א הויב טהאָן העכער — קלערט דער אקאַציענבוים — און אָנלערנען די חברה־לייט דרך־ארץ...

האָט ער זיך נאָך מיט מעהר אימפּעט געצויגען צום הימעל...

— אזוי הויך וועלען זיי שוין ניט דערגרייכען — שמייכעלט ער.

איז אוועק נאָך א יאָהר און נאָך א יאָהר. און ארום איהם איז שוין געשטאַנען א המון פון הויכע בוימער פון אַלערליי מינים...

מעהר ווי מיט'ן שפּיץ האָט ער שוין דעם הימעל ניט געזעהן... אין די צווייגען איז געוואָרען קאַלטלעך... דער ערב־רב האָט איהם פון אַלע זייטען דאָס ליכט פאַר־שטעלט...

דער אַלטער האָט זיין גדלות פאַרלאָרען.

— קינדער, איך דאַרף אויך לעבען — פלעגט ער זיך בעטען, — לאָזט מיר אביסעל זונענשיין איבער...



Digitized by Google

איצט האָבען ז י י געמאַכט חוכא־וטלולא.

און דער „ערשטער תושב" האָט געטריקענט. מיט יע־דען זומער איז ער געוואָרען שוואַרצער און נאַקעטער און דאַרער, ביז ער איז געבליבען שטעהן צווישען זיי — אַן עראינערונג פון אמאָל, א „מי־שהיה־בוים".

פאַרנאַכט פלעגען זיך די שכנים אַרום שושקען און דערצעהלען מעשות וועגען איהם — דעם א פ ג ע־ל ע ב ט ע ן.

געלאַכט האָבען זיי ניט מעהר...

ביי דעם אַקאַציענבוים אונטער דער קאָרע האָט אָבער נאָך געלעבט א י י ן פאַרלאַנג...

אויף א דונער האָט ער מתפלל געווען...

אפשר פאַלענדיג וועט ער א פאָאר פון זיינע שכנים מיטברעכען, און דאָס וועט זיין זיין נקמה...

1912.



Digitized by Google

# דער מוסטער־גאָרטען

אין אַ ווינקעל פון דעם גרויסען פּאַרק געפינט זיך דער גאָרטען פאַר געקליבענע פלאַנצען און בלומען. איט־ליכע איז אַ פּער פון איהר מין און דער טרוים און פרייד פון יעדען באָטאַניקער...

הינטער יעדער ליעגט אַ רייה יאָהרען פון פּראָבעס — געלונגענע און ניט־געלונגענע, און פון יגיעות אָהן אַ שיעור, און דער תמצית פון די אַלע פּראָבעס איז זי... בעסער איז שוין ניט געגאַנגען...

דאָ שטעהען רויזען־קוסטעס וואָס זיינען זיך מקדים צו בליהען מיט אַ מאָנאַט פריהער, און זייערע רויטע, אָדער ווייסע זייד־בלעטלעך וואַרעמען זיך שוין פאַר דער זונן ווען פּשוט'ע רויזען קריכען ערשט מיט מאַטער־נים אַרויס פון די קנאָספּען.

דאָ וויגען זיך ליליען, וואָס זייער ציכטיגע שלאַנק־קייט פאַרשעמט אַלע וואַכעדיגע ליליען — אמת'ע ווייסע בת־מלכה'ס, ווייזענדיג צניעות'דיג זייער נאַקעטען חן...

און דאָ זיינען די ענגלישע פיילכען, מיט אַ בעזונ־דערס זיסען ריח, וואָס אונטערשיידעט זיי אַלס אַ יחוס־משפּחה, צווישען די פיילכען פון פּראָסטערען שניט...



Digitized by Google

לויטער געקליבענע און געהויבענע... אפילו די ציר־בעלע וואס וואקסט דא איז דער תכלית השלימות פון דער ציבעלע־וועלט.

דער פרייז פון יעדער איז מיט גאלד צוגלייך און דער בעל הבית ווערט נתעשר זיי פארקויפענדיג צו קונדען אין אלע טהיילען פון דער וועלט...

קומט א בעשטעלונג ערגעץ פון א ווייטען מקום, פליקט מען אוים די בלום אדער די פלאנצונג, לעגט מען זי אריין מיט ליעבשאפט אין א קליינעם קעסטעלע, פאקט זי פון אונטען ארום מיט ווייכער שווארצער ערד, און אויף דעם קעסטעלע קלעפט מען אויף א גאנצע מגלה ווי מע זאל זיך מיט דעם טהייערען געוועקס בעגעהן... ניט צופיעל זונן, ניט צופיעל נאסקייט, למעה"ש, הזהר והזהר... דען מפונקים זיינען אלע וואס וואקסען דא...

איז מען די פער פון א מין מעג מען זיך פאר־פיעסטען... פילוועט מען זיי און מע איז צופריעדען, דען איטליכער פון זיי וועט אין זיין נייעם ארט ווערען א זיידע פון א גאנצען גזע היחס, פון דורות און דורות אריסטאקראטישע שפראצונגען...

פריהער שפעטער וועט דאס זיין דער גורל פון די אלע וואס וואקסען אין דעם מוסטער־גארטען און איט־ליכער פון זיי ווייס עס...

דערווייל שטעהט מען באגודה אחת, ניטא וואס מקנא צו זיין און מיט וואס פאר'ן שכן זיך צו ריהמען. ווער דא איז דא, איז דער בחיר פון מיליאנען... יעדער האט זיין „מורנו"... דער זיין פארב, דער אנדערער זיין



Digitized by Google

ריח, דער דריטער די לענג פון זיינע בלעטלעך, און א
פיערטער די פרוכטבארקייט פון זיינע זאמען...

קומט אריין דער גערטנער און רייסט ארויס די „בעשטעלטע", קוקען אלע און שווייגען, אבער דער עולם טראכט : געה וואוהין דו געהסט און זאל דיר דיין גדולה וואויל בעקומען, אבער א מוסטער און א כבוד זאלסטו זיין... פון דיר דארפען שעהנע קינדער ארויסקומען...

ווען דאס לעצטע ווארצעל־פעדעמעל פארלאזט די בייט, און מע טראגט די אויסגעפליקטע אוועק, הויבט זי אן שפירען איהר אריסטאקראטיע...

ד א זיינען אלע מושלמים... אבער דארט וואוהין מע פיהרט זי וועט זי זיין די בת יחידה, די געהויבענסטע...

איהר שטאלץ וואקסט, און ווען זי איז שוין פאר־פלאנצט אין דעם נייעם גארטען, ווארפט זי א קוק פון ביטול אויף די ארומיגע...

„אן ערב־רב... אבער איך ?..."

דאס שושקעט זי צו דעם ווינד, וואס גלעט זי, דאכט זיך, אויך מיט מעהר דרך־ ארץ ווי איהרע שכנ'טעס. ער וויים די נפקא מינה... אמאל זאגט זי עס צו דער ביען...

אבער וואכען ארום ווען זי ווערט אביסעל מעהר מקורב מיט דער ביען, טרעפט אז זי פארטרויט איהר :—

— אבער דו ווייסט, קליינצינקע ? דארטען ביי אונז איז ד א ך געווען שעהנער... קיין כבוד איז ניט געווען — אלע גלייך. אבער אלע א ז ע ל כ ע ג ע־ ה ו י ב ע נ ע געווען...

.1912



Digitized by Google

# דער שטערן

מיט ווילדען אימפעט טראָגט זיך א גרויסער שטע־
רען ערגעץ אין רוים — טויזענד מייל א סעקונד, טויזענד
מייל א סעקונד... לויפט און לויפט דער שטערן, און
כאַפּט אויף זיין האַסטיגער נסיעה, א קוק דאָ, א קוק
דאָרט...

זעהט ער רעכטס און לינקס, ווייט־ווייט אוועק,
פונקען, גרויסע און קליינע, געלע און ווייסע...

„מסתמא אויך שטערן" — קלערט ער.

בענקט ער און וויל אריבערשרייען צו זיי:

— „ווי געהט עס, קאַמעראַדען?"

אָבער וואו? ווען? ווער וועט זיין קול הערען?
אזא שרעקליכער מרחק...

און אָט איז א פונק אראָפּגעפאַלען... זיך צושאָטען
אין שטויב און אויס...

„געיאָגט, געיאָגט און געמאַכט מיליאָנען הקפות און
לסוף קיין זכר ניט געלאָזען" — זיפצט דער שטערן, און



Digitized by Google

קוקט ארום רעכטס און לינקס. — ער וואלט א מיליאן יאהרען פון זיין לעבען אוועקגעשאנקען אבי צו וויסען וואס י ע נ ע ד א ר ט דענקען וועגען דעם...

„און אפשר האבען זיי עס גאר ניט געזעהן?" — טראכט ער בעטריבט, און טראכטענדיג לויפט ער — א טויזענד מייל א סעקונד, א טויזענד מייל א סעקונד...

.1910



Digitized by Google

# א הונד

זיין בעל הבית איז געזעסען און זיך געווינט אויף א שאקעל־שטוהל אויף דער וועראנדא, און צוגעקוקט ווי די זונן איז פארגאנגען אין מערב.

און ער, א לאנגער הונד מיט אראפהענגענדע אויערען, און מיט תמיד־פארטהרערטע אויגען, האט זיך געיאגט נאך א פארשפעטיגטער פליעג... און געיאגט האט ער זי אייגענטליך ניט ווייל ער איז בטבע געווען זשעדנע נאך פליעגען, נאר פון לאנגווייליגקייט וועגען.

ווען די פליעג איז נעלם געווארען האט ער געכאפט א קוק אויפ'ן בעל הבית, און דאן האט ער זיך דריי מאל איבערגעקוליעט אויפ'ן גראז.

נאך דעם האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועק־געלאפען אין מיטען פון דער ליידיגער גאס און אויס־שטעלענדיג דעם מויל משופע'דיג קעגען הימעל, געבולען — סתם אין דער וועלט אריין געבולען...

ער האט ווידער געכאפט א קוק אויפ'ן בעל הבית, און דאן איז ער אנטלאפען הינטער'ן הויז און זיך געיאגט נאך א קליינעם קעצעל.



Digitized by Google

דאָס קעצעל איז האַסטיג אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ נאָהענטען בוים, און אויסבויגענדיג דעם רוקען האָט עס געגומען מיאַויקען אַזוי רחמנות'דיג אַז איהם איז נמאס געוואָרען דער גאַנצער עסק...

ער האָט בעשלאָסען, יהי מה שיהיה, ער וועט געהן צום בעל הבית. מעהר ווי אַ בריק געבען וועט ער דאָך ניט...

האָט ער פאַרלענגט דעם עק און איז לאַנגזאַם אַרויף צו דער וועראַנדאַ. צוערשט האָט ער אַ צוויי־דריי מאָל זיך געריבען מיט'ן מויל אָן דעם בעל הבית' פוס, און דאַן האָט ער זיך געמאַכט אַ האַרץ, און אַרויפגעלעגט די פאָדערשטע לאַפּעס ביי איהם אויף די קניע, און מיט פאַרטראַכטע אויגען געקוקט אַהין וואו דער בעל הבית האָט געקוקט... אָבער דער בעל הבית האָט איהם צו מאָל קיין בריק ניט געגעבען. נאָר געקוקט און געטראַכט...

און דער הונד איז אַוועק אין ווינקעל פון דער וועראַנדאַ, זיך אויסגעצויגען אויף אַלע פיער און דעם קאָפּ אויסגעשטרעקט פלאַך צו דער ערד און געקוקט אַהין וואו דער בעל הבית קוקט, און שטיל געוואָיעט.

און אין די פאַרטהרערטע אויגען האָט זיך געשפּיגעלט אַ טרויריגע הינטישע פראַגע : —

„וואָס זעהט ע ר דאָרט ?..."

.1910



Digitized by Google

# פייער-פליעגען

(אַ יאַפּאַנעזיש מעשה׳לע.—איבערזעצט פונ ענגליש).

אַן אַלטער מאַן, האַקענדיג האָלץ אין וואַלד פאַר דעם שיין פון דער לבנה, האָט אויף אַ באַמבוס-צווייג דער-זעהן אַ קליין ליכטיג בעשעפעניס. דאָס איז געווען די קליינע פּרינצעסין „שימער״. און דער האָלצהעקער האָט זי געפאַנגען און געבראַכט אַ מתנה פאַר זיין ווייב...

די פּרינצעסין איז געווען קליין און צאַרט און בלייך, דען זי איז געווען אַ קינד פון דער לבנה. די אַלטע האָבען זי אויפגעהאָדעוועט ביי זיך אין הויז און זי איז געוואָרען שעהנער און רייצענדער פון טאָג צו טאָג, ביז דאָס גאַנצע הייזעל איז געווען אָנגעפילט מיט איהר ליכטיגקייט און חן ביי נאַכט און מיט איהר צערטליכקייט און זיסקייט ביי טאָג. אַלע האָבען דאָס וואונדער-שעהנע פּרינצעסעלע געליעבט, אָבער מעהר פון אַלעמען האָט זיך אין איהר פאַרליעבט דער קייסער פון לאַנד...



Digitized by Google

די בת־מלכה'לע האט דעם קייסער אויך געליעבט מיט איהר גאנצער נשמה, אבער זי האט ניט געקענט מיט איהם חתונה האבען ווייל זי האט געוואוסט אז זי קען מעהר ניט לעבען ווי צוואנציג יאהר...

דער קייסער פלעגט זיך אלץ טרייסטען אז זי וועט דאך פארבלייבען, ביז עס איז אנגעקומען דער טאג ווען זי האט געמוזט אפשייד נעהמען...

דאן איז די קליינע פרינצעסין אפגעפאהרען אויף א ליכטיגען שטראהל אהיים, און דעם גאנצען וועג האט זי געוויינט מיט קליינע זילבערנע טהרערען, ביז זי איז צו־געפאלען צו דער ברוסט פון איהר מוטער — דער לבנה, אום קיינמאל מעהר אין לעבען שוין ניט צו זעהן איהר געליעבטען — דעם קייסער...

און די טהרערען וואס זי האט פארגאסען אויף איהר טרויריגער נסיעה זיינען איינציגווייז געפאלען צו דער ערד, און דארט האבען זיי פליגלען געקראגען. און זינט דעם, אין די ווארעמע נעכט פון זומער, פליהען זיי אום אין די קוסטעס און אין די גראזען און זוכען דעם קייסער, הגם ער איז שוין לאנג, לאנג צוריק געשטארבען...

דאס זיינען די פייער־פליעגען...

1912.



Digitized by Google

# דער גלגול

אמאָל האָט זיך אַ לערכע געקרייזט אין דער לופֿטען. קומענדיג אַלץ נידעריגער צו דער ערד, האָט זי געקוקט מיט פֿאַרוואונדערטע אויגען אויף אַ קאָלירטען פֿעלד־בלי־מעל...

ווי שעהן געפֿאַרבט עס איז, — האָט דאָס פֿויגעלע געשמאַכט — איך וואָלט אַלע מיינע טרעלען אוועקגעשאָנקען פֿאַר זיינע מחיה'דיגע קאָלירען...

אונטען האָט זיך דאָס בלימעל אויפ'ן שטענגעל ארויף־צו געשטרעקט...

וואָס פֿאַר אַ תענוג עס מוז זיין צו פֿליהען — האָט עס אין די גראָזען ארייַנגעזיפֿצט — הויבסט זיך אויף און שווימסט, שווימסט אין'ם בלאָען הימעל אריין און זעהסט פֿון אויבען אַראָפּ אַ גאַנצע וועלט...

טאָג פֿאַר טאָג האָבען ביידע געבענקט...

איין פֿריה־מאָרגען איז די לערכע נעלם געוואָרען, און דאָס פֿעלד־בלימעל האָט געפֿעהלט...

איבער דער לאָנקע האָט אין דער זונן געטאַנצט אַ שמעטערלינג — דער גלגול פֿון ביידען'ס בענקענים...

.1912



Digitized by Google

# דאָס קרויט־בלאַט

נאָהענט ביים צאָם, האָט זיך פלאָך צושפּרייט א קרויט־בלאַט, אָהן פּרעטענזיעס און אָהן ערוואַרטונגען... עס איז געווען פון בלײ־גראָען קאָליר ; קיין ריח האָט עס ניט געהאַט...

פלעגט אמאָל אהין אַ ביען פאַרבלאָנדזשען, פלעגט ער אַ שמעק טהאָן און מאַכען „ויברח"... אָט, זעהט איהר, אַ וואָרעם אַ נבזה פאַר איהם איז עס גוט גענוג געווען...

דערפאַר, פריה־בעגינען האָט דאָס קרויט־בלאַט גע־האַט מאָמענטען פון אמת'ען תענוג... די טראָפּענס פון דעם געבליבענעם נאַכט־טהוי האָבען געשיינט אין דער זונן און געבליסטשעט ווי געשליפענע דימענטען...

פלעגט זיך אמאָל אָנזאַמלען אַ גרויסער רונדער טראָפּען, האָט ער דעם גאַנצען בלאָען הימעל אָפּגע־שפּ־גע־ט און דאָס קרויט־בלאַט האָט זיך געפיהלט געהויבען...

און פלעגט פאַסירען אַז דער האָהן פלעגט זיך אין יענער צייט אָפּשטעלען נעבען איהם, און ארונטערזופּען דעם דאָזיגען טראָפּען — פלעגט עס פיהלען יסורים של גיהנום.

„האָט ער קיין אַנדערען ניט געפונען ווי אָן אָרעם קרויט־בלאַט צו בע'גזל'ען ?"...

.1912



Digitized by Google

# דער זומער־פּאַדעם

טראָגט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אין דעם גאָלדענעם זומער־נאָכמיטאָג אַ ווייסער שימערענדער זומער־פּאַדעם... אָן אָפּגעריסענער, לויזער, צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרט־ליכער זיידענער טרוים...

פון וואַנען שטאַמט ער, וואוהין טראָגט ער זיך ?...

קיינער ווייס ניט, ער אַליין אויך ניט... אָבער צו וואָס שטעלען אַזעלכע פראַגעס, ווען אַרום איז גרין און רוהיג און די לאָנקע איז בעשפּריצט מיט ראָמאַשקעס און דורך די זאַנגען לאַכען אַרויס די בלאָע קאָרן־בלומען, און פון אונטער די דונקעל־גרינע קוסטעס, פינקלען די רויטע יאַגדעס, און דער הימעל דרעמעלט אין זיין גאַנצער לויטערער ברייטקייט ?...

ווען זיך דער פּאַדעם אַמאָל פאַרטשעפּען אָן אַ בוים אָדער אָן אַ קוסט, דאַן וועט ער זיך פאַרטראַכטען...

און דאַן וועלען דיביידע פראַגעס איהם טאָקע קיין רוה ניט לאָזען:



Digitized by Google

פון וואנען שטאם איך, און וואוהין בין איך אייגענ־
טליך געגאנגען ?...

דער קוסט וועט לאכען :

איצט ביסטו ד אָ, און דיין זונען־שפּאציר איז
געענדיגט...

1912.



Digitized by Google

# די אונגעריכטע נסיעה

איהר זונענסיסטעם איז געווען דער בוים... קוים האָט זי אין איהר לעבען בעוויזען איין צווייג ארומצו־קריכען, און געזוכט האָט זי, ווי אַלע פון איהר גלייכען — שפּייז.

זי איז געווען א מילב...

מאכט זיך אַמאָל, אַז אין איהר שפּייז־זוכענים, איז זי פאַרקראָכען אַזש אויף א פליגעל פון א קאַנאַרעק, און איידער וואָס־ווען, ווערט זי שוין געטראָגען אין דעם גרוי־סען בלאָען רוים...

די מילב ציטערט און האַלט זיך פעסט אָן א פע־דערל...

ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי קודם־כל גומל געבענשט... אָבער איהר גליקליכסטע ערא‏ינערונג איז דאָך געבליבען א י ה ר א ו נ ג ע ר י כ ט ע נ ס י ע ה א י ן ד ע ר ה ו י ך...

.1912



Digitized by Google

# וואס איך דערצעהל זיך אליין

ווען דער אבענד קומט, און די שאטענס פאלען געדיכטער און געדיכטער, זיץ איך אין דעם דונקעלען צימערביים פענסטער און קוק־צו ווי אין הימעל צינדען זיך אן די שטערען און אונטען ווייט אוועק אין טהאל, פלאקערט אויף א ים פון עלעקטרישע ליכט. די גרויסע שטאדט איינגעוויקעלט אין חשך, ציטערט און ווינקט מיט טויזענדער פיבערישע אויגען. ווען־ניט־ווען הערט זיך א פייף פון א צוג אדער דאס סוויסטשען פון א דאמפפער וואס בראדזשעט ערגעץ וואו אין דעם האדסאן. א מא־טער פליאנטער פון קולות הויבט זיך ארויף צו מיר פון דעם נאכטיגען בבל...

איך מאך צו די אויגען און נעהם זיך אליין דער־צעהלען מעשות...

ווילדע אויסטראכטעניסען... איך וויים אליין ניט ווי זיי קומען צו מיר...

.1

אַט דערצעהלט איך זיך אַזאַ מין מעשה'לע:

אַמאָל איז געווען אַ בלייכער מאַן, וואָס האָט געהאַט גרויסע שווארצע אויגען און אַ גרויס ליכטיג הארץ. און אין דעם גרויסען ליכטיגען הארצען איז געווען אַ ים מיט ליעבשאַפט וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסען דורך זיינע אויגען און איבער זיינע ליפּען — ווען ער האָט גערעדט...

ער האָט געזוכט געליעבטע און האָט געזוכט פריינד. ער האָט ביידע געפונען. אָבער די געליעבטע האָבען איהם אַלע פאַרראַטהען. וואָלט ער ניט אַזוי היים געליעבט, וואָלט ער לכל הפחות זיך געקענט מיט אַ ביסעל גלייכ־גילטינקייט פאַרמאַסקירען — וואָלטען זיי אפשר צו זיינע פיס געלעגען. אָבער פון זיינע אויגען און איבער זיינע ליפּען איז דער ווארעמער שטראָם פון זיין צערטליכקייט געפלאָסען... און זיינע „לאַוראַס" האָבען איהם אויס־געלאַכט.

און די פריינד האָבען איהם ניט פאַרשטאַנען. טריי זיינען זיי איהם געווען, אָבער זיין נשמה איז פאַר זיי געווען פאַרהוילען. זיי וואָלטען פאַר איהם אין פייער און אין וואַסער געגאַנגען, אָבער מיט זייער שטאַרקען האַנד־דרוק האָבען זיי איהם אָפט וועה געטהאָן, זיינע בלומען האָבען זיי צוקוועטשט...

האָט זיך דער בלייכער מאַן אַ כשוף אויסגעלער־דענט און איז אַוועק ווייט פון זיינע פריינד און ווייט פון דער וועלט אין אַ פאַרוואָרפענעם טהאָל, ביי אַ גרוי־



Digitized by Google

סען רוישיגען ים... דאָרטען האָט ער אַ קליין הייזעל פאַר זיך געבויט, און אַ גאָרטען האָט ער געפלאַנצט, און אין דעם גאָרטען האָט ער איינגעפלאַנצט פערשיעדענע בלומען, פאַר יעדען פריינד אַ בלום...

און אַ גאַנצען טאָג פון דעם ערשטען מאָרגענשפּראָץ ביז דער דעמערונג פון אבענד פלעגט ער זיצען און צו־קוקען זיין בלומען־וועלט... דען, דאָס בעסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיין לעבען — זיינע פריינד, זיינען איצט געווען פאַרוואַנדעלט אין דופטיגע בלומען...

**2**

אַ צווייטע מעשה'לע דערצעהל איך זיך און עס הויבט זיך אָן פון אַ מיטען: —

...זיין קאָפּ איז צוריקגעפאַלען אויף דעם רוקען פון שטוהל און שטאַרע ווייסלעך האָבען געקוקט צום סופיט...

אין איין האַנד איז נאָך געווען דער פּינזעל און פון דער אַנדערער איז נאָר וואָס ארויסגעפאַלען דאָס מאָל־ברעט און איז געלעגען מיט די פאַרבען ארויף־צו אויף דער ערד...

אויף דעם אויפגעצויגענעם לייווענט איז דאָס בילד כמעט געווען פאַרטיג. דאָס איז געווען אַ יונג־בלאָנד מיי־דעל לאַבענדיג איהר זונענשיין אין דעם טויטען קינסט־לער'ס געזיכט אריין...

געפעהלט האט בלויז דאס בלימעל וואס דאס מיי־דעל האט געזאלט האלטען שפיעלענדיג צווישען דעם גראָ־בען און דעם מיטעלסטען פינגער... קוים אנגעמארקירט איז עס געווען...

ארום זיינען געשטאנען די צושראָקענע פריינד פון דעם געשטאָרבענעם, און אלעמעננס אויפמערקזאמקייט איז געווען צוגעקלעפט צו דעם ארט אַוואו דאס בלימעל האט געזאלט אויסגעמאָלט ווערען.

וואס האט עס געזאלט זיין: א רויז, אפשר א ליליע? אפשר א בינטעל פיאָלקעס?

די ניט־געענדיגטע קווייט איז פאר זיי געווען די טראגעדיע פון זיין פלוצלינגען טויט...

אימעצער האט זיך אפגערופען:

און וויפיעל בלומען זיינען איהם אין קאָפּ פאר־בליבען?...

## 3.

איך דערצעהל זיך ווייטער סתם אין דער וועלט אריין: —

אין אינדיען ביי דעם טייך גאנגעס, דאָ־ט וואו די הייליגע לאָטאָס־בלעטער, טרוימען בייטאָג אין די שטראהלען פון דער זון, און וויגען זיך סודות־פול ביי־נאכט אין דעם שיין פון דער לבנה — שטעהט אן אלטער טעמפעל. אין דעם טעמפעל פון קדמונים אַן שטעהט א בודהא־געשטאלט געשניטען פון ווייסען מארמאָר און בע־ציערט מיט גאָלד.



Digitized by Google

שטאָט אויגען זייגען שווארצע דימענטען אריינגע־
זעצט געוואָרען, און דער גלאנץ פון די ערדעל־שטיינער
איז געווען הונדערטער יאָהרען א היילונג פאר די קראנקע
וואָס פלעגען אהין קומען פון אלע עקען פון אינדיען.

איין טאָג איז אן אויג פארשוואונדען... א גאָט־
פארשוועכער פון פרעמדע לענדער האָט א שווארצען די־
מענט אוועקגעטראָגען.

און געוואנדערט האָט דער גע'גנב'עטער שטיין. ווער
קען זיינע גלגולים אויסדערצעהלען ?... צום סוף איז ער
אָנגעקומען אין א לאמבארד אין פאריז...

דאָרט שטעהט ער אין א שוי־פענסטער צוזאמען מיט
די פערעל פון א פארשטאָרבענער זינגערין, — א מתנה
פון אן אויסגעלאָסענעם מארקיז וואָס האָט צוליעב איהר
זעלבסטמאָרד בעגאנגען...

און יעדע נאכט, פונקעלט דאָס איינציגע אויג פון
בודהא אין דעם טעמפעל אין אינדיען, און זוכט און
זוכט...

און דאָס אויג אין לאמבארד פונקעלט און בענקט
נאָך דעם גאנגעס...

.1913



Digitized by Google

Digitized by Google

# מיין פריינד דער מענשענקענער

Digitized by Google

Digitized by Google

# ווער ער איז

— וואס איך זאג און וואס איך טהו — זאגט ער אמאל צו מיר — איז נוגע די וועלט, אבער מיט מיר אליין, אזוי ווי מיט מיינע איננעווייידען, מיט מיין הארצען און מיט מיין לונג־און־לעבער, האט די וועלט קיין שום שייכות ניט.

אבער בסוד וועל איך אייך פערטרויען ווער ער איז :—

ער איז ניט צו יונג און ניט צו אלט. ער איז נאך יונג גענוג ליעב צו האבען מענשען און מלמד זכות צו זיין אויף זייערע שוואכקייטען. אבער ער איז שוין אלט גענוג זיך צו ערלויבען דעם לוקסוס פון אפלאכען...

און אז ער לאכט טהוט ער עס הילכיג און הארציג און איהר זעהט אז איהם קומט צו לעבען און געזונד דערפון. אבער קוקט איהר זיך צו א ביסעל נעהנטער, זעהט איהר אז זיינע אויגען זיינען פייכט...

און דאס איז די איינציגע צייט ווען איהר זעהט ביי איהם א סימן פון טהרערען. אפשר וויינט ער אויך ווען עס איז. אבער ער האט מסתמא דעם קונץ און די געשיקטקייט זיינע טרעהרען צו פערהוילען.



Digitized by Google

מיר דאכט זיך צייטענווייז אז ער האט ערגעץ א זעקעל וואו ער זאמעלט זיי און וואו זיי ליגען אזוי לאנג ביז זיי ווערען פערגליווערט... אויף דער וייסער וועלט קומען זיי ערשט ארויס אין דעם גלגול פון שארפע ווערט־לעך און וויציגע בעמערקונגען — פון וועלכע ער האט תמיד א גרויסען זאפאס...

ער איז אפט א גרויסער שווייגער... ווען ער שווייגט זיינען זיינע אויגען ווי שטילע שווארצע שוואימען וואס זויגען אריין אייך און אלע אייערע בעוועגונגען מיט דעם דורשט פון א בלימעל וואס טרינקט זיך מיט רעגען, נאך א לאנגער טריקענים...

און דערום רוף איך איהם אמאל אין ערנסט און אמאל אין שפאס, אן „אוצר הנשמות"... דען וואס ער זויגט ארויס פון אייך איז אייער נשמה, אדער א בילד פון אייער נשמה און ער אליין ווערט דאדורך רייכער מיט נשמות פון טאג צו טאג...

און רעדט איהר צו איהם, הערט ער זיך צו נייגיריג און אויפמערקזאם און מיט אלע חושים... אבער הערען הערט ער מעהר דאס וואס איהר פ ע ר ש ו ו י י ג ט ווי דאס וואס איהר רעדט ארויס... און ער איז א בריה אויף ארויסצושעפען דאס פערשוויגענע, איהר מעגט עס האבען אויפ'ן סאמע דעק...

איבריגענס, אינטערעסירט איהם מעהר ד ע ר וואס רעדט ווי די דבורים אליין...

און דאן זיינען דא צייטען, ווען ער אליין רעדט א סך און שנעל און מיט אימפעט, אזוי ווי עס וואלט איהם אום לעבען געגאנגען.



Digitized by Google

אָבער ווען ער רעדט צו אייך האָט איהר תמיד דעם איינדרוק, אז דאָס רעדט ער בלויז צו זיך אַליין אויפ'ן קול...

דאָס לופטערט ער בלויז אוים זיינע געדאַנקען, ווי מע לופטערט אוים ספרים פון צייט צו צייט, כדי זיי דער־נאָך ווידער אין שאַפע צו פערשליסען...

ער האָט האַלד קליינע קינדער און אין יעדען מענ־שען וואָס ער בעגעגענט זוכט ער ראשית דאָס קינד...

ער זאָגט אז יעדער ילוד אשה איז צו יעדער צייט א דרייבונד פון קינדהייט, מאַנשאַפט און זקנה... וואו די קינדהייט איז גובר איז א סימן פון גרויסקייט...

אין דער נאַטור האָט ער הויפטזעכליך ליעב בלומען און בליהונגען... דער פאַרטינגסטער עפּעל און דער רויטסטער קאַרש זיינען ביי איהם אַן אראַפּפאַל אקעגען דער ווייסער קווייט פון מאַי...

די פרוכט — זאָגט ער — איז דער סיום, און איך האָב ליעב התחלות...

ער געפינט זיך בעליידיגט ווען מע זאָגט אַז ער איז א בעאָבאַכטער.

א בעאָבאַכטער — זאָגט ער — איז א פּורש מן הצבור... צו מאַכען פון לעבען בלויז א ספּעקטאַקעל הייסט לעבען אָהן שום פעראַנטוואָרט־ליכקייט...

זיין בעאָבאַכטען — ערקלערט ער — איז בלויז א פערבינדען־זיך מיט דעם לעבען פון אַנדערע, א גייס־טיגער קאָמוניזם. וואָס ער זעהט דאָס נעהמט ער אריין אין זיך און ער אַליין וואַקסט דערפון...



Digitized by Google

בעאבאכטענדיג האט ער מעהר זאכען צו ליעבען און מעהר זאכען צו האסען...

דען ער איז אויך א גרויסער האסער. האס — זאגט ער — לייטערט די ליעבע און בעפעסטיגט זי... ליעבע אהן האס וואלט אריינפאלען אין א סארט היהנער־פלעט, ארער זי וואלט פון גרוים זיסקייט אנגעהויבען שימלען...

האס — לעגט ער צו — איז דאס זויערטייג פון לע־בען. אבער דאס ברויט פון לעבען איז ליעבע...

ער טהיילט מענשען איין אין צוויי קאטעגאריען: אין אזעלכע וואס האבען גאט אין הארצען און אזעלכע וואס האבען נ י ט גאט אין הארצען. און פרעגט איהר איהם אוים א ביסעל גענויער, געפינט איהר אוים, אז גראד די פרומע און רעליגיעזע געהערען ביי איהם אפט צו דעם ל ע צ ט ע ן קלאס...

ער אליין איז א מאמין. אבער אין וואס? דאס זאגט ער ניט קלאר. רונד ארום קענט איהר זיך אנשטויסען, און כאפען אן אנצוהערענעס דא און דארט, אבער מעהר ניט ווי אן אנצוהערענס...

ער זאגט אז קיינער קען ניט רעדען לאגיש פון זיין אמונה אזוי ווי ער קען ניט רעדען לאגיש פון זיין ער־שטער ליעבע — ווען ער איז נאך פערליעבט...

ער זאגט אבער אז ר ע ל י ג י א ן איז דער טויט פון ג ל ו י ב ע ן . . . א רעליגיאן — לויט זיין מיי־נונג — איז געמאכט פאר אזוי פיעל אז זי פאסט קיינעם ניט ריכטיג צו. געגעבענע תורות זיינען טאנדעטנע גלוי־בענס...



Digitized by Google

א דאַגמאַ איז אַ קהל'שער טלית... הגם לכתחלה איז עס געווען אַ מלבוש צוגעשניטען פאַר אימעצען לויט זיין מאָס און לויט זיין וואוקס...

ער איז ניט קיין פּוסטער טרוימער. ער האָט אַזוי פיעל הנאה פון אַ שעהנער ערפינדונג און פון אַ ניי־אויסגע־קלעהרטער מאַשין ווי פון אַ ריטהמישען געזאַנג... און אָפּט פּערבייט ער בכיוון די טערמינען ווען ער רעדט וועגען די דאָזיגע זאַכען. אַזוי למשל, בעשרייבענדיג אַ געריכט וועט ער זאָגען, עס איז אַ שעהן שטיקעל אַרבייט, און רעדענדיג פון אַ לאָקאָמאָטיוו וועט ער זיך אויסדריקען אַז דאָס איז „אַ פּאָעמאַ אויף רעדער".

ער זאָגט : אַזוי ווי מאַטעריע איז פאַראַן אין דריי פאָרמען — לופט, פליסיגקייט און פעסטער קערפּער, אַזוי האָט דעם מענשען'ס ענערגיע דריי געשטאַלטען — טרוימען, געדאַנקען און טהאַטען.

און אַזוי ווי אייז אונטערשיידט זיך פון וואַסער, און וואַסער פון פּאַרע בלויז אין געדיכטקייט אָדער שיטער־קייט אָבער ניט אין זייער עצם, אַזוי איז אַ טהאַט ניט מעהר ווי אַ פּערגליווערטער טרוים, און אַ געדאַנקען די לופטיגע פאָרמע פון אַ טהאַט...

טהאַטען זיינען אָבער דער ממשות'דיגער אָטעסטאַט אויף געדאַנקען. ווען מע וואָלט אַזאַ אַטעסטאַט ניט פּער־לאַנגט וואָלט איטליכער פּושער געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ ראַפאַעלאָ און איטליכער שטיינהאַקער וואָלט גע־מאַכט די פּרעטענזיע פון אַ ראָדין... און קיין רענטגען־שטראַהלען צו ענטדעקען געדאַנקען אין אימעצענס מח — האָבען מיר נאָך דערוויל ניט...



Digitized by Google

דעריבער שטעלט מיין פריינד דער מענשען־קענער שטענדיג דעם טראָפּ אויף טהאָן, און אַלע זיינע שאַרפסטע ווערטער לאָזט ער אויס אויף דעם חשבון פון חלומות...

ער האָט ליעב זעהר די גרויסע שטאָדט און קוקט אויף איהר ווי אויף אַ בענשונג פון גאָט... דער כרך — זאָגט ער — איז אַ רעזערוואואר וואו דאָס בעסטע ווערט אַנגעזאַמעלט, כדי דערנאָך צו בעפּרוכפּערען דורך הונ־דערט קאַנאַלען און רינעס דאָס פערוואָרפענסטע דערפעל...

און דאָס פערוואָרפענסטע דערפעל מיט אַ סך גראָז און אַ סך הימעל, איז דוקא דאָס וואָס ציהט א י ה ם מיט געוואַלדיגער מאַכט...

אין דער גרויסער שטאָדט — זאָגט ער — דאַרף מען קומען קויפען פּראָוויאַנט פאַר דער נשמה, קליידער פאַר'ן גייסט און כלי־מכשירין צום לעבען... אָבער געברויכען די אַלע זאַכען דאַרף מען ווייט אַוועק פון איהר...

די גרויסקייט פון קליינע זאַכען — זאָגט ער — לערנט מען נאָר אויפ'ן ישוב, און דאָרטען לערנט מען אויך די קליינקייט פון גרויסע זאַכען.

און מעהר פאַר אַלצדינג זוכט ער אָריגינאַליטעט. דאָס לעבען — זאָגט ער — איז אַזוי קורץ אַז עס סטאַיעט ניט קיין צייט פאַר ווידערהאָלונגען...

איך וואָלט וועלען זעהן — זאָגט ער אויף זיין איי־גענאַרטיגען אופן — אַז יעדער איינער פון די פופצעהן הונדערט מיליאָן מענשען וואָס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, זאָל טראַכטען א נ ד ע ר ס ווי אַלע איבעריגע. ווען אימעצער חזר'ט איבער אַדער טהוט נאָך אַ צווייטען אין דער מינדעסטער זאַך בע'גזל'ט ער אַ וועלט... דען



Digitized by Google

יעדע נייע מחשבה פון יעדען איינעם פון די אַנדערהאַל־בען ביליאָן, וועט פריהער־שפּעטער ווערען דאָס אייגענ־טהום פון אַלעמען...

דערפאַר איז ער אַזאַ אָפּטימיסט בנוגע צו מענשען און צו דעם מענשליכען לעבען. דער נייער מענש — זאָגט ער — דערנעהנטערט זיך אַלץ מעהר צו די מעטהאָדען פון דער שאַפענדער נאַטור ארום איהם. ער האָט אויפ־געהערט צו ווידערהאַלען, דען ער פערשטעהט אַז דאָס לעבען מוז זיך יעדען מאָמענט בענייען...

און דאָך האָט מיין פריינד אַ געוואַלדיגע ליעבשאַפט צו דער פערגאַנגענהייט, און אַ האַמערישע לעגענדע אָדער אַ ספור פון תנ"ך, האָט פאַר איהם גראַד אַזאַ לעבעדיגע בעדייטונג און אַזאַ ווירקליכען ווערטה ווי אַ קריעג אין די באַלקאַנען...

פיינט האָט ער נאָר די ש ט ו י ב־מענשען וואָס שטודירען זאכען ו ו י י ל זיי זיינען אַלט און ט ו י ט...

ע ר וויים נאָר פון לעבען, און דאָס אַלטע איז א י ה ם ליעב, ווייל אין זיין געדאַנקען לעבט עס אַזוי ווי די געגענוואַרט...

און די געגענוואַרט איז ביי איהם דער מ ע נ ש און אַלצדינג וואָס איז מ ע נ ש ל י ך . . .

.1912



Digitized by Google

# געהיימניס

ווי א מילגרוים איז פול מיט קערנער, אזוי איז יע־
דער מענש פול מיט ווידערשפרוכען — זאגט מיין פריינד
דער מענשען־קענער.

פון דער רגע וואס דער מלאך גיט דעם קינד א שנעל
אונטער דער נאז, ביז דער מינוט ווען דער טויט־טראפען
פאלט פון דעם מלאך־המות שווערד אויף דעם גוסס' לי־
פען, איז דאס לעבען איין לאנגער „ויתרוצצו".

אט נעהמט למשל אונזער יאגענים נאך געהיימע
זאכען, און די גרויסע הנאה וואס מיר האבען פון סודות
— איז דאס נים אין פלוג א ווידערשפרוך צו אונזער איינ־
געבארענער שטרעבונג צו ליכט און אויפקלערונג ?

מיט דעם קליינעם גראשענעם ליכטעל וואס מיר רופען
„פערשטאנד", זוכען מיר פון פריהמארגען ביז שפעט אין
דער נאכט, כאטש א קליין פינטעלע פון דער אויביגקייט
זיך צו בעלייכטען, און מיר פרעהען זיך ווען א זעמדעל
אין דעם מדבר איז פאר אונז העל געווארען.

און צו דער זעלביגער צייט שמאכטען מיר נאך דער
ארומיגער דונקעלהייט און אונזערע בעסטע און גליקליכ־



Digitized by Google

סטע מאָמענטען זיינען די יעניגע ווען מיר ווארפען אוועק דאָס שכל־לאַנטערנדעל און פערטרינקען זיך אין דעם גע־היימניספאָלען חשך וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף נים.

און אזוי האלטען מיר אין איין ארומשפרינגען פון ליכט אין פינסטערנים, פון העלע מחשבות אין דונקעלע טרוימען, פון ממשות'דיגע פאקטען אין נעבעלדיגע דמיון־וועלטען.

אָהן סודות וואָלט אונז דאָס לעבען נים איינגע־גאנגען, און אויב מיר קוועלען אָן פון דעם פיצינקען ברע־קעל רוים וואָס מיר האָבען ארום זיך בעלויכטען, איז דאָס נאָר ווייל ארום דעם ראנד פון דעם דאָזיגען ליכט־קרייזעל, זיך שפרייטענדיג אין אַלע זייטען, לאַגערט דאָס גערוכטע געהיימנים וואָס מיר וועלען קיין מאָל נים דורכדרינגען...

דאָרט וואו עס זיינען קיין פערבאָרגעניסען נימאָ זו־כען מיר זיי קינסטליך צו בעשאפען. פון די היראגליפען־שריפט פון די חרטומי־מצרים ביז די אויסגעטראכטע האָ־קוס־פּאָקוס־צערעמאָניען מים וועלכע אַ מיטגליעד ווערט ארייגענומען אין דעם „אָרדען פון א. א. פּ. צ.״ — צייגט זיך ארוים דער זעלביגער חשק פון דעם מענשען איינ־צו־וויקלען זאכען וועלכע זיינען קלאָר ווי דער טאָג, אין אַ טוך פון מיסטיציזם. זאָנסט וואָלט די לאָזשע אַ העלפט פון איהרע מיטגליעדער פערלאָרען...

די שרייבערס פון די אינדישע וועדאס, דער מחבר פון זוהר אזוי גוט ווי קאָנאַן דאָיל און זיינע דעטעקטיוו־מעשיות — האָבען פערשטאַנען די דאָזיגע הויפּט־סטרונע פון דער מענשליכער נשמה. דען נים די איבערראשענדע



Digitized by Google

אנטפּלעקונג פון א געהיימנים איז פאַר אונז דאָס וויכ־טיגסטע. ד אָ ס דויערט בלויז איין הרף־עין. דאָס געהיימנים אליין, דאָס טאַפּען אין דער פינסטערנים, דאָס בלאָנדזשען און פּרובירען טרעפען — איז פאַר אונז דער עיקר...

מיין שכן דער דעקאַדענטישער דיכטער ווייס פון דעם קונץ. ער בעשרייבט א זונען־אונטערגאַנג אזוי אז איהר ווייסט ניט אויב דאָס איז א שילדערונג פון יציאת מצרים אָדער א בילד פון א פּאָגראָם. און די לעזער זאָגען אז ער איז דער אידישער מעטערלינק. זיי הויבען ניט אָן צו פערשטעהן, און דערפאַר זיינען זיי איהם דאַנק־באַר...

מיר האָבען אזוי שטאַרק ליעב סודות אז א פער־שלייערטער אונזין פאַליובעט אונז בעסער ווי אַן אָפּענע חכמה. דעריבער האָבען מיר אזא גרויסען רעספּעקט פאַר א טפּש וואָס שווייגט...

סאַלאָמע אונטער איהרע זיבען שלייערס געפעלט אונז בעסער ווי די מוטער־נאַקעטע ווענוס... און ווער קען זאָגען אז דער לייב פון הורדוס' שטיף־טאָכטער איז געווען אזוי שעהן ווי דער קערפּער פון דער ווייסער וואַ־סער־נעמפע? די גריעכען זיינען אויף די זאכען געווען בעסערע מבינים ווי דער ענגלישער אָסקאַר ווײַלד...

און עס דאַרף צומאָל ניט זיין א שלייער וואָס דעקט צו די גליעדער פון א יפת תואר. א מאַסקע הינטער וועל־כער עס בעהאַלט זיך די פּאַרצע פון א וואַלד־גזלן אָדער דער פערקרימטער פּנים פון א פּאַיאַץ, איז אָפט גענוג...



Digitized by Google

אריטהמעטיק איז דער גרעסטער שונא פון געהיימ־ נים. און דעריבער שיים מען זיך צו צעהלען. מען דענקט עס איז ניט מזל׳דיג...

די מקובלים און נאָך פריהער די אַלט־גריכישע פי־ לאָזאָפען האָבען אפילו ציפערען ניט פערגונען זייער וואָכעדיגע פערשטענדליכקיים, און האָבען געמאכט מיט זיי אַלערליי שוואַרץ־קינסטלערישע דרעהדלעך, אבי פון זיי אויך צו מאַכען אַ געהיימנים.

די אָלימפּישע געטער האָבען קיין קיום ניט געהאַט, ווייל זיי זיינען געווען תמיד אויף דער זונן... זיי האָבען מיט דער איינבילדונג קיין קונקעל־מונקעל ניט געמאַכט, און האָבען זיך ניט געשפּיעלט אין בעהעלטנים. „אַט דאָס זיינען מיר און פאַרטיג״...

דאָס קריסטענטהום האָט איהרע סקעלעטען איינגע־ וויקעלט אין הייליגע סודות־פולע מלבושים און האַלט זיך נאָך עד היום...

משה רבינו׳ס זוננינגע תורה וואָלט אפשר געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל ווי דער „קלאָר־אויגיגער״ יופּיטער, ווען ניט די סתרי־תורה, איבער וועלכע מיליאָנען קעפּ האָבען זיך געמאַטערט און מיל־ יאָנען הערצער גע׳חלומ׳ט...

אונז ציהט צו דער געהיימנים ווי אונז ציהט צו דער־ ערד. „פון געהיימנים ביסטו געקומען און צו געהיימנים וועט זיין דיין געלוסט״ — זאָגט אַ בת־קול יעדען עופ׳־ עלע ווען עס ווערט געבאָרען.



Digitized by Google

מיר האָבען ליעב זיך צו שפּיעלען אין ליכט כּדי נאָכדעם צו געניסען בעסער די פינסטערנים. מיר צו־ברעכען און צופּאַלמעסען אונזערע שפּיעלצייג און וויינען דערנאָך ווי קינדער, אימעצער זאָל זיי ווידער צוזאַמענ־שטעלען פאַר אונז...

אין פינסטערנים פיהלען מיר זיך היימיש. פון דאָרט קומען מיר און דאָרט געהערען מיר... דאָרט איז דאָס גרויסע לעבען פון וועלכען אונזערס איז די מילבען־אויסגאַבע...

די נעבעלהאַפטיגקייט פון דער מטושטש'ער מילכ־שטראַס אַפּעלירט צו אונז מעהר ווי דער גלענצענדער אבענד־שטערען...

ווען דאָקטוירים וועלען אויפהערען שרייבען זייערע רעצעפּטען אין לאַטיין, וועלען זייערע רפואות האָבען א קלענערע ווירקונג.

דער „גאָט־ווייס־וואָס", וועלכער שוועבט אַרום „אַק־וואַ פּוראַ" איז גענוג צו מאַכען פון ברונים־וואַסער א כּשוף־טראַנק...

צויבעריי איז אויסגעשפּיעלט און שדים האָבען מורא פאַר עלעקטרישער בעלייכטונג. אָבער ספּיריטיזם איז זייער יורש געוואָרען.

טשעזאַרע לאָמבראָזאָ וועלכער איז געווען וויסענ־שאַפטסמאַן גענוג צו מאַכען פון פערברעכען א קראַנק־הייט, און פון גאונות א משוגעת — האָט געגלויבט אין די השבעות פון פּאַלאַדינאָ. און אין דעם זעלבען פערטעל יאָהר־הונדערט אין וועלכען מאַדאַם קיריע האָט דעם

גרעסטען כעמישען סוד אנטפלעקט, האט א מרס. ערדי*) געמאכט מיליאנען פערקויפענדיג איהרע „קריסטשיען־סייענס" געהיימניסען אין בוך־פארם — דריי דאלאר מיט פינף און צוואנציג סענטס א געהיימניס...

דען דער מענש מוז האבען געהיימניס אזוי ווי ער דארף האבען לופט און שפייז.

ער וויל ליכט און זונען־שטראהלען אין די פענסטער אבער בתנאי ער זאל צו יעדער צייט קענען די פארהאנגען ארפלאזען און זיך איינגנורען אין זיינע געהיימניסען און זיין חשך...

*) די גרינדערין פון „קריסטשיען־סייענס" (קריסטליכע וויסענשאפט), א גלויבען לויט וועלכען קראנקהייטען קענען געהיילט ווערען מיט דער מאכט פון אמונה.

# טראכטען און ריידען

מיין פריינד דער מענשען־קענער איז בעזונדערס אינטערעסאנט ווען ער קומט צו דער טהעמא „טראכטען און ריידען".

ער אליין רעדט בלויז פעריאדיש. עס נעהען אפט אוועק מאנאטען כסדר און איהר קענט פון איהם א ווארט ניט הערען. און דאן, קומט אן אויסגוס, ווי פון א פלוצלינג־געעפענטען פאנטאן, און ער שפריצט ארויס זיינע אנגעזאמעלטע בעאבאכטונגען אין פארבינע עפיגראמען.

אין איינער פון אזעלכע השתפכות'ען האט ער געזאגט: —

טראכטען איז א הכנסה און ריידען איז א הוצאה...

פאראן אזעלכע וואס פערמאגען קרח'ס אוצרות און פערגינען זיך ניט א פרוטה אויסצוגעבען, און פאראן ווידער אויסברינגער וואס ביי זיי קען זיך א מטבע ניט איינהאלטען א רגע.

עס איז דא נאך אן אנדער קלאס. דאס זיינען די וואס גיבען ארויס וועקסלען אויף וואס זיי דארפען ערשט אריינקריגען.



Digitized by Google

איך האָב געקענט אַ יונגען מאַן מיט אַ געשליפענער צונג, וועלכער פלעגט אייך ארויסלאָזען אַ בעהויפּטונג אָדער אַ געדאַנקען, מיט דערזעלבער לייכטקייט ווי אַ שוואַרצקינסטלער ציהט בענדלעך פון אַ קאַפּעלוש, קלע־רענדיג אַז ער וועט שוין ווי עס איז בעגרינדען מיט אַלערליי דרעהדלעך דאָס וואָס ער האָט ארויסגערעדט.

אַן ארויסגעזאָגטעס וואָרט איז אַ טשעק. געוויסענ־האַפטע סאָלידע מענשען וועלען קיינמאָל ניט אונטער־שרייבען אַ טשעק אוואו זיי האָבען ניט גענוג קאַפּיטאַל אין דער באַנק.

אָבער וויפיעל זיינען דאָ, וואָס גיבען אייך אַ טשעק, וויסענדיג גאַנץ גוט אַז זיי האָבען ניט אין דער באַנק אַ צובראָכענעם שילינג, און טראַכטענדיג אַז איידער איהר וועט זייער טשעק דעפּאָנירען וועלען זיי שוין ווי־עס־איז די סומע „גוט מאַכען״ ?...

דאַן קומט דער „חלפן״ וואָס לאָזט דורך יעדען טאָג דורך זיינע הענד, הונדערטער און טויזענדער מינצען פון אַלע לענדער און פון אַלע „קורסען״ און איז אַליין אַ בלוטיגער קבצן...

ער האָט ציטאַטען און פראַזען און פיינע געדאַנקען פאַר יעדער געלעגענהייט, און גיט זיי אייך מיט דער פולער האַנד. וואָס האָט ער צו זשאַלעווען ? מע קען, ברוך השם, די סחורה שטענדיג קריגען. נאַטירליך, איי־דער ער לאָזט אין גאַנג זיינע אַרטיקלען, רייסט ער צו־ערשט אַראָפּ דעם יאַרליק און מע דאַרף זיין אַ מומחה אויף זיינע טאַנדעטנע וואַארע צו קענען אויסגעפינען דעם נאָמען פון דעם פאַבריקאַנט...



Digitized by Google

איך געפין אזעלכען אוים דורך דעם אונטערשלאג פון זיינע סחורות, דען דער אונטערשלאג איז זיין איי־גענער, און ס'איז רעכט אז א ראצעמארענער גערדאנקען אדער א ציידענער זאץ זאלען זיין אויפגעסטריגעוועט אויף אפגעבליאקטען קארטון...

איך האב נאך א פרוביר־מיטעל. איך זוך אוים פון אונטער דער ערד, א טהעמא וואס בלויז א משוגע'נעם ווי איך קען איינפאלען, צו דיסקוטירען, און פאר וועל־כער מיין בחור האט בשום אופן זיך ניט געקענט צוגריי־טען... און מיין ציצערא הויבט אן טעלעבענדען מיט דער צונג. דער גרויסער פראזען־מעקלער הויבט מיר אן דאן ארויסצוגעבען זיינע אייגענע פערזשאווערטע און ווערטה־לאזע פעניגער, און פון זיין גאנצען פערמעגען איז גע־ווארען א תל...

דאס נעקסטע מאל מיידט ער מיך אוים, און פרו־בירט זיין גליק מיט אנדערע.

פאראן פערקעהרט אמת'ע גבירים, וואס האבען גאנ־צע זאסיקעס מיט גאלדענע געדאנקען, אבער זיי זיינען אזוי אונגעלומפערט, אז נעהמען זיי אייך ארויסצעהלען א געוויסע סומע, פאלט עס זיי פון די הענד... אזעלכע איז א מצוה אויסצוהעלפען. עס לויהנט זיך.

איך האב געהאט א פעטער א לאנד־חכם. פלעגט ער נעהמען ריידען, איז געווען ווי געהן צו קינד. א ווארט צו א ווארט פלעגט זיך ניט קלעפען, און איהר האט גע־קענט הערען ווי די רעדער פון זיין מח־מאשינע סקריפען און קרעכצען. איך פלעג נעהמען אויף זיך די ראלע פון א העבאם, פלעג ממש פאר די פים די געדאנקען פון איהם



Digitized by Google

ארויסשלעפּען... און וואָס פּאַר'ע גערעטענע געראַנקען דאָס זיינען געווען! אַ מחיה געווען צו קוקען אויף זיי...

פאַראַן מענשען וואָס האַלטען זייער געלד אין אַ קניפּעל, און ווען זיי נעהמען ארויס אַ בומאַזשקע טהוען זיי עס „בדחילו ורחימא", און קוקען דערביי אויף אייך אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען „ברודערקע, דאָס איז ניט „קיין הובעל־שפּאָן, דאָס איז געלט און געלט דאַרף מען „היטען ווי אַן אויג אין קאָפּ". און דאָך זיינען זיי בטבע ניט קיין קמצנים.

איך האָב אָנגעטראָפען אַ סך דענקער פון דער דאָזיגער קאַטעגאָריע. זיי זיינען „מלא וגדוש", אָנגעשטאָפּט מיט בריליאַנטענע געדאַנקען, אָבער נעהמען זיי צו אייך ריידען, פּעקלען זיי זיך לאַנגזאַם אויס, מיט אַ זייטענוואונק צו אייך וואָס ניט אייך צו פערשטעהן, אַז איהר דאַרפט זיך מכין זיין צו הערען עפּעס וויכטיגס...

עהנליך צו זיי איז געווען יענער הומאָריסטישער שריפטשטעלער וואָס פלעגט אַזוי עקאָנאָמיזירען מיט זיינע וויצען אין געשפּרעך, אַז קיין המצאה זיינע איז מיר ניט איינגעגאַנגען. איך פלעג אימער האָבען דאָס געפיהל, אַז ער רעכענט קודם אויס וויפיעל זי איז ווערטה פאַר זיין פערלעגער, און ווען ער שענקט זי מיר, ליידט ער פשוט אַ געלד־שאָדען...

דער קאָנטראַסט צו זיי אַלעמען איז יענער וואָס עפענט בלויז אויף זיין מויל, און עס גיבען זיך אַ לאָז גלאַנצענדע ראַקעטען פון קלוגהייט און שאַרפזין, וואָס האָבען הפנים לאַנג געלעכצט ארויסצוגעהן אויף דער וויי־סער וועלט... און די פונקען פאַלען אייך אין מח און אין

הארצען, און דערביי שפירט איהר גאר ניט, ווי עמיצער וואלט זיך אנגעשטרענגט אדער ווי עמיצער וואלט עפעס געגעבען און עמיצער גענומען...

און די געדאנקען שפריצען ארויס אזוי נאטירליך, און מיט אזא אימפעט, אז איך דאכט זיך, זיי זיינען נאר וואס געבארען געווארען. און דא נ א ר ט איהר זיך.

עס זיינען דא „עקס־פראמפטנע" רעדנער אבער עס זיינען ניטא קיין „עקס־פראמטנע" דענקער. דער דענקער וואס רעדט אזוי לייכט און אהן א מאמענט פערטראכטען זיך, רעדט פון אנגעברייטען, פון פארטיגען. ער האט בע־אבאכטונגען און געדאנקען וואס ער האט גאט וויים וואו און גאט וויים ווען אנגעקליבען און דורכגעזיפט און דורכגעקלערט, ווי מע קלערט דורך טהייערען וויין — ווע־נען אלערליי זאכען. און וואס פאר א געגענשטאנד עס זאל ניט פארקומען — ע ר האט שוין וועגען איהם לאנג צוריק נאכגעטראכט, מעהר אדער ווייניגער, און איבער־ראשען קענט איהר איהם קיין מאל ניט.

איך האב פריהער געזאגט, אז ריידען איז א הוצאה, אבער דער תענוג פון אויסגעבען נאכדעם ווי מע האט זיך א לאנגע צייט געזעטיגט מיט אריינגעהמען — איז אן ערפרישונג, אן ערלייכטערונג און צייטענווייז א בע־דירפעניש.

די גמרא זאגט : „מעהר ווי דאס קאלב וויל ז ו י־ג ע ן ווילֿ די קוה איהם ג ע ב ע ן ז ו י ג ע ן". איך קען אזעלכע וואס מוזען זיך ארויסרעדען. זיי וואלטען זאנסט געקריגען מילך־פיבער.



Digitized by Google

און זעהר אָפט פּאַסירט, ווי איך ווייס פון מיין איי־
גענער ערפאַהרונג, אז רעדענדיג טויכט ארויס פאַר דעם
ריידער אליין, א שפּאָגעל־נייער געדאַנקען...

אינוועניג איז ער געוועזן צוזאַמענגעקנוילט מיט א
סך אנדערע און האָט זיך ניט קלאָר ארויסגעזעהן. אָבער
רעדען קען מען ניט אין קנוילען, און ציהט מען אין גע־
שפּרעך פאַנאַנדער פּאָדעם פאַר פּאָדעם ווערט יעדער פּאָ־
דעם זיך אליין דייטליכער.

דאָס רוף איך א ז י י ט י ג ע הכנסה...

.1912



Digitized by Google

# איינזאַמקייט

איינזאַמקייט איז אַ תענוג צו וועלכען מען מוז זיך צוגעוואוינען — זאָגט מיין פריינד דער מענשען־קענער.

דער וואָס האָט ניט געלערנט די קונסט פון זיין איינזאַם, דער האָט פערנאַכלעסיגט די בעסטע געזעלשאַפט וואָס ער האָט וועןֿעס־איז געקענט האָבען — די געזעלשאַפט פון זיך אַליין. דען וואו קענען מיר געפינען אַ חבר מיט וועלכען מיר זאָלען קענען זיך אַזוי גוט פערשטענדיגען, מיט וועלכען מיר זאָלען זיין אַזוי אויסגעבונדען, ווי מיר אַליין ?

די וואָס זאָגען אַז דער איינזאַמער מענש שליסט זיך אויס פון דער וועלט, געברויכען בלויז אַ סקאַרבאָווע פראַזע וועלכע האָט אין דער ווירקליכקייט קיין שום אמת אין זיך ניט.

פ ע ר ש ל אָ ס ע ן זיינען מיר ערשט ווען מיר לעבען תמיד אין דעם גערויש און דעם געפילדער און דער צוזאַמענגעוואָרפענער חאַליאַסטרע פון מענשען, וואו מיר ווערען געדריקט און געקוועטשט אין אַלע ווינקלען



Digitized by Google

פון אונזער נשמה. קוים קענען מיר אין דעם געדרענג א שטיקעל בלאָען הימעל זעהן...

אין דער איינזאַמקייט שפּרייט זיך די וועלט פונאַנדער אין איהר גאַנצער ווייטקייט. רוים פעהלט אונז מעהר ניט און מיר אַליין נעהמען אָן אונזער ריכטיגע, פולע, רונדע געשטאַלט...

דאָן ערשט קענען מיר אויספּעקלען אונזערע גייסטיגע מטלטלין, און זיי געהעריג פונאַנדער שטעלען און איינאָרדנען און אונגעשטערט פונאַנדערפלעכטען דעם קאָלטון פון פערמישטע איינדרוקען...

און מענשען אַליין מוז מען זעהן פון דער ווייטען, פון דער איינזאַמקייט, אויב מיר ווילען זיי ליעבען אָדער האסען. פון נאָהענטען האָבען מיר בלויז דעם איינגענטהימליכען גערוך פון זייער לייב...

אין אונזער איינזאַמקייט, ווערען זיי אַלע נשמות — גוטע אָדער שלעכטע. די קערפּערם פערשווינדען...

און אויב מיר האָבען ניט וואָס האַלט צו האָבען קענען מיר זיך קוויקען מיט אונזער שנאה, ווי מע קוויקט זיך מיט א קרעפּטיגען ביטער־טראַנק...

פון נאָהענטען איז בלויז דאָ ענטוועדער פיזישע שכרות, אָדער פיזישער עקעל...

אין איינזאַמקייט, אראָפּקוקענדיג אויף דער וועלט פון דער הויך, האָבען מיר א נצוץ פון יענעם געפיהל וואָס די מלאכים מוזען האָבען ווען זיי שפּאַרען זיך אָן אויף דעם געלענדער פון דעם זיבעטען הימעל און קוקען אראָפּ, טיעף אונטען, אויפ'ן „עולם השפל"...



Digitized by Google

און אין דער איינזאַמקייט, אַרונטערזינקענדיג אין דעם טיעף־טיעפען ברונעם פון אונזער אייגענעם אינער־ליכען לעבען, קענען מיר אַרויפקוקען און זעהן די שטע־רען, העל און ליכטיג... אין דעם גלען חוצפה'דיגען שי־מער פון דער עפענטליכקייט, זיינען די דאָזיגע שטערען ניט אָנצוזעהן געווען.

די איינזאַמקייט, דאָס איז די צייט פון זעען, פון שפּראָצען און פון שטילען וואַקסען, פון ר י י ף־ווערען און פון ר י י ך־ווערען.

די גרויסע געדאַנקען־מאַגנאַטען וואָס האָבען די וועלט בעגליקט מיט זייערע נדבות, האָבען ניט אַ פעניג פון זייער אייגענטהום אַנגעקליבען אין דער חברותא פון מענשען...

די וועלט איז אַ נעהמערקע און ניט קיין געבערקע. און וויל אימעצער דער וועלט עפּעס שענקען אויף עולמות מוז ער זיך אָפּגעזעגענען מיט זיינע מיטמענשען און יאָהרען־לאַנג ארבייטען אַליין אין זיינע דונקעלע גאָלד גרובען...

אַ טרוים געבאָרען ערגעץ וואו אין אַביידעל אין דער שווייץ, מיט קיין אַנדער עדות ניט אַרום, ווי די שטערען און די קאַלטע גלעטשערס, קען ווערען די בעוואונדערונג פון אַ טויזענד־קעפּיגער מאַסע אין אַ פּאַריזער אָדער ניו יאָרקער אָפּעראַ־הויז, וואו ער, דער טרוים, ווערט איבער־געגעבען אין דעם גלגול פון אַן אריא, געזונגען פון אַ קאָקעטקע־פּרימאַדאָנאַ...



Digitized by Google

אבער אין דער אומגעבונג פון דער דאזיגער מאסע וואלט ער קיין מאל ניט געבארען געווארען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איינזאמקייט איז א ריינינונג און א לייטערונג. יעדער מענש אזוי ווי ער מוז האבען פון צייט צו צייט א באד פאר זיין גוף, מוז האבען אזא מין איינזאמקייט־טבילה פאר זיין גייסט... נייע כחות וועט ער דערנאך שפירען אין זיך.

עפעס וועט האבען פערשוואונדען, עפעס וועט זיין ארונטערגעשוועגקט און די אפענע געזונד־געווארענע הויט־לעכלעך וועלען אריינציהען די לופט און דעם שיין מיט מעהר פרישקייט...

און הויפטזעכליך די א ו י ג ע ן... לעבענדיג צו לאנג אין געזעלשאפט ווערען זיי פערשטויבט. עס זיינען דא אזוי פיעל וואס ווארפען אונז שטויב אין די אויגען, אז ווי ווענינ עס זאל ניט בלייבען יעדעסמאל, זאמעלט זיך מיט דער צייט אן א דיק הייטעל און די ראיה ווערט קאליע...

אין איינזאמקייט הויבט מען אן זעהן בעסער. דען איינזאם־זיין מיינט ניט אנטלויפען פון דער וועלט. איך, פערקעהרט, נעהם די וועלט מיט זיך, אהן איהר ריהר איך זיך ניט... א פענסטערל מאך איך דורך וועלכען איך זאל זיך תמיד קענען זעהן אזוי ווי איך וויל זעהן די פעלדער און די וועלדער ארום זיך...

און הער איך דעם ליארעם פון דער ווייטען איז עס
אן אנגענעהמער אבליגאטא צו מיינע איינענע געדאנקען־
מעלאדיען, אזוי ווי דאס רוישען פון ים וואס איך קען
אויסטייטשען ווי מיר אליין געלוסט זיך...

— — — — — — — — —

ווען מיר ווערט איינזאמקייט איבערדריסיג ווייס איך
אז איך אליין בין זיך איבערדריסיג, און דאן זוך איך דעם
טומעל כדי ער זאל מיך געגוג דערעסען מיך צוריקצו־
טרייבען אין מיין ווינקעל...

גליקליך זיינען די מענשען וואס האבען זיך ארויפגע־
ארבייט צו א שטופע, צו קענען זיין איינזאם אפילו אין
געזעלשאפט... איהר רעדט צו אזא איינעם, און ער ענט־
פערט אייך און ער לאכט און ער איז פעראינטערעסירט
און איז אליין אינטערעסאנט, און דאס אלץ קומט פון
זיין גאסט־צימער... אין די אינערליכע קאבינעטען נעהמט
ער אייך קיינמאל ניט אריין, אזוי ווי ער אליין, אדער
דער בעסטער טהייל פון איהם, געהט פון די דאזיגע
קאבינעטען קיינמאל ניט ארויס...

ער איז אי א י ן דער וועלט, אי א י ב ע ר און
א ר ו ם דער וועלט... ער ז ע ה ט זאכען און מענ־
שען פון דער נאהנטסטער ווייטקייט און ק ו ק ט אויף
זיי פון דער ווייטסטער ווייטקייט — אזוי ווי מע דארף
אויף זיי קוקען, אום אין זיי ניט בטל צו ווערען...

דען מיר מוזען זיין עקאנאמיש מיט אונזער קוקען,
און קוקען מיר צו נאהענט און צו געניי, ווערען מיר אויף

א שטויב פערשוואונדען די צייט וואס וואלט געקלעקט אויף א גאנצען בארג, און אן ארבעם וועט פון אונזערע אויגען פארשטעלען א גאנצען שטערן...

— — — — — — — — —

היטען זאלט איהר זיך אבער פון דעם וואס זוכט איינזאמקייט ניט ווייל ער וויל וואקסען, נאר ווייל ער וויל זיין גרוים ניט וואקסענדיג און אהן מיה; ניט ווייל ער וויל בעסער זעהן די וועלט, נאר ווייל ער וויל פערשטאפּען זיינע אויערען צו דער וועלט׳ס דעקרעט פון זיין נישטיגקייט...

ער וויל אן אייגענע ממשלה גרינדען, כדי צו קענען קעניגען אהן א שום שטערונג, ער וויל אזוי צו־שפּאלטען דעם עכא פון זיין אייגענעם וואונש אז ער זאל קליינגען ווי דער הורראַ־טומעל פון א גאנצען פאלק...

אזעלכער מוז אלע פענסטער און אלע לאדען צומא־כען. א קלאנג פון דער דערוויסענדיגער וועלט, וועט איהם זיין חלום חרוב מאכען, א בלאז פון ווינד וועט זיין קרוין איהם פון קאפּ ארונטערשליידערען...

און אזעלכער ווערט אין זיין איינזאמקייט קלענער און שמעלער. ער איז צופיעל בעשעפטיגט מיט דיע־נען צו זיך, מיט קטורת־רויכערען צו זיין כבוד־לוסט, ער זאל קענען זיך אויסשפּרייטען...



Digitized by Google

און ער האָט צומאָל ניט איין גרויסען רוהיגען האָס
וואָס זאָל איהם אויפהאַלטען... ער האָט בלויז פּיצינקע
פאַרדרוסען און פאַראיבעלס וואָס רייצען און צוברעקלען
איהם און פער'מיאוס'ען אין זיינע אויגען גאָט'ס וועלט,
אַזוי ווי זיי פער'מיאוס'ען איהם אַליין אין די אויגען
פון דער וועלט...

,1912



Digitized by Google

# נאָכאָהמונג

מיין פריינד דער מענשען־קענער האָט אַמאָל געזאָגט צו מיר:

שטודירען מענשען איז שטענדיג ביי מיר געווען אַן אינטערעסאַנטער ספּאָרט. איך האָב קיינמאָל קיין געברויך ניט געמאַכט פון מיינע בעטראַכטונגען. איך האָב ניט געהאַט, ניט דעם טאַלענט און ניט די לוסט צו שרייבען פּסיכאָלאָגישע ראָמאַנען, און האָב קיינמאָל ניט געזאַמעלט שטאָף פאַר סקיצען. עס איז גלאַט פאַר מיר אַליין געווען דער שעהנסטער צייט־פערטרייב, אויסצוגעפינען די פערבאָרגענע מאַשינערי, וואָס אַרבייט אין דער נשמה פון די מענשען מיט וועלכע איך בין געקומען אין בעריהרונג, און די אינערליכע וואַרשטאַט, וואו עס ווערען פאַבריצירט זיינע בעזונדערע בעוועגונגען, מאַניערען, בליקען און אויסדרוקען.

אַנדערע לעזען צייטונגען, איך פּלעג לעזען מענשען.

און מיין מעטהאָדע צו לערנען אַ מענשען איז געווען זעהר אַן איינפאַכע.



Digitized by Google

איך פלעג קודם־כל זוכען אויסצוגעפינען וועמען ער מ א כ ט נ א ך, און אזוי שנעל ווי מיר איז געלונגען צו לעגען מיין פינגער אויף דער פערזאן וועלכע איז זיין מאָדעל און דער געגענשטאנד פון זיין נאכאהמונג, האָב איך געהאט א שליסעל צו אלע קעמערלעך און אלעקער־לעך פון זיין כאראקטער.

דען שוין לאנג צוריק בין איך געקומען צו דער אי־בערצייגונג אז יעדער איינער פון אונז, בעוואוסטערהייד אָדער ניט־בעוואוסטערהייד, מאכט נאך אימעצען. אימע־צער וועלכען ער קען אָדער פון וועלכען ער האָט געלעזען אָדער געהערט, שוועבט פאר איהם אלס א מוסטער, און אלע זיינע האנדלונגען, בעוועגונגען און אייגענטהימ־ליכקייטען, זיינען צוגעשניטען און צוגעמאָסטען לויט דעם דאָזיגען מוסטער.

פאראן מענשען וואָס מאכען נאך א י י נ ע ם. מיט זיי פלעג איך האָבען א לייכטע ארבייט. פיעל שווע־רער און פערוויקעלטער איז געווען דער פראָצעס, ווען איך האָב אנגעטראָפען אזעלכע וואָס האָבען נאכגעמאכט צ ו ו י י אָדער מ ע ה ר אויף איין מאָל.

אָט האָב איך געהאט א בעקאנטען. אין זיינע גאָר יונגע יאָהרען האָט ער געלערענט אין א ישיבה אין סלאָ־באָדקע, נאך פערשיעדענע גלגולים איז ער אנגעקומען אלס קאנטאָר אין א רעפאָרמירטער שוהל. איך האָב קיינ־מאָל ניט געקענט דערגרונטעווען די ריכטיגע פסיכאָ־לאָגיע זיינע. עפעס האָט ער געהאט אזעלכע אייגענ־טהימליכע מיינונגען און אזעלכע מאָדנע געוואוינהייטען



Digitized by Google

און קנײטשלעך. איך האָב פּרובירט מײַן „בערטיליאָן־סיסטעם" אויף איהם, אָבער איך האָב צו קײן שלום ניט געקענט קומען. איך האָב עקספּערימענטירט מיט אַ לאַנגער ליסטע פון גדולים און העלדען, און קײנער האָט ניט געפּאַסט. ביז מיר איז אײַנגעפאַלען צו פּרובירען צװײ אויף אַ מאָל. דער רעזולטאַט איז געװען אױגענבליקליך: אַלצדינג איז מיר געװאָרען קלאָר װי דער טאָג. װײסט איהר װער די צװײ זײַנען געװען? איהר װעט לאַכען, אָבער עס איז דאָך אָן אמת: רב יצחק אלחנן דער קאָװנער רב, און װאַגנער...

פון אַקטיאָרען װאָס אַהמען נאָך אין געװעהנליכען לעבען, די הויפּט־ראָלע װעלכע זײ שפּיעלען אױף דער ביהנע — װײסט איהר געװיס. איך אַלײן װײס פון אַ שױשפּיעלערין װאָס האָט געהאַט אַ בעזונדערע אַפעקטירטע אַרט װען זי פלעגט זיך זעצען אױף איהר פאַטעל בײ זיך אין דער הײם, און אַ געװיסע קאָמישע מאַיעסטעט אין דעם טאָן פון איהר שטים װען זי פלעגט רעדען צו איהר דיענסט־מײדעל. און געקומען איז דאָס איהר װײל זי האָט געשפּיעלט אױף דער ביהנע די ראָלע פון קעניגין „סעמיראַמיס"...

נאָך אינטערעסאַנטער איז װאָס געװיסע מענשען אַהמען נאָך זיך אַלײן... אײנער האָט אַמאָל אין אַ פײערליכען געהױבענעם מאָמענט געכאַפּט אַ קוק אױף זיך אין שפּיגעל און האָט זיך אַרײנגענומען אין קאָפּ פון דאַמאָלס אָן צו זײַן פײערליך...

אַ צװײטער האָט אַמאָל אַמוזירט אַ געזעלשאַפט מיט

וויציגע אנעקדאָטען, און זוכט זינט יענעם טאָג צו זאָגען וויצען, סאַי עס קלעפּט זיך יאָ, סאַי עס קלעפּט זיך ניט.

און ווער קען ניט יענע אַלטע לייט וואָס זוכען נאָכ־צומאַכען זייער אַמאָליגען יונגען „איך" ?

און די דאָזיגע נאָכאַהמונג ווייזט זיך ארויס ניט נאָר אין מאַכען מיט'ן האַנד, אין העוויות פון געזיכט, אין דעם ארט פון געהן און אין דער מאַניער פון עסען — נאָר אין דער גאַנצער וועלט־אַנזיכט פון דעם נאָכאַהמער...

ביסלעכוויין וואַקסט זי איין אין דער נשמה, און ווערט די הויפּט־ספּרוזשינע פון יעדען טהאָן און פון יע־דען טראַכטען, און אַם שטאַרקסטען איז זי דאָרט וואו זי ארבייט אונבעוואוסטערהייד, דאָרט וואו דער נאָכאַה־מער וואָלט אייך אריינגעלאַכט אין געזיכט און גערופען „לינגנער" אָדער „אידאָט", ווען איהר זאָלט איהם זאָגען אַז ער מאָדעלירט זיך נאָך אַ פרעמדען טיפּ.

דער מענש איז איבערהויפּט דער שנעלסטער פון אַלע חיות, אויפצוכאַפּען דאָס וואָס ער זעהט און עס תיכּף נאָכצומאַכען.

ווען איך האָב געלעבט אויפ'ן ישוב האָב איך בע־מערקט, אַז דער שווערער שלעפּעדיגער גאַנג פון די פּויערים קומט דערפון וואָס זיי מאַכען נאָך די פערד און די קיה, מיט וועלכע זיי האָבען צו טהאָן אַ גאַנצען טאָג.

אַ ישוב'ניק'ס אַ אינגעל האָב איך געקענט, וואָס פלעגט ביים וויינען, אויסשטעלען דעם מויל משופּע'דיג ארויף־צו, און אויסלאָזען זיין געוויין מיט אַ קלאַנג וואָס



Digitized by Google

איז געווען עהנליך צו א האווקע... דאס האט ער געכאפט דעם שניט פון דעם שווארצען הונט מיט וועלכען ער פלעגט זיך שפּיעלען...

ווען איהר וועט אמאל זיין אויף א מיטינג ווען א גרויסער רעדנער האלט א גאנצען עולם געשפּאנט מיט זיין פייערדיגער דרשה, וועט איהר בעמערקען, ווי ניט ווילענדיג שפּיגעלט זיך אפּ אין א געוויסער מאס, דער אויסדרוק פון דעם דרשן'ס געזיכט אויף די פּנים'ער פון זיינע הערער.

איך האב בייגעוואוינט ווי א רעדנער האט אין פערלויף פון זיין אינטערעסאנטער רעדע, געראד א ביס געטהאן מיט זיינע אונטערשטע צייהן די אויבערשטע ליפּ, און א פּאאר דוצען מענשען וואס האבען איהם אויפמערקזאם צוגעהערט, האבען מעכאניש א ביס געטהאן זייערע אויבערשטע ליפּען...

ווי איך בין שפּעטער געוואהר געווארען האט דער רעדנער דאן געהאט א צאהן־וועהטאג און האט פערביסען די ליפּ פון יסורים...

דאס זיינען קליינע און איינצעלנע סימפּטאמען וועלכע יעדער קען הונדערט מאל כפל'ען פון זיין אייגענער בעאבאכטונג און ערפאהרונג.

וויכטיג אבער איז דער גרויסער פאקט, מיט וועלכען איך האב אנגעהויבען, וואס יעדער מענש, וויסענדיג אדער ניט וויסענדיג האט א געוויסען פאר־מאדעל וועלכען ער טהוט נאך אדער וויל נאכטהאן. און האט איהר נאר אויסגעפונען ווער דער דאזיגער מאדעל איז, דאן



Digitized by Google

ליעגט פאַר אייך אָפען זיין גאַנצער פּסיכאָלאָגישער מע־
כאַניזם, און איהר וועט כמעט פּאַראָוים קענען בעשטי־
מען ווי אַזוי ער וועט האַנדלען און זיך בעטראָגען אונ־
טער געגעבענע אומשטאַנדען. יעדענפאַלס וועלען אייך
קלאָר ווערען אַלע זיינע געוואוינהייטען, אַנזיכטען און
מיינונגען וואָס וואָלטען אָהן דעם אפשר בלייבען אַן
אויבּיגע רעטענים.

.1912



Digitized by Google

# דער מאָמענט ווען מע ווערט אַלט

מיין פריינד דער מענשען־קענער האָט מיר אַמאָל דערצעהלט:

א גרויסער אידישער דענקער און שריפטשטעלער, וועלכער איז נאָך אין דער פולער רייפקייט פון זיינע יאָהרען, האָט מיר אין אַן אינטימען געשפּרעך אַנטפּלעקט, אַז ער פיהלט זיך אַלט און ער האָט מיך נאָך מעהר איי־בערראַשט, ווען ער האָט צוגעלעגט אַז דאָס געפיהל פון זקנה איז אויף איהם געקומען ניט לאַנגזאַם, נאָר אין איין רגע...

איך האָב איהם פער׳חדוש׳ט אָנגעקוקט, אָבער דער שריפטשטעלער האָט פאָרטגעזעצט: —

„איהר ווייסט, מע דערצעהלט זיך וואונדערליכע מעשות פון מענשען וועלכע זיינען אין איין נאַכט אָדער אין איין שעה גראָ געוואָרען. די אויסערליכע סמנים פון אַלטקייט ענטוויקלען זיך געוואויהנליך זעהר לאַנגזאַם, שטופענוויז, עס נעהמט יאהרען און יאָהרען ביז עס זאַמלען זיך אָן קנייטשען, אָדער ווי די ענגלענדער רופען עס, „קראָה־פיס” געננוג און בית עולם בלעטלעך געננוג



Digitized by Google

אום אנצוזאגען פאר דער וועלט אז מיר געהען אראפ בארג. און ווען אזא מין אלט־ווערען איבער נאכט פאַ־סירט, בעטראכט מען עס אלס יוצא מן הכלל און אן אויסערארדענטליכען פאל.

„אבער מיר אלע ווערען אין דער אמת'ן זקנים אין איין מינוט. עס איז דא איין געוויסער פונקט, דער „הר ההר", און דער קלימאקס, וואו די וועגען שיידען זיך... און דער פונקט ווערט דערגרייכט אמאל אין מיטען דער נאכט אויפ'ן געלעגער, און אמאל זיצענדיג אין א לוס־טיגער געזעלשאפט, דורך אימעצענ'ס א בעמערקונג, א ווארט אדער א קוק...

„מיט מיר אליין האט עס פאסירט גראד אזוי אומ־גערוכט...

„איך האב איינמאל געשריבען אן ארטיקעל איבער דער רעוואלוציאן וועלכע מוז פריהער־שפעטער אריינ־טרעטען אין אונזער לעבען און אין אונזערע געדאנקען. און געשריבען האב איך עס מיט דער געוואוינטער קאמפפ־לוסטיגקייט און מיט דעם ענטהוזיאסטישען גלוי־בען אין דער גרויסקייט פון דעם „נייעם", וואס דארף קומען אויף דעם ארט פון דעם אפגעלעבטען „אלטען" רעזשים. מיין פעדער איז געלאפען האסטיג אויפ'ן פאַ־פיר, ביז איך בין געקומען צו א געוויסען אויסדרוק, וועלכען איך האב אזוי פיעל מאל פריהער געברויכט, ניט פערטראכטענדיג זיך אפילו, און וועלכער איז געווען אזוי נאטירליך פאר מיין פעדער ווי די טינט, מיט וועלכער זי האט געשריבען.



Digitized by Google

„איך בין געקומען צו אַ זאַץ וואָס האָט זיך אָנגע־הויבען „מיר יונגע"...

„מיין פעדער איז מיט אַמאָל געבליבען שטעהן, און ביי מיר אין געדאַנקען איז פון ערגעץ־וואו, אַזוי ווי אַ לאַנג־בעהאַלטענער שד, ארויסגעשפרונגען די פראַגע: קען איך נאָך אַלץ מיט רעכט זאָגען „מיר" רעדענדיג פון דער יוגענד? איז שוין ניט צייט צו זאָגען „זיי"?

„איך בין ערשט זעקס און פערציג יאָהר אַלט, איך בין נאָך שטאַרק און געזונד און פול מיט דעם בעגעהר פון ארביים, אָבער אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך אָפּ־געזעגענט מיט די „יונגע", און האָב זיך אָנגעהויבען צעהלען צווישען די גראָ־האָאָריגע — הגם ביז איצט האָב איך נאָך אפילו קיין איינציג גראָ האָאָר אין מיין קאָפּ ניט געהאַט...

„דער ווענד־פונקט איז געקומען און אַלע מיינע טענות מיט זיך אַליין האָבען ניט געהאָלפען. פון דאַמאָלס אָן האָב איך אויסגעמידען, ווי ווייט איך האָב געקענט, דעם אויסדרוק „יונגע". זאָגען „זיי" האָט דאָס הארץ ניט גע־לאָזט. עס האָט זיך ניט געוואָלט געבען אָן אויסגעשפּראָ־כענע אָדער געשריבענע הסכמה, אַז איך אָנערקען זיך אַלס אַלט... און זיך רעכענען צו „זיי" ווי פריהער, האָט דער געוויסען ניט ערלויבט...

„ווען איך פלעג זיך צוזאַמענקומען מיט מיינע אינ־גערע פריינד, האָט זיך מיר געדאַכט אַזוי ווי איך בע־האַלט עפּעס פון זיי, און אַזוי ווי זיי שוינען מיך און



Digitized by Google

ווילען מיך ניט פערלעצען, זאנסט וואלטען זיי מיך בע־
האנדעלט ווי אן אלטען..."

---

צו דער ערפאהרונג פון דעם שריפטשטעלער זיינען
מיר שפעטער צוגעקומען, א סך עהנליכע ערפאהרונגען!
וואס עלטערע מענשען, אין מינוטען פון זעלבסט־אנט־
פלעקונג האבען מיר פערטרויט...

איינער איז אלט געווארען אין א טראמוויי, ווען א
יונגער מאן האט איהם דעם זיץ אפגעטרעטען... א צוויי־
טער האט דערפיהלט דאס געוויכט פון די יאהרען, ווען
א בעקאנטער האט איהם געהאלפען אנטהאן דעם אויבער־
ראק... א דריטער האט גראד אונטערגעהערט ווי זיין
בוכהאלטער אדער שיק איינגעל זאגט אויף איהם „דער אל־
טער"... א פיערטער האט אין דעם געבורט פון זיין ער־
שטען אייניקעל אדער אין דעם ערשטען בעזוך פון א חתן
פאר זיין עלטסטע טאכטער, געלייענט זיין אורטהייל...

אבער געקומען איז עס ביי אלעמען פלוצלינג, אין
איין געוויסער רגע, און פון יענער רגע האט די אלטקייט
זיי איבערגענומען אין איהר רשות...

זיי האבען גענומען שטעלען מעהר דעם טראפ אויף
זייער ערפאהרונג ווי אויף זייער פעהיג־
קייט, מעהר אויף זייער ווירדע ווי אויף
זייער קראפט און מעהר אויף ערשיינונג
ווי אויף האפנונג.

און נאך טרויעריגער איז צו זעהן די געענדערטע בע־



Digitized by Google

ציהונגען פון די דאָזיגע נ י י ע ר ע ק ר ו ט ע ן פון זקנה צו די גרייז־גראָע געבויגענע וועטעראַנער...

עס איז ניט מעהר די גרויסמוטהיגע סימפּאַטהי און די נדבנ׳ישע צערטליכקייט, פון דעם וואָס איז נאָך אויפ׳ן פערד צו דעם געפאַלענעם אָדער פון דעם געזונדען צו דעם קראַנקען, נאָר א געפיהל פון פאַטהעטישער חברותא, א געפיהל פון מיטגליעדערשאַפט אין דעם זעלבען טרויערינען וועלט־פעראיין, וואָס שליסט איין אין זיינע רייהען, דעם מאַן מיט דעם ערשטען זילבער־פאָדעם אין זיין באָרד ווי דעם עובר־בטל וואָס וואַרעמט זיך פאר דער זונן, טראַכטענדיג פון דעם זעקעל „ארץ ישראל ערד״ וואָס ער האָט אויף דעם דעק פון זיין קופערט...

.1912



Digitized by Google

# געבורט און ענטוויקלונג פון געדאנקען

ניט אַלע געדאַנקען ווערען רייף און „אויסגעטראָגען" אין דעם מח וואו זיי האָבען צוערשט אַרויסגעשפּראָצט — זאָגט מיין פריינד דער מענשען־קענער.

דען אַזוי ווי אַלע זאַכען אויף דער וועלט, האָבען געדאַנקען אויך זייער מזל. אַנדערע איז בעשערט צו וואַקסען אויף דעם אורשפּרינגליכען בוים, ביז זיי פאַלען אַראָפּ דורך דער לאַסט פון זייער פאַרטיגען רייכטהום. און אַנדערע האָט אַ קאַפּריזנער ווינד אַרונטערגעטריי־סעלט איידער זיי האָבען זייער פולקייט דערגרייכט.

אַמאָל איז עס גאָר ניט דער ווינד. די פרי האָט ניט קיין געדולד געהאַט און האָט זיך אָפּרייסען געוועלט... אפשר האָט זי זיך אין די מאָנאַטען אָדער טעג פעררע־כענט ?...

אַזעלכע געדאַנקען ווערען ערשט פאַרטיג אויפ'ן וועג. פון מח צו מח וואַנדערען זיי און ווערען אויסגעהאָדע־וועט אויף זייער נסיעה, ווי די באַנאַנאַס וואָס ווערען



Digitized by Google

גרינערהייד געבראכט פון די דרום־לענדער און ווערען גאָלדיג און זאפטיג, ווייט פון זייער געבורטס־אָרט...

די באנאנאס איז בעשערט צו קריגען זייער רייפקייט ניט אויף דעם היימישען שטאָם און ניט אונטער דעם היימישען זונען־שיין נאָר אין א שטרוי־פערפאקונג, אין דער תפיסה פון א פראכט־וואגאָן, אין אַן אָרעמער פינ־סטערער אומגעבונג...

אָבער פארטיג ווערען זיי, און זייער טעם איז אפשר זיסער און געשמאקער נאָך דער לאנגער וואנדערונג...

וויפיעל געדאנקען קענען זיך ריהמען אז זיי האָבען דורכגעמאכט די גאנצע „תשעה ירחי לידה״ ? דערפאר איז אָבער זעהר גרויס די צאָהל פון די געדאנקען וואָס ווערען געבאָרען „זיבעטלעך״.

זיי בעדארפען נאָך מאָנאטען פון ווייכער וואטע און. ווארעמקייט, צו זיך צו קומען, און צו קענען די אויגען עפענען. און אָפט ווערען זיי ערשט ריכטיג אויסגעבריהט אין דוקא ניט קיין זעהר געהויבענעם מח.

מיר האָט א דיכטער דערצעהלט, אז ער האָט אמאָל אָנגעשריבען א קליין געדיכט אויף וועלכען ער האָט כמעט קיין נאָכדרוק ניט געלעגט און וועלכעם האָט זעהר ווייניג אויסגעדריקט. איין מאָל איז איהם אויסגעקומען צו הערען ווי אימעצער, א יונגער, ניט איבעריגענס אינטעליגענטער ארבייטער, האָט דעקלאמירט דאָס דאָ־זיגע ליעדעל און ער איז געוועזען איבערראשט צו זעהן, ווי דער זינן און דער אינהאַלט פון די פערזען האָט זיך פאָ־נאנדערגעוואקסען אין דער פאנטאזיע פון א פשוט׳ען לעזער... ער האָט זיין אייגען ווערק קוים דערקענט. דאָרט



Digitized by Google

אין דער פּרעמדס, אין דעם אַרבייטער'ס מאַרך איז זיין אייגענער דאַרער געדאַנקען־פּראָדוקט געוואָרען אַ שעהן געראָטען קינד, אַ פריידע פאַר דער וועלט און נאָך מעהר פאַר זיין אַמאָליגען טאַטען...

— ווער איז דאָ געווען דער גרעסערער דיכטער ?

דער לעזער האָט פּיעל מאָל אַ גרעסערען חלק אין דעם פּראָצעס פון שאַפען ווי דער שריפטשטעלער.

דען דיכטער זיינען אַלע. און דאָס וואָס געפינט זיך אין דעם גייסט פון אַ דאַנטע אָדער אַ געטהע, אין אַן אוקינוס־דאָזע, געפינט זיך אין דעם מח פון דעם אונ־וויסענדען ווילדען אין אַ בטל־בששים'דיגער פּאָרציאָן...

ניט אַלע קענען דעם ערשטען קערן אַרויסברינגען. פאַלט אָבער צו זיי אַריין אַ זאָמען, געפינט ער אַ פרוכט־באַרען, גרייטען באָדען...

פּיעל געדאַנקען ווערען געשריבען אין אַ סאָרט ראשי תיבות, און עס פּאַסירט, אַז דער מחבר ווען מע זאָל צו איהם צושטעהן, וואָלט אויך ניט געקענט אויסטייטשען די דאָזיגע ראשי תיבות. קומט אַ לעזער און דעשיפרירט די פערבאָרגענע שפּראַך און דער מחבר האָט אַ נייעם גלוי שכינה...

אפשר האָט דאָס געמיינט יענער תנא ווען ער האָט געזאָגט „ומתלמידי יותר מכולם”, און מעהר פון אַלע האָב איך געלערענט פון מיינע תלמידים...

די שאַרלאַטאַנעס אין קונסט און אין ליטעראַטור ווייסען פון דעם סוד און פערלאָזען זיך לכתחלה אַז די לעזער זאָלען אַריינטראַכטען אין זייערע לעדיגע שורות אַלערליי שעהנע און פּאָעטישע כונות...



Digitized by Google

דעם גרויסען ענגלישען דיכטער ברויניגג האט מען אמאל געפרעגט, וואס ער מיינט מיט א געוויסען געדיכט? „וואס פרעגט איהר מיך ?" — האט דער פאעט געענט־פערט — „געהט צו דעם „ברויגינג קלוב". זיי וויסען בעסער".

ער האט עס אפשר געזאגט בדרך המצאה, אבער א סך אמת איז דעריין דאך געווען.

אלע פלאנצען וואקסען בעסער און ענטוויקלען זיך גיכער און ווערען שטארקער און געזינדער, ווען מע זעצט זיי איבער פון איין בייט אויף א צווייטער אדער פון איין גארטען אין א צווייטען. אין דער מוטער־ערד קענען זיי צו זייער פאלקאמענהייט ניט קומען. און אזוי זיינען געדאנקען.

און די אויסצייכנונג און דאס גליק פון דעם מענש־ליכען געשלעכט איז, וואס אויף יעדער געדאנקען־געבורט ווארט א וועלט מיט ניאנקעס ווי עס ווארט די גאנצע בעפעלקערונג פון ביענשטאק אויף די אייעלעך פון דער קעניגין־ביען...

ווערט דער ולד געבארען געהט ער פון האנד צו האנד, און מע וואשט איהם און מע וויקעלט איהם און מע נעהרט איהם ביז ער ווערט א שמשון הגבור...

ווער האט איהם זיין גבורה געגעבען ?

איך בין ניט קיין חסיד פון יענער טהעארי וואס בע־הויפטעט, אז דאס קינד פון זיין ערשטען מאמענט אן, געהערט צו דעם שטאאט... פאר דער מוטער, הייסט עס, איז געגוג צו געבערען, אויפציהען איז שוין ניט איהר זאך. דאס דארף טהאן דער כלל...



Digitized by Google

אזא מין פער׳יתום׳טע ערציהונג פאר קינדער פון פלייש און בלוט וואס האבען זייער מאמע׳ס נאז און זייער טאטען׳ס אויגען — אפעלירט ניט צו מיר. אבער איך פרעה זיך וואס יעדעס מח־קינד און איטליך געדאנקען־עופה׳לע ווערט אויפגעהאדעוועט פון דעם כלל און איז אויף קעסט ביי דער גאנצער מענשהייט... אזוי דארף עס זיין...

גליקליך איז דער טאטע פון אזא געדאנקען, אויב ער ווערט כאטש אמאל דערמאנט ווען מען רעדט פון׳ם קינד.

וויכטיג אבער איז עס ניט, און על פי יושר טאר א געדאנקען ניט האבען א פאמיליען־נאמען.

די שעהנסטע געדאנקען וועלכע די וועלט פערמאגט, זיינען די וואס מען ווייס ניט ווער זייערע עלטערען זיינען...

אפשר איז די מאמע אין קימפעט געשטארבען?...

און אפשר איז אזוי בעסער — זאנסט וואלט די מענשהייט צופיעל יאהרצייטען געהאט און „די ארבייט איז פיעל און דער טאג איז קורץ...״

נאך אלעמען האט די וועלט אויף די יתומים מעהר געארבייט און זיך מעהר מיט זיי ארומגעפיהרט ווי די וואס האבען זיי געבארען...

און דער יישר־כח קומט איהר — דער וועלט...

.1912



Digitized by Google

# די נייע צייט־רעכענונג

מיין פריינד דער מענשען־קענער געפינט חסרונות אין דער מענשליכער שפראך.

ווי שנעל — זאגט ער — די שפראך זאל זיך ניט איילען צו־צופאסען צו דעם לעבען, יאגט זי דאס לעבען דאך אריבער און זי בלייבט הינטערשטעליג. אט נעהמט למשל, די אויסדרוקען מיט וועלכע מע בעצייכענט די צייט. וואס האבען די דאזיגע אויסדרוקען אמאל בעדייט, און וואס בעדייטען זיי איצט ?

מיר געברויכען נאך אלץ די זעלביגע ווערטער: „טאג", „וואך", און „יאהר", וועלכע אברהם אבינו פלעגט געברויכען, הגם אלע נסיעות וואס דער אלטער פאטריארך האט געמאכט אין זיין גאנצען לעבען, וואלט א שנעלער אויטאמאביל אדער גאר אן עראפלאן דורכגעמאכט אין איין טאג.

אויב איך וואלט געהאט די מאכט, וואלט איך איצטער איינגעפיהרט אן אנדער צייט־רעכנונג, כדי מע זאל ניט פערמישען א „וואך" פון היינט מיט א „וואך" פון

פרעה'ס צייטען, און א „טאג" פון מארקאני'ס דור מיט א „טאג" פון דעם דור הפלגה.

א יונגער מאן פון צוואנציג יאהר, אין א גרויסער מאדערנער שטאדט, איז, אין דער אמת'ן גערעדט, עלטער פון מתושלח'ן, און דער זיבען־הונדערט יאהריגער חנוך איז געווען א חדר־איינגעל אין פערגליין מיט דעם אכ־ציג־יאהריגען טאלסטאי.

אפילו איצט, פאר אונזערע אויגען, ענדערט זיך דער ווערטה און דער אינהאלט פון דער צייט נאכאנאנד. א דור האט מען אמאל גערעכענט דריי און דרייסיג יאהר. ביאלאגיש איז דאס טאקי אמת. אבער אויב א דור מיינט א שטאפעל אויף דעם לייטער פון א וואקסענדער קול־טור — דאן איז איטליך יאהר א נייער דור.

חוני המעגל האט געדארפט אפשלאפען זיבעציג יאהר כדי צו געפינען, זיך אויפכאפענדיג, א נייע וועלט. ווען אונזערער א מענש זאל איינשלאפען אויף בלויז א י י ן יאהר, וועט ער נאכדעם די אויגען רייבען פון די וואונ־דער וואס ער וועט געפינען.

ווען מע זאל קענען מיט א געוויסען אפאראט אפ־פאטאגראפירען כסדר דאס וואס געהט פאר אין דעם מח פון אן אינטעליגענטען מאדערנעם מענשען, זיינע טראכ־טונגען און זיינע געפיהלען, זיינע זיך־תמיד־בענייענרע איינדרוקען און זיינע בליץ־שנעלע פלענער און אידעען, אין דעם פערלויף בלויז פון א טאג, און מע וואלט דאס אלעס דערנאך אונז ווייזען אין א רייהע פון בילדער אויף א לייווענט — וואלט דער סך־הכל געווען פיעלייכט מעהר ווי אלע איבערלעבונגען פון א שלמה המלך...



Digitized by Google

אונזער ציוויליזאציאָן איז אַ ציוויליזאציאָן פון לאַנג לעבען און מיט יעדער נייער ערפינדונג קריגען מיר אַלץ מעהר אריכת ימים...

מיר לעבען מעהר און לענגער ווי די עלטסטע זקנים פון אַ טויזענד און אפילו פון הונדערט יאָהר צוריק.

און דאָך שלעפען מיר נאָך אַלץ דעם באַגאַזש פון לאַנג־טויטע און זינלאָזע חשבונות וועגען דער צייט.

אונזער וואָך בעשטעהט פון זיבען טעג, און, ערשט נאָך זעקס האָרעפּאַסנע האלב־מעת־לעת'ען פערגינען מיר זיך אַ שבת אָדער אַ זונטאג. טהוט ניט דער ארבייטער פון דעם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט אויף אַזוי פיעל ארבייט אין איין טאָג, וויפיעל עס האָט אויפגעטהאָן אין אַ גאַנצער וואָך, דער ארבייטער פון משה רבינו'ס צייטען — פאַר וועלכען דאָס שבת־געזעץ איז געמאַכט געוואָרען?

יעדער טאָג מוז האָבען זיין שבת, אויב די צייט־רעכענונג זאָל אויסגעגליכען ווערען, און מיט יע־דער נייער ענטדעקונג אָדער ערפינדונג האָט ד ע ר ש ב ת ג ע ז א ָ ל ט ו ו ע ר ע ן ל ע נ ג ע ר . . .

מיר מעסטען נאָך אַלץ די טעג און די מאָנאַטען און די יאָהרען נאָך דער זונן און נאָך דער לבנה. דאָס איז די נאָכוועהענים פון אַמאָליגער שטערען־דיענעריי... מיר דאַרפען מעסטען אונזער צייט מיט ראַדיום...

און אונזער לעבען איז דאַרום געשטיגען ניט דער ערך אין ווערטה, אין פערגלייך מיט דעם לעבען פון פערצייטען...



Digitized by Google

איך וואונדער זיך ניט ווען איך לייען ווי די פער־אורטהיילטע אין כינא בייגען זייערע קעפּ צו דעם תליון׳ס האק מיט אזא קאלטבלוטיגקייט, אזוי ווי דאס לעבען וואלט ביי זיי קיין בעטרעף ניט האבען. דען צייט האט דארט אויך קיין בעטרעף ניט. דארט וואו א טהעאטער־פארשטעלונג קען געדויערען זעכצעהן שעה אויפ׳ן זייגער, איז דער טויט א גלייכגילטיגע זאך...

דער עסקימא אויפ׳ן טויטען־בעט, קוקט רוהיג צו די הכנות וואס מע מאכט איהם צו בעגראבען... מישטיינס געזאגט, פיעל זיין לעבען האט ענטהאלטען, און וואס ער האט צו פערלירען...

א טאג פאר דעם איירא׳פּעער איז מעהר ווי דאס גאנצע לעבען פון דעם עסקימא, און דארום האט ער א רעכט האלט צו האבען דאס לעבען, און דער טויט האט פאר איהם טויזענד־שרעקען...

פון כינעזישע השגות און פון עסקימא־בעגריפען איז צו אונז אריבער די ירושה פון טויט־שטראף...

---

ווי איך האב געזאגט, וואלט איך געלאזט איינפיה־רען א נייע אויסגעבעסערטע צייט־רעכענונג און איך וואלט אין גאנצען אויסגעקאסירט אזעלכע ווערטער ווי „טאג", „וואך" און „יאהר", אדער איך וואלט געלאזט אויסארבייטען פון היסטאריקער און וויסענשאפט־מענער א פערגלייכענדע ליסטע וואס וואלט געצייגט אקוראט, וויפיעל, כדומה, יוליוס צעזאר׳ס א יאהר בעטרעפט לויט טהעאדאר רוזוועלט׳ס קאלענדאר, און וויפיעל א וואך פון

דער שפּאַנישער אַרמאַדאַ מיינט לויט דעם לוח פון אַן ענגלישען „סופּער־דרעד־נאַוט"...

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט, און עס וואָלט ניט פערפיהרט...

יעדענפאַלס, וואָלטען מיר זיך אויסגעלערענט צו בע־וואונדערען די געדולד פון דעם מאָדערנעם מענשען, שטאָט וואָס מיר זיינען איצט געניינט איהם פאַר־צו־וואַרפען אַז ער איז אונגעדולדיג...

דער מאַנאַך אין מיטעל־אַלטער, וועלכער האָט צוואַנ־ציג יאָהר נאָכאַנאַנד געשריבען אַ געדיכט איבער דער הייליגער יונג־פרוי האָט ניט אַ צעהנטעל אַזוי פיעל צייט געאַרבייט דערויף, ווי איבסען, וואָס איהם האָט גענומען צוויי יאָהר צו שרייבען אַ דראַמאַ... צוויי יאָהר אין איב־סען'ס צייטען האָבען בעטראָפען מעהר ווי אַ לעבענס־לויף אין אַ פעריאָדע, ווען אַ פּאָר שיך צו מאַכען האָט גענומען אַזוי פיעל צייט ווי איצט אויפצושטעלען אַ הי־מעל־קראַצער...

אפשר וועט קומען אַ צייט ווען איינער וועט אָנ־שרייבען אַ דראַמאַ איבער נאַכט און מיר וועלען זיין געדולד בעוואונדערען...

— אַ גאַנצע נאַכט אָפּצואַרבייטען אויף איין ווערק — וועלען מיר שטוינען — וואָס פאַר אַ פלייסיגקייט און וואָס פאַר אַן אייזערנער ווילען...

על כל פנים, אונזער רעכענונג פון דער צייט איז אַלט־מאָדיש און מוז אָפּגעשאַפט ווערען...

.1912

# מיטלייד

מיטלייד איז די סיראָוואָטקע פון ליעבע — זאָגט מיין פריינד דער מענשען־קענער. — אין א נויטה־צייט קען מען אפשר דערמיט אויך יוצא זיין, אָבער טאַקע נאָר אין א נויטה. צו דעם עכטען ארטיקעל קומט עס ניט.

ציי‍טענווייז — זאָגט ער — האָב איך מיינע צוויי־פלען אפילו וועגען ד ע ם , און איך קלעהר, אז אָהן דער דאָזיגער סיראָוואָטקע וואָלט די וועלט פיעל בעסער געווען. לכל הפחות, גערעכטער און עהרליכער.

ווען יושר איז באַנקראָט, און מען קען אפילו מיט סטראַשונקעס פון איהם גאָר ניט ארויסקריגען, קומט די ליעבע און שענקט איהרע מתנות מיט אָפענע הענד. שלעכט איז נאָר ווען דער מיטלייד קומט קלינגענדיג מיט זיינע קליינגעלדר, און הויבט אָן זיינע נ ד ב ו ת אוים־טהיילען...

רחמנות איז א מאַרק־אידענע, וואָס זוכט מציאות. זי געהט תמיד ארום מיט ביליגע ראַמשלעך ליעבע, צו־געשטאָקטע און טוכלע ליעבע... דעם מבין קען זי ניט נאַרען. ער דערקענט איהר סחורה נאָכ'ן ריח...



Digitized by Google

רחמנות איז גאוה אין א פערשטעלטען נוסח... מיט־
לייד איז דער „שישו בני מעי״ פון דעם בעל־מזל, דער
קניפּ אין דער איינגענער באַק, וואָס דער גליקליכער גיט
זיך, זעהענדיג דעם אונגליקליכען, דער הכשר וואָס קרח
נעהמט ארוים אויף זיין עשירות...

און דאַן איז מיטלייד צו דעם הונגעריגען א טהייי־
ערער מיטעל צו פערדייהען א פעטען מיטאָג. דער גע־
וויסען סקאוואוטשעט אונטער'ן טיש און פערשטערט די
שמחה, ווארפט מען איהם א ביינדעל צו און ער שווייגט...

---

איך קען א סך מענשען, וואָס ווערען געזונד און פעט
פון מיטלייד־האָבען. איהר זייט זיי פשוט מחיה ווען איהר
גיט זיי א געלעגענהייט פאר רחמנות. זיי זיינען אייך
דאנקבאר דערפאר. זיי וועלען אייך די נשמה אוועקגעבען,
אבי איהר זאָלט זיך לאָזען פון זיי בעדויערען...

איהר זייט אן עלענדער, א דערשלאָגענער, און אלצ־
דינג געהט אייך מיט די פוטער אראָפּ, און דאָ קומט
איינער און ווייזט אייך ארוים סימפּאטהי און זיינע
רחמנות־ווערטער פאלען ווי אן אויל־זאלבונג אויף אייער
אָנגעוועהטאָגטען הארצען... אלס א געפיהלפולער מענש
און א מכיר טובה, ווערט איהר גערירט פון דער פריינד־
ליכקייט און איהר בעשליסט ביי זיך, אז אזוי שנעל ווי
איהר וועט ווערען א געהאָלפענער, מוזט איהר קודם־כל
קומען צולויפען צו דעם נאָבעלען בעל־רחמן און איהם
אָנזאָגען די פרעהליכע נאַכריכט, כדי ער זאָל מעהר קיין
שברות־הלב ניט האָבען וועגען אייער צושטאנד.

אבער אויב איהר ווילט ניט האבען קיין שונא אויפ'ן גאנצען לעבען, טהוט עס ניט, ווי גאט איז אייך ליעב. ער וועט אייך קיינמאל ניט מוחל זיין, וואס איהר האט איהם גערויבט, דעם תענוג פון בעדויערען...

איך אליין האב איינגעל־ווייז געהאט א מיאוס'ען אפשניט פאר אזא מין חטא פון מיין מוהמע שרה'ן, עס זאל זיך איהר דארטען לייכט סלוקערצען.

די דאזיגע מוהמע מיינע האט געהאט א סך מעלות. ראשית איז זי געווען א וואויל־קענעוודיגע: זי איז גע־ווען די זאגערקע אין דער ווייבערשער שוהל. דערצו איז זי גלאט געווען א מיוחסת. איהרער אן עלטער־פעטער האט געשטאמט פון דעם מהר"ל מפראג אדער פון תוספות יום־טוב — איך געדענק שוין ניט גענוי. אבער דאס זיינען אלץ ביי־זאכען. איהר הויפט־מעלה איז געווען איהר גוט־הארץ. זי האט נאכאנאנד רחמנות געהאט. זי פלעגט אויפשטעהן כלחוך השור און קוים האט זי אפ־געוואשען נעגעל־וואסער, האט זי שוין גענומען רחמנות האבען, און רחמנות געהאט א גאנצען טאג כסדר, ביז זי האט קריאת־שמע געלייענט אויף איהר געלעגער.

אן אמת'ע טהייערע אידענע געווען.

מאכט זיך מיט אמאל, אז אונזער שכן, איצע דער שמיעד פאלט אוועק קראנק און ליעגט אין א פיעבער. דא האט זיך פאר מיין מוהמע'ן אויפגעעפענט אן אמת'ע גאלד־גרוב פון רחמנות... זי האט געגאסען מיט טרעהרען און געבראכען די הענד אהן אן אויפהער און געהאלטען אין איין קלאגען: „וועה איז מיר, ווינד איז מיר, וואס



Digitized by Google

וועט נעבאך ווערען פון זיין ווייב, און וואס וועט נעבאך ווערען פון זיינע קינדער, וואס וועט נעבאך ווערען פון זיין אלטער שוויגער, און וואס וועט נעבאך ווערען פון זיין אײדים..."

אלע ווײלע האט זי מיך אריינגעשיקט געוואהר ווע־רען וואס דער חולה מאכט.

— מוהמע, ער ווארפט זיך אויפ'ן בעט און קרעכצט — לויף איך אריין.

די מוהמע כליפעט.

— מוהמע, ער רעדט פון היץ — ברינג איך א צוויי־טען רעפארט אין א האלבע שעה שפעטער.

די מוהמע שווימט אין טרעהרען.

— מוהמע, מען האט געשיקט פעלד־מעסטען — דערצעהל איך אהן אן אטהעם נאך א דריטען בעזוך.

די מוהמע רייסט זיך די האאר פון קאפ און יאמערט ביטערליך.

דער מוהמע'ס צושטאנד האט מיך אזוי גערירהט ביי דער נשמה, אז איך בין צוזאמען מיט איצע'ס אינגלעך געגאנגען אין שוהל זאגען תהלים פאר איהם, בלויז פון מיין מוהמע'ס וועגען, דען איצע'ן אליין בין איך געווען א דם־שונא, פאר וואס ער פלעגט מיך ניט לאזען קלאפען אויף דער קאוואדלע, און האט מיך ניט איינמאל ארויס־געטריבען פון דער קוזניע. אבער איך האב געזעהן, אז די מוהמע שרה געהט איין...

היינט ווי איז געווען מיין שמחה ווען איך האב גע־קענט אריינלויפען צו דער מוהמע'ן און טהאן א געשריי:



Digitized by Google

— מוהמע, ער שוויצט. דער רופא זאָגט, ער וועט געזונד ווערען...

די מוהמע האָט מיך עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט. איך האָב איבערגע׳חזר׳ט די בשורה מיט מעהר פרישקייט, אָבער די מוהמע האָט בלויז געגעבען א טרוקענעם זיפץ, און דעם עפּעל, וואָס זי האָט געהאַט מיר צוגעזאָגט, האָט זי מיר אויך ניט געגעבען...

איצע׳ס שוויצען איז ניט געווען אויף איהר פּראָ־גראַם, און זי איז געווען אמת ענטטוישט... על פּי יושר האָט איצע געזאָלט שטאַרבען. זי האָט שוין געהאַט א גאַנצען אויסשטייער פון רחמנות אָנגעגרייט פאַר זיינע יתומים. איצט וועט זיך אָנהויבען א נייע הלכתא פון געהן זוכען אנדערע, וועמען דאָס אוועקצוגעבען...

---

מיר האָט אמאָל א קלוגער אַלטער מאַן דערצעהלט א מעשה. אפשר האָט ער עס אין א בוך געלייענט און אפשר האָט ער עס אליין אויסגעטראַכט.

גאָט האָט בעשאַפען אַלצדינג אין פּאָארען, ווי עס שטעהט אין חומש „זכר ונקבה ברא אותם“. דאָרט אָבער, וואו קיין פּאָאר קען ניט זיין, האָט ער בעשאַפען פאַר דער זאַך א געגענטהייל, א היפּוך. דער הימעל איז דער געגענטהייל פון דער ערד. דער גיהנום איז דער היפּוך פון גן־עדן און אזוי אַלע זאַכען, וואָס ער האָט געפורעמט.



Digitized by Google

ווען ער האָט בעשאַפען די ליעבע, האָט ער צו דער זעלבער צייט אויף דער וועלט געבראַכט ה א ס און איטליכער פון זיי האָט געקריגען זיין בעזונדערע מאַכט און ממשלה, און געוועלטיגט אין זיין קרייז.

האָט אָבער דער האַס מקנא געווען דעם מזל און דעם כבוד וואָס די ליעבע האָט אומעטום געהאַט, און ער האָט געוואָלט מיט איהר בייטען ראָליעס. דאָס האָט ניט מעהר געקענט געשעהן. איינמאָל שנאה איז שנאה. און דאַן וואָלט די ליעבע בשום אופן ניט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ בייט.

און דער האַס פלעגט קומען טאָג פאַר טאָג צו גאָט'ס טהראָן: —

— רבש"ע, פאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי געקריוור־דעט, און ליעבע איז אומעטום אָנגענומען און בעליעבט?...

און אַזוי לאַנג האָט ער געוויינט און געגראָבען אונ־טער'ן כסא כבוד ביז כביכול האָט זיך אין אַ בייזער שעה ארויסגערעדט: —

— ווען דו ועסט וועלען זיין בעליעבט און אָנגענו־מען, זאָלסטו זיך פאַרשטעלען אין דעם לבוש פון ליעבע... ווען זי וועט עס ניט מערקען, וועסטו איהר מאַנטעל טראָגען, און מען וועט מיינען דו ביזט ז י . . .

און מעהר האָט דער האַס ניט געדאַרפט...

יעדעסמאָל וואָס די ליעבע האָט ניט געקענט מער־קען, פלעגט ער זיך אין איהר מאַנטעל אָנטהאָן און געהן איבער דער וועלט, און גרויס כבוד האָט מען איהם

ארויסגעצייגט, און א ווארעמען קבלת־פנים האָט מען איהם אומעטום געגעבען... און געזעצט האָט מען איהם אויבען־אָן, און גערופען : —

„ר ח מ נ ו ת . . . "

און בלויז ווייניגע האָבען געוואוסט, אַז דאָס איז נ י ט די ליעבע...

.1912



Digitized by Google

# ג ע נ י

זאָגט מיין פריינד דער מענשען־קענער :

קאַרלייל בעהויפּטעט ערגעץ אַז געני הייסט, „די פעהיגקייט זיך צו געבען מיה אָהן אַ שיעור".

מיר נעהמט די דאָזיגע בעצייכנונג ניט זעהר צום הארצען. איך קען זיך קיין מאָל ניט דענקען, אַז דער גרויסער געני זאָל זיך האָבען „געמיהט" און „געאַרבייט" אין דעם געוועהנליכען זינן פון די ווערטער, אַזוי ווי איך קען זיך ניט דענקען אַז דער וואַסער־פאַל ניאַגאַראַ מאַכט אָנשטרענגונגען ווען ער שפּרינגט שוימענדיג און שפּריצענדיג אין זיין קאָכענדיגער קעסעל־גרוב...

דער געני איז ווי די נאַטור, ער שאַפט אָבער ער האָ־רעוועט ניט, ער טהוט זיין ווערק פריידיג, יאַויכצענדיג, און ער טראָגט בערג אויף זיינע שולטערען מיט דעם שמייכעל פון אַ שפּיעלענדען האַלב־גאָט...

און דער געני ענדיגט קיינמאָל ניט זיין ווערק. ער צייכענט אָן מיט דרייסטע פינגער די ליניען און די

שטריכען און שפּעטער וועלען קומען דורות פון מיטעל־מעסיגע האַרעפּאַסניקעס, פון טאַלאַנטען־נאָכפּאָלגער און נאָכאַהמער וואָס וועלען אויספילען דאָס בילד און אויס־אַרבייטען לאַנגזאַם און געדולדיג אַלע פּרטים...

ער איז דער גרויסער לויתן וואָס נעהמט ווי אַ רינג אַרום די גאַנצע וועלט, און די רויגען וואָס ער לאָזט אַרויס פון זיך, אויף גאָט'ס בעראָט, מוזען זאַרגפעלטיג אויסגעבריהט ווערען פון אַנדערע, קלענערע, שוואַכערע...

ער האָט נאָר צייט אויף געבערען — אויסבריהען איז ניט זיין זאַך...

פיעל מעהר צוגעטראָפען איז די בעהויפּטונג פון אי־מעצען, אַז געני הייסט „די פעהיגקייט צו גנב'ען אָהן אַ שיעור און קיינמאָל ניט געכאַפּט צו ווערען".

דער געני וואַקסט אויף גניבות, אַזוי ווי דער בוים וואַקסט בע'גנב'ענדיג די לופט און די ערד און די זונן און די וואָלקענס...

וועלכער וואָלקען וועט זיין חלק דערקענען אין דעם גרינעם בלאַט, אין דער ווייסער בליהונג אָדער אין דער גראָער קאָרע ?

דער וואָלקען אַליין איז גע'גנב'עט פון די טייכען און פון ים, און קיינער מאָהנט ביי איהם ניט.

אויף געטהע'ן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גרעסטער פּלאַגיאַטאָר וואָס די וועלט האָט געהאַט, און שעקספּיער האָט עקספּראָפּריאירט הונדערטער קליינע מחברים.



Digitized by Google

געוויסענהאפטע פּאַרשער האָבען זיך געפונען וואָס זיי האָט דאָס הארץ ניט געשטילט, ביז וואנען זיי האָ־ בען ניט אויסגעזוכט אַלע קוועלען פון וועלכע דער גאון פון דראמא האָט געשעפּט; און ערשט איצט, זעהענדיג די דאָזיגע קוועלען און וויסענדיג פון די גנבות, בעוואונ־ דערט איהר נאָך מעהר ווי פריהער, די גאונות זיינע...

גאָט אליין, ווען ער האָט אָנגעהויבען בעשאַפען די וועלט, האָט געמוזט ערד און הימעל מאַכען פון גאָר־ נישט — א יש־מאין, ווייל ער האָט ניט געהאט פון וואנען צו גנב'ען. ווען עס איז געקומען צום מענשען, האָט ער איינציגע זאמדען צוזאמענגעקליבען פון אַלע טהיילען פון דער ערד, און דערפון געשאַפען זיין גרעס־ טעס קונסט־ווערק... אין אנדערע ווערטער, ער האָט זיך אליין בע'גנב'עט.

דערפאר אָבער איהם, דעם געני, קען קיינער ניט בע'גנב'ען. זיינס דערקענט מען נאָך דער גרויס. זיין מלבוש איז צוגעשניטען פאַר א ריעז. אויף א קארליק פאַלט ער צוזאמען אין מיאוס'ע פאלדען וואָס זאָגען אויס דעם סוד...

גנבות פון אזא ריעז ווערען אויסגעפונען אויפ'ן פלעק, אזוי ווי א גע'גנב'טער פערד פון פאָלק — זאָגט שילער — וואָס ברינגט צו שלעפען דעם גנב וועלכער רייט אויף איהם, צוריק צו דעם מושטיר־פלאַץ, אזוי שנעל ווי ער הערט דעם טרומפּייט...

טאַלאַנטען קענען פערגליכען ווערען איינער מיט דעם אנדערען. זיי קומען אין קלאסען, אין גרופען, אין שוהלען.



Digitized by Google

יעדער געני איז א גרופע און א שוהלע פאר זיך. ער איז אן אונאפהענגיג זונענסיסטעם, וואס האט ארום זיך זיינע פלאנעטען און סאטעליטען... ער איז דער מאס־שטאב פון זיך אליין און קען בלויז פערגליכען ווערען מיט זיך אליין...

ער ווייס ניט פון קיין פערגאנגענהייט און האט ניט קיין טראדיציאן... מיט איהם פאנגט זיך אן די וועלט...

די גאנצע פארטיגע וועלט וואס ער געפינט, צוברעכט ער און צורייבט אויף שטויב, מאכט דערפון א תהו ובהו און דאן שאפט ער לויט זיין אייגענעם נוסח און לויט זיין אייגענעם קאפריז...

אלץ מוז פערוואנדעלט ווערען אין רייהען פליסיגען שטאף, כדי ער זאל עס קענען אין ז י י ן פורעם איי־בערגיסען, און ז י י ן אייגענע חתימה דערויף לעגען...

און אין דער געשטאלט אין וועלכער ער האט עס אויסגעגאסען, בלייבט עס דורות און דורות נאך איהם, און ווערט אלץ בולט'ער און פעסטער און פערגליווער־טער, ביז עס קומט א צווייטער זיין־גלייכען וואס קען מיט זיין וואולקאנישען הויך, די פערשטיינערטע פארמען ווידער אין לאווא צושמעלצען, און אנהויבען דעם פראַ־צעס פון שאפען, פון דאס ניי...

און שאפען שאפט ער בלויז פאר זיך, און פון זיין אייגענעם תענוג ווענען. ער האט ניט קיין יועצים און קיין עדות אין זיין ווארשטאט. ער פרעגט ניט קיין הסכמה און ווארט ניט אויף בייפאל...

זיין ווילען איז זיין ראטהגעבער און זיין געשמאק איז דער בייפאַל וועלכען ער דארף...

ער ווייס ניט פון קיין כללים און קיין געזעצען, אבער ער אליין ווערט דאס געזעץ און דער כלל...

איך האב גערעדט פריהער פון זיין ווילען — איז עס ז י י ן ווילען?...

ער איז דער ד ו ר כ ז י כ ט י ג ע ר ר ע ה ר דורך וועלכען איין שטראם פון דער אונענדליכקייט פלייצט אריין אין א צווייטען, און הינטער דער כוואליע וואס רופט זיך ז י י ן ווערק, שפירט איהר דעם דראנג פון די מעכטיגע וואסערען וואס האבען קיין ברעג און קיין דעק ניט...

יעדעס ווארט זיינס איז א מויער־קעפעל, צו וועלכען איהר דארפט בלויז צולעגען די אויערען, כדי צו הערען דאס רוישען פון דעם אקעאן...

און דער סימן־מובהק פון געני, ווי געזאגט, איז פרייד — די פרייד פון פרייער ניט־געפלאנטער געבורט...

די טראגעדי פון דעם געני און זיינע יסורים הויבען זיך אן, ווען ער נעהמט טראכטען וועגען די קינדער וואס ער האט געבארען, ווען ער הויבט אן זוכען תכליתים פאר זיי — ווען ער הויבט אן צו פרעדיגען...

פריהער איז ער מיט דעם פנים צו די שטערען גע־שטאנען, איצט פאלט זיין בליק אראפ צו... און דאס טאר ער קיינמאל ניט.

די אויגען מוזען זיך צו א י ה ם הויבען, אויב



Digitized by Google

ניט היינט איז שפּעטער. ע ר לעבט אויביג, און די וועלט וועט מיט טשערעפּאַכע־טריט איהם דאָך אַמאָל דערגרייכען...

און וואָס וועט ער מיט זיין אונגעדולד געווינען?

אין בעסטען פאַל וועט ער ווערען די מ ע נ ש־ה י י ט . . . פריהער איז ער געוועזן די ג אַ נ צ ע וו ע ל ט . . .

.1912



Digitized by Google

# פערשיעדענעס

Digitized by Google

# אונזערע שדים

עס איז שוין פון לאנג געזאָגט געוואָרען, אז אַלצדינג וואָס דער מענש בעשאַפט, בעשאַפט ער אין זיין אייגענער געשטאַלט, און שדים, רוחות, שפּוקען און גלגולים זיינען ניט קיין יוצא מן הכלל.

אַלע טראָגען דעם פּרצוף־פּנים און די קאַראַקטער־שטריכען פון דעם מענשען און איטליכער פון זיי איז גע־פורעמט אין דעם פורעם פון דעם פאָלק וואָס האָט איהם אויף דער וועלט געבראַכט.

ווען אַלע מענשען זאָלען פערשווינדען פון דעם ערד־קוגעל און עס זאָלען איבערבלייבען בלויז די דעמאָנאָ־לאָגיען אָדער גייסטער־ביכער פון די פערשיעדענע פעל־קער, וואָלט מען שטודירענדיג די שדים זיך געקענט לייכט מאַכען א בעגריעף פון די נאַציאָנען וואָס האָבען אמאָל געלעבט.

דער דייטשער „קאָבאָלד”, דער ענגלישער „בוגי־מען”, דער נאָרוועגישער „טראָל”, דער רוסישער „ביעשי” און אונזער אייגענער „ניט־גוטער”, זיינען אזוי פערשיע־



Digitized by Google

דען איינער פון דעם צווייטען, ווי דער דייטש און דער ענגלענדער און דער נאָרוועג און דער רוס און דער איד זיינען אנדערס איינער פון דעם אנדערען.

דער אונטערשייד פון א לאָרעליי וואָס קאָמט איהרע גאָלדענע האָאר ביי דעם ברעג פון דעם רהיין און צויבערט דעם נאאיוועז פארליעבטען פישער אין וואסער אריין, ביז דער שווארצער פאַנענקע וועלכע קריכט ארויס פון הינ־טער דער הרובע שבת פאר נאכט ווען די בעלי בתים זיינען אוועק צו מעריב — איז אזוי ווייט, ווי פון א בלאָנד־ער דייטשער שיקסע ביז א צאינה־וראינה־אידענע, וואָס מע האָט איהר צו דער חופה אָפגעגאָלט דעם קאָפּ. דאָס קע־ניגרייך פון גייסטער איז זעהר גרויס. עס איז א ממשלה פאר זיך און ווען איהר נעהמט זיך מיט דער דאָזיגער לופטיגער בעפעלקערונג נעהנטער בעקענען, ווערט איהר נשתומם פון דער אונגעהייער גרויסער צאָהל פון מינים אין וועלכע זיי זיינען איינגעטהיילט — אלע אָנגעפרופ־פערט אין דער רייכער פאַנטאַזיע פון דעם פאָלק.

איך צווייפעל אויב מיר אידען וואָלטען געוואונען דעם פריז אויף א שדים־קאָנקורס. די גויים האָבען אונז, אין דער צאָהל פון מינים שטארק אריבערגעיאָגט. מיר האָבען, דאנקען גאָט, געגוג און דארפען זיך בכלל מיט אונזערע שדים ניט שעהמען. אָבער מיר האָבען ניט אזוי פיעל ז אָ ר ט ע ן, ווי, לאָמיר זאָגען, די דייטשען. אויסער וואָס איהר וועט ביי זיי געפינען די מינים וואָס זיינען אונז אזוי גוט בעקאַנט, און וואָס האָבען אונז גע־שראָקען אין די פינסטערע ווינטער־נעכט, ווען דער בע־העלפער פלעגט אונז אָפפיהרען פון חדר — האָבען זיי

אזעלכע ניט־אידישע ארטיקלען ווי, וואסער־מיידלעך, ניק־סען, בארג־מענשלעך, וואלד־מענשלעך, פעען און נאך כהנה וכהנה.

אלס א פראָדוקט פון דעם פאָלקס פאנטאזיע שפּי־געלט אָפּ די שדים־וועלט אלע זיינע פערשיעדענע שטי־מונגען, פרעהליכע און אומעדיגע, אלע לוינעס און ליי־דענשאַפטען, צאָרן, ליעבע, אייפערזוכט, בעוואונדערונג, טרייהייט און אזוי ווייטער.

צווישען דעם מענשענ׳ס בעגעהר און זיינע כחות איז זעהר א גרויסער מרחק. טויזענדער זאכען וואס דער מענש וויל און חלש׳ט טהאָן, איז ער צוליעב זיין פיזישער בע־שרענקטקייט און אָהנמעכטיגקייט, ניט אים שטאנד צו פערווירקליכען. דערפאר איז ער זיך נוקם מיט זיין איינ־בילדונגס־קראפט. ער בעשאפט שדים און גייסטער וועלכע פערריכטען אלערליי אונמעגליכע ארבייטען און מאכען אזעלכע קונצען וועלכע ער אליין **וויל** נעבאך טהאָן, אָבער **קען ניט**. דאס הייסט, אויב ער אליין קען קיין וואונדער ניט בעווייזען, טהוט ער עס לכל הפחות דורך א שליח, דורך שדים און גייסטער.

מען קען די דאָזיגע בעהויפטונג נאך ווייטער ציהען און זאָגען, אז יענע זאכען וואס דער מענש אליין **טאָר** ניט טהאָן צוליעב א מאראלישען פערבאָט, אָבער צו וועל־כע עס ציהט איהם דער מאגנעט פון זינד — יענע זאכען לאָזט ער אָפּט טהאָן זיינע שדים און ניט־גוטע, און האָט אונבעוואוסטערהייד הנאה דערפון... דערביי איז זיין גע־וויסען ריין, דען נאך אלעמען טהוען עס דאך שדים, וועל־כע זיינען טמא און פערשאָלטען...

ווי פריהער געזאָגט, זיינען אַלע קלאַסען פון גייסטער און שפוקען וואָס געפינען זיך ביי אידען, דאָ ביי גוים אויך. ניט מעהר, ביי אונז האָבען זיי אַן עכט־אידיש אויסזעהן.

דערפאַר אָבער זיינען ביי אונז כמעט ווי ניטאָ קיין גוטע גייסטער, אויסער אפשר דער גולם וועלכען מע קען קוים אריינרעכענען אין דער פאַמיליע פון גייס־טער. ער ווערט בלויז פאַבריצירט אויף אַ געוויסע צייט, און איז תמיד אונטער דער קאָנטראָלע פון זיין פרינצי־פאַל. פערוועלט זיך זיין בעל הבית, פערוואַנדעלט ער איהם אין איין רגע צוריק אין אַ שטיק לעהם, און זיין גאַנצע גדולה איז געענדיגט... דעריבער איז ער דאָך טאַקי אַ גולם...

אָבער אַלע אונזערע אַנגעזעהענע שדים זיינען ביי אונז ניט־גוטע, זיי שאַדען דעם קערפּער און דעם גייסט. זיי לויערען נאָכאַנאַנד אַראָפּצופיהרען פון דרך הישר, מיט אַלערליי קונצען. זיי נעהמען אָן אַלערליי גע־שטאַלטען, פון חיות, און בהמות און זאַכען, און טהוען אָפּ אַלע מיני קאָמענדיאַנטסקע שפּיצלעך, אבי דעם מענ־שען'ס נשמה אריינצופאַנגען אין זייער נעץ און איהם אריבערציהען אין דער טומאה אריין...

מיר האָבען לחלוטין ניט קיין נאַטור־גייסטער. אַזוי ווי מיר האָבען וועניג וואָס געהאַט צו טהאָן מיט דעם וואַלד־ און פעלד־ און וואַסערלעבען האָבען מיר ממילא ניט קיין וואַלד־ און פעלד־ און וואַסער־גייסטער. איך מיין איבערהויפּט אַזעלכע וואָס טהוען קיין שלעכטס ניט, נאָר אים געגענטהייל, העלפען נאָך אוים ווען מע בעהאַנ־



Digitized by Google

דעלט זיי גוט, אזוי ווי למשל די געפעליגע בארג־מענש־
לעך און די ליעבליכע פעען.

אונזערע שדים זיינען לויטער שלעכט. קיין גוטער
האָר איז אויף זיי ניטאָ.

א סך פון די גוי'אישע שדים, ווי ס'איז בעוואוסט,
זיינען איינגענטליך ארונטערגעקומענע געטער,
ווען דאָס קריסטענטהום איז אָנגעגומען געוואָרען צווישען
די גערמאַנישע פעלקער, האָבען די גרים ניט געקענט דיר־
נישט, מיר־נישט, פטור ווערען פון זייערע אָפּגעטער, דאָס
הארץ האָט פשוט ניט געלאָזען. האָט מען זיי פערוואַנ־
דעלט אין גייסטער, געגעבען ווי מען זאָגט, אַן אָטסטאוו־
קע, מיט האַלבען געהאַלט...

מ י ר האָבען ניט אזעלכע פענסיאָנירטע געוועזענע
געטער... א שד איז תמיד געווען א שד, א שווארצע פער־
זעהענים, וואָס מע מוז דריי מאָל אויסשפייען, זיין נאָמען
דערמאָנענדיג...

דער אידישער גאָט האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף אלצ־
דינג וואָס איז גוט, און אויב ער ערלויבט אז שדים זאָלען
זיך ארומטרייבען, איז דאָס בלויז מיט דעם תנאי, אז
זיי זאָלען זיין שלעכט דורך און דורך, און ניט מאַכען
קיין פילאַנטראָפּישע אָנשטעלען...

.1912



Digitized by Google

# קרח'ס ביאָגראַפיע

א זעהר אינטערעסאַנטער אַלטער מאַנוסקריפּט איז ניט לאַנג געפונען געוואָרען. דער אייגענטהימער פון דעם דאָזיגען כתב־יד, א שומרוני, זאָגט אז ער האָט איהם געפונען אין א הייהל ניט ווייט פון דעם הר־גרזים.

דער דאָזיגער מאַנוסקריפּט גיט איבער די געשיכטע פון קרח'ן גאַנץ אַנדערש ווי זי ווערט דערצעהלט אין חומש. קענטיג א סך פאַקטען וועלכע ווערען בעשריבען אין דעם געפונענעם דאָקומענט זיינען אונטערדריקט געוואָרען פון א צענזאָר'ס האַנד.

אָט איז די ביאָגראַפיע פון קרח'ן ווי זי ווערט אין דעם כתב־יד געגעבען :

ווען די אידען זיינען נאָך געווען אין מצרים און האָבען געקנעכטען לעהם און געמאַכט ציגעל און גע־קרעכצט מעבודה קשה ומרוב עוני, פלעגט קרח צושטעלען די געצייג פון קנעטען און ציגעל־מאַכען צו דער רעגיע־רונג. ארבייטען אליין האָט ער ממילא ניט געדאַרפט



Digitized by Google

פרעה האָט איהם געהאַלטען פאַר דעם איינציגען אָרענט־ליבען „זשיד“.

ווען משה רבינו האָט אָנגעהויבען אַגיטירען פאַר כנען און פאַר בעפרייאונג האָט קרח געמאַכט חוזק פון איהם, און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „דער משוגע'־נער בעל־חלומות“.

— „לאָז זיי אַרבייטען“ — האָט ער געזאָגט — „צו עסען האָבען זיי און דאָס איז אַלץ וואָס זיי בעדאַרפען, און נעצייג קריגען זיי אומזיסט פון דער רעגיערונג. אָט האָב איך נאָר וואָס פערקויפט הונדערט טויזענד ו'אַב־אייזענס און מויער־געצייג, און אין מדבר וועלען זיי שטאַרבען פון הונגער“.

און משה פלעגט איהם ענטפערען: „מיר וועלען אַרויסגעהן פון מצרים און וועלען דיך אויך מיטנעהמען“.

און קרח פלעגט אַזש קייכען פון געלעכטער און ווען ער האָט געלאַכט, האָבען זיך זיינע קעשענעס גע־טרייסעלט און עס האָט זיך געהערט די קלינגעריי פון געלד.

אָבער איין פריה־מאָרגען האָט קרח געקריגען אַ בע־פעהל פון פרעה'ן ער זאָל ניט מעהר צושטעלען קיין רידלען און קיין מויער־געצייג דען די „זשידעס“ פער־לאָזען מצרים.

און קרח איז געוואָרען בלייך און זיינע הענד האָבען זיך געטרייסעלט ווי די שטעקלעך ביים ברעג פון טייך און זיינע צייהנער האָבען זיך געקלאַפּט פון שרעק און פון אַנגסטען.



Digitized by Google

אָבער דאָס האָט בלויז געדויערט א ווײַלע און דאַן איז ער אוועק צו משה'ן.

ארום משה'ס הויז האָט געשווירבעלט און געגריבעלט מיט מענשען, אַלע אויפגערעגט און ליאַרעמדיג. אָבער קרח'ס אויער האָט געכאַפּט אין דעם ליאַרעם אַז משה האָט געהייסען בּאַרגען גאָלד־ און זילבער־ווארג און אַלע טהייערע זאַכען וואָס יעדער וועט נאָר קענען...

און קרח האָט געשמייכעלט און איז אוועק צוריק אהיים און האָט אײַנגעקויפט אַלערליי קליינינגקייטען, ווי בענדלעך, קנעפּלעך, נאָדלען און דאָס גלייכען, און האָט זיי אײַנגעפּאַקט אין א גרויסען לעדערנעם זאַק.

אויף מאָרגען איז ער שוין געווען אויף דער רייזע מיט אַלעמען צוגלייך.

און קרח האָט געשמייכעלט נאָכאַנאַנד — מעהר אין זיך ווי אויפ'ן געזיכט.

ווען דער עולם איז שוין געווען א רעכטען מרחק פון מצרים, האָט קרח גענומען טהאָן מסחר. ער איז געווען דער אײנציגער ו.אָס האָט געהאַט געלד און ער האָט אויס־ליכען געפּרעגט וויפיעל ער וויל פאַר די גאָלד־ווארג אָדער זילבער־ווארג אָדער זײַדענע מאַנטלען וואָס ער האָט געבאָרגט ארויסגעהענדיג פון מצרים. ער האָט זיך ניט געדונגען, האָט אימעצער געבעטען צעהן גאָלדשטי־קער, האָט ער געגעבען צעהן, אויב צוואַנציג איז צוואַנ־ציג.

— איך האָב ליעב צו צאָהלען א גוטען מקח פאַר גוטע סחורה — האָט ער געזאָגט. און אזוי האָט ער אָפּ־



Digitized by Google

געקויפט אלע גאָלד־ און זילבער־וואַרג און טהייערע קליי־
דער וואָס איטליכער האָט געהאַט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט קרח געעפענט אין זיין
געצעלט אַ קראָם פון נאָדלען, בענדלעך, קנעפּלעך און
אַנדערע קלייניגקייטען.

אַ פרוי איז געקומען קויפען אַ שוך־בענדעל.

— פּיעל איז דער פּרייז ?— האָט זי געפרעגט.

— צעהן רענדלאַך — האָט קרח געענטפערט.

— איהר לאַכט, רב קרח.

— געהט קויפט אייך אַנדערסוואו.

און אַנדערסוואו האָט מען ניט געקענט קויפען און
דער סוף איז געווען אז ער האָט פאַר זיינע בענדלעך און
קנעפּלעך און שמאַכטעס צוריקגעקריגען אַלע געלד־שטי־
קער וואָס ער האָט פריהער אויסגעגעבען.

און קרח איז געוואָרען געוואַלטיג רייך.

אָבער ער האָט אויסגעפונען אז ערגעץ־וואו פער־
וואַלגערט זיך נאָך אַ גאָלדענער רינג, געבליבען פון אַ
זיידענ׳ס זיידען, אַן אַלטע מטבע פון קדמונים, אָדער אַ
קדושין־רינג, און דאָס האָרץ האָט איהם ניט געשטילט.

ווען דער מן איז אַרויסגעפאַלען איז קרח געווען דער
ערשטער אויפ׳ן פּלאַץ, און ווען ער האָט געזעהן ווי אַלע
נעהמען דעם מן פראַנק און פריי אָהן אַ פּרוטה געלד,
האָט איהם געשטאָכען אין זיבענטען ריפּ, ביז איהם איז
איינגעפאַלען אַ פּלאַן.

ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ מודעה : — מן צוגע־
שטעלט אין אייער איינענעם געצעלט אין סטעריליזירטע
פלאַשען, פאַר פינף פּרוטות. ספּעציעל צוגעגרייטער



Digitized by Google

מן, פאַר קליינע קינדער, זיעבען פּרוטות אַ פלאַש. אויב איהר האָט ניט קיין געלד נעהם איך ווערטה־זאַכען.

און קרח האָט געדונגען מענשען פאַנאַנדערצופיהרען גאָט'ס פרייע גאָב אין ספּעציעלע פלאַשען, און ברינגען צוריק אַ קדושין־רינג, אַ בראַסלעטעל, אַן אוירינג. אי־בערהויפּט האָט געווירקט זיין עפּענטליכע ווארנונג, מען זאָל ניט געבען די קליינע קינדער קיין רויהען מן.

און קרח איז געוואָרען רייכער פון טאָג צו טאָג. ביז איהם איז אַליין נמאס געוואָרען דער רייכטהום און איהם האָט זיך גענומען געלוסטען כבוד.

ער האָט מנדב געווען אַ גרויסע סומע פאַר אַ בית מושב זקנים.

ער האָט חתונה געמאַכט הונדערט יתומות.

ער האָט צוגעזאָגט צו עפענען אַ האָספּיטאַל.

און דאָס פאָלק האָט גענומען איהם פערגעטערען פאַר זיין גוטסקייט און פאַר זיין גרויסמוטה.

אָבער איהם האָט זיך נאָך מעהר כבוד געגלוסט.

ער האָט משה'ן אָנגעבאָטען צו בויען דעם גאַנצען משכן פאַר זיין געלד אבי ער זאָל זיך רופען מיט זיין נאָמען.

אָבער משה האָט געזאָגט : דעם משכן פון גאָט וועלען בויען אָרעמע עהרליכע מענשען און ס'איז צו שפּעט צו קויפען גאָט'ס גנאָד ווען...

דאָ האַקט זיך אָפּ דער מאַנוסקריפּט.

1911.



Digitized by Google

# כבוד פאר רעדוצירטע פרייזען

דער וואס האט בעצייכענט א מענשען אלס א „צוויי־פיסיגע חיה וואס עסט דריי מאל א טאג" האט פער־געסען צוצושטעלען „און וואס האט האלד כבוד"... און ווער קען וויסען אפשר האבען עס אבעזיאנעס אויך ליעב, און דארום זיינען א טהייל פון זיי געווארען מענשען, ווייל אין וואלד זיינען קיין כבודים ניטא, און א קליינע ריהרעוודיגע מוראשקע קען פון דעם הויכען בוים, אוואו זי איז פלייסיג ארויפגעקראכען, אפלאכען פון דעם אומ־געלומפערטען עלפאנט ?...

יעדענפאלס פאר דעם מענשען איז כבוד א נויטה־ווענדינקייט. און פאר די יעניגע וואס קענען איהם ניט פערדיענען, האט דער בעשעפער פון די וועלטען, גע־שאפען אן אנדער מיטעל ווי איהם צו קריגען : זיי קע־נען איהם ק ו י פ ע ן . . .

פאר פופציג גילדען האט דער פערד־גנב איינגע־האנדעלט דעם געהויבענסטען מפטיר, און אויב „ששי"



Digitized by Google

איז צו איהם ניט געקומען פון זיך אליין, האט ער איהם צו זיך געלארען מיט דער מטבע... און דער אריסטאקראַ־טישער ששי האט זיך קיינמאל ניט געלאזט בעטען...

א סברא אז ער האט דערויף געווארט...

דערפאר האט ער זיך געלאזט גוט בעצאהלען. שטיי־נען האט מען געמוזט און דער מקח איז געווען א וואוי־לער. דינגען זיך — מאן דבר שמיה...

„ווילסט א „מורנו" טא זיי־זשע ניט קיין דבר־אחר און עפען דעם בייטעל און גיעב פיעל מע הייסט... גנב'ען פערד איז, ברודערקע, א געשמאק־זאך, און אויב ברעכען שטאהלען פאליובעט דיר בעסער ווי זאגען „חצות", מענגסטו עס געזונטערהייד טהאן... אבער אן עליה, זעה־סטו, מוז מען משלם'ען, און אויב ניט, איז דא רב זרח דער געפאלענער גביר, א שלשלת היוחסין, א למדן און א זיירענער איד וואס איז בילכער..."

און די מאנאפאל־קראם פון כבוד האט געטהאן גאל־דענע מסחרים. מע האט געריסען א פאס, און מע האט זיך געלאזט רייסען...

אבער מאנאפאלען קענען לאנג ניט אנהאלטען, און בעזונדערס נאך אויף אזא גאנגבארען ארטיקעל וואס קיין ילוד אשה קען זיך אהן איהם ניט בעגעהן...

און די כבוד־פאבריקען האבען זיך געפרוכפערט און געמעהרט פון טאג צו טאג. אנדערע האבען זיך גערופען „שוהלען", אנדערע „לאזשען", „קלובס", „וואהלטהאט־אנשטאלטען", יוי נאכ'ן ארט און ווי נאך די מענשען.

און ס'האָט אַלץ ניט געסטאַיעט. מע האָט געכאַפּט פון די הענר. און כבוד איז געגאַנגען ווי מצה־וואַסער...

אָבער דער פּרייז — שטעהט פעסט ווי אייזען...

קיין מציאות זיינען ניטאָ... אַ הויז, אַ שוך, אַ קלייד, אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון אַ אידישען קלאַסיקער, אַ גלאָז סאָדאַ־וואַסער — אַלץ קענסטו קריגען פאַר „רעדוצירטע פּרייזען". כבוד אָבער — דערפאַר מוז מען געבען פיעל מע פערלאַנגט.

און מר. נאָדעלטאַש פון דער גרויסער פירמא „נאָדעלטאַש חאַיוטין עט קאָ." וואָס האָט געמאַכט זיין קאַפּיטאַל פון קויפען און פערקויפען ביליג — זיצט און דער שלאַק ריהרט איהם...

— כאָטש צוויי פּראָצענט אַרונטער ! —

— ניין, מר. נאָדעלטאַש — אויף כבוד איז ניטאָ קיין דיסקאָנט.

— וועל איך וואַרטען — זאָגט דער דורכגעטריבענער הויזען־מאַגנאַט.

מיינט איהר אַז ער האָט זיך ניט דערוואַרט ?...

און געקריגען האָט ער אמת'ע שפּאָטביליגע מציאות.

מעלדט אייך אַז די סחורה וואָס ער האָט דערטאַפּט איז געווען אַביסעל פערעם'דיג ערטערווייז, אָפּטמאָל צוגעשימעלט אין אַ ווינקעל — אָבער אַ מציאה איז דאָס געווען, פאַר אַ גנב. ממש פאַר העלפט געלד...

דען מר. נאָדעלטאַש האָט געקויפט כבוד ווי ער פלעגט קויפען זיינע רעשטלעך אין די אַלטע גוטע יאָה־



Digitized by Google

רען... און דעם קונץ ווי מע קען א שטיקעל צוגעלענענע סחורה מאכען אויסזעהן שפּאגעל־ניי, האט דער תחתונים־זשעני גוט געקענט. א קאשער ארונטער אבי־סעל, א פלעט, א גלעט, א פוץ, און אפילו דער טייוועל אליין קען דעם אונטערשייד ניט וויסען...

דעם כבוד פערגין איך איהם. ס'איז ברוך השם ווא מעהר ווי גענוג. אבער דעם ביליגען מקח ?...

רבש"ע, פאר וואס קומט איהם אזא מציאה ! . . .

.1912



Digitized by Google

# חשבון הנפש

(ימים־נוראים׳דיגע געדאנקען).

געוועז איז א צייט ווען דער אויסדרוק „חשבון הנפש" — א רעכענונג מיט דער נשמה און מיט זיך אליין — איז געווען אן אפט־געברויכטער אויסדרוק, אדער, לכל הפחות, א גוט־פערשטאנענער אויסדרוק. איצט קלינגט ער אלט, פרעמד, פארצייטיג, און האט פאר דעם געוואוינליכען מענשען זיין אמאליגען זין פערלארען.

ווער פיהרט א קאנטא מיט זיך אליין? ווער פער־ברינגט א האלבע שעה פאר׳ן שלאף, אויף זיין געלעגער, אין דער איינזאמקייט — ציהענדיג א באלאנס צווישען דעם „רעבעט" און דעם „קרעדיט" פון דער נשמה?

דאס ווארט „רעכענונג" קומט תמיד ביי אונז אין פערבינדונג מיט דעם ווארט געלד, און מיר ווייסען בלויז פון איין סארט בוכהאלטעריע — די בוכהאלטעריע פון געשעפט, פון פינאנציעלע פראפיטען אדער פון פראק־טישע נוצען. רוחים און היזקות צעהלען מיר אין דאלארס און אין סענטען און רייכטהום און ארעמקייט ווערען

געמאָסטען מיט באַנק־בילעטען און געוואוינען מיט מטבעות.

אונטער דעם צורעק פון פאַרטגעשריטענקייט האָבען מיר אונזערע תאוות גע׳כשר׳ט און א פלאַמבע פון אטהע־איזם און פרייען געדאַנקען האָבען מיר ארויפגעלעגט אויף אונזער פרינציפען־ און געוויסען־לאָזיגקייט.

מיר האָבען די אַלטע מזבחות צושטערט, כדי מיר זאָלען ניט דאַרפען קיין קרבנות ברינגען און מיר האָבען די פריסטער פעריאָגט כדי מיר זאָלען ניט דארפען קיין מעשר געבען...

מיר האָבען די טעמפּלען אָפּגעשאַפט, כדי מיר זאָלען ניט דאַרפען אהין עולה־רגל זיין... עס איז געווען פיעל בעקוועמער אין דער היים צו זיצען און זאָגען אז גאָט אָדער גאָטלאָזיגקייט איז אומעטום...

און יעדער היילינטהום־פערניכטער איז א העלד גע־וואָרען און טאַנצען אויסגעלאַסען אויף די חורבות פון א בית המקדש איז געוואָרען הערָאאיזם...

---

דאָס לעבען מוז האָבען בייטונגען. די נאַטור האָט איהר פריהלינג און איהר ווינטער, איהר זונענשיין און איהרע כמארנע טעג, כדי איהר לאַנגווייליגקייט צו פער־טרייבען. און דער מענש מוז זיינע שטימונגען האָבען...

און ווען דער גערויש און די פרייד פון דער וועלט ווערען אונז מאָנאָטאָן געהען מיר אויפ׳ן בית־עולם אַלטע קברים בעזוכען...

רעם זיסען קומער זובען מיר, דעם רעליגיעזען שוי־

דער, דעם שימער פון נר־תמיד, דאס געהיימניס פון טויט...

געהען מיר ניט אין א טהעאטער זעהן א טרויער־שפיעל?

און געהענדיג אויפ'ן בית־עולם צווישען די קברים, ווען יעדעם בלאט פון די בוימער איבער אונז רויישט „דער מענש איז גראז" — האלטען מיר אן אויג אויף דעם עסטהעטישען אויסזעהן, אויף דער שעהנהייט און דער קונסט פון די מצבות, און אויף די פארבינגע בלי־מעלעך וואס וואקסען צווישען די שורות...

רען שעהנקייט זוכען מיר אין אונזערע שטימונגען. מיר זיינען קאפאוועל צו וויינען — אבער פאעטיש מוזען אונזערע טהרערען זיין...

---

פון אונזערע אמאליגע געטער האבען מיר סטאטו־עטען געמאכט פאר אונזער קאבינעט און אונזער שרייב־צימער... אין גיפס און מארמאר און בראנז געפעלען זיי אונז, ווייל זיי פערלאנגען פון אונז גארנישט, און אלס ציערונגען האבען זיי זייער גלייכען ניט...

א זיעבען־רעהריגע אידישע מנורה שטעהט אויף א גריכישען געשטעל . . . אן אלטע פארמעט־מגלה ליעגט נעבען א יאפאנעזישען פאכער, און דער זוהר שטעהט אין חבר'שאפט מיט א זענד־אוועסטא און אן אלקאראן...

מיר בעוואונדערען זיי אלע, מיר ל ע ב ע ן זיי קיינעם ניט...

---

און דאָך... קומט צו אונז אימעצער וועלכער האָט ניט קיין געצקעס־סטאַטועטקעס ביי זיך אין צימער, נאָר אַ גאָט, אַ לעבעדיגען און אַ ווירקענדען אין הארצען — קומט צו אונז אַזעלכער מיט אַ ברענענדען ליכטיגען וואָרט, פיהלען מיר אַזוי ווי עפּעס אין אונז וואָלט אין שטויב צופאַלען, און מיר בויגען אונזער קניע, און וואַר־טען צו הערען וואָס ער וועט אונז לערנען...

און מיר האָבען זיך דאָך אַלס „מינדיג" בעטראַכ־טעט, מיר האָבען דאָך זיך אַליין פאַר דעם טריבונאַל געמאַכט, פאַר דעם געזעצגעבער און ריכטער פון אַלע אונזערע מעשים?...

מיר האָבען קענטיג אונזערע גוטע מלאכים אין גאַנ־צען ד אָ ך נ י ט געטויט... אין הינער־פּלעט בלויז האָבען מיר זיי אַריינגעוואָרפען, מיט זיבען קייטען האָ־בען מיר זייערע פליגלען געקייט און מיר האָבען זיי אַריינגעשליידערט אין געפענקנים, אין אונזערע „חדרי חדרים"...

און אונטער אונזער ווילדער באַקכאַנאַליע און אונ־טער אונזער פּערשייטען עגאָאיזם־טאַנץ, וואַרטען די דאָזיגע מלאכים אויף ערלייזונג...

קומט אַ ניי, גלויביג וואָרט, שאַלט עס ווי אַ טראָמ־פּייט אַרונטער אין יענער תפיסה, קלינגט עס ווי אַ צויבער־שפּרוך און אַ גוטער גייסט שפּרינגט אַרויס בע־פרייט...

אָבער ווי לאַנג האַלט עס אָן?...

און דאָס וואָס אַ מאָל האָט איטליכער געטהאָן פאַר זיך, דאָס טהוט איצט איינער פאַר אַ מיליאָן אָדער פאַר הונדערט מיליאָן...

אַ טאָלסטאָי טהוט תשובה אין אַ פּערוואָרפענעם רוסישען דאָרף, און אַ גאַנצע וועלט איז יוצא מיט זיין „אשמנו"... מ י ר האָבען קיין צייט ניט, מיר דאַרפען האָוועו און לויפען, מיר ווילען „וויין, ווייב און געזאַנג". אָבער פאַר וואָס ניט האָבען אַ שליח־צבור וואָס זאָל פיינינען זיין נשמה מיט אַלערליי חשבונות און פראַגעס און מוציא זיין פאַר איין גאַנג אונז אויך?...

צו נעילה, ווען אונזער שליח־צבור וועט זיך בעגיסען מיט טהרערען, וועלען מיר אויך קומען, און אפשר זיך שאָקלען אויפ'ן מחזור אַ ווײלע... דען מיר לעבען אין אַ צייט פון ארבייט־פערטהיילונג. ניט אַלע זיינען ספּע־ציאַליסטען אויף עניוות און אויף הייליגקייט...

איז איינער אַזאַ ספּעציאַליסט, מאַכט ער דעם חשבון הנפש פאַר אונז אויך...

און מיר?... מיר קויפען זיינע ביכער און געפינען אין זיי נענוג מאַטעריאַל דעם אומעט פון אַ ווינטער־אָבענד צו פערטרייבען, און אַז גאָט גיט, האַלטען מיר פאָרטראַגען איבער זייער „אינטערעסאַנטען" אינהאַלט...

---

אונזער געוויסען איז לויטער אויערען און דעריבער קענען מיר צו אַ חשבון הנפש ניט קומען...

אונזער געוויסען הערט זיך איין פון אַלע זייטען וואָס מע זאָגט וועגען אונז און וועגען וואָס מיר טהוען...



Digitized by Google

דער וועלט'ס הסכמה — אט דאס איז אונזער גע־
וויסען... און מיר האלטען זיך אן איינער אן דעם אנ־
דערען, דארום פאלען מיר ניט אום, הגם אויף אייגענע
פים וואלטען מיר א רגע ניט שטעהן געקענט...

דער הינקעריגער האלט זיך רייטענדיג אויף דעם
בלינדען'ס רוקען און דער רעדנער פערדעקט זיין רומא־
טיזם אויף דעם געזונדען קארק פון א שטומען אידיאט...

זונדערט זיי פאנאנדער און „עס וועט פאלען דער
העלפער און עס וועט געשטרויכעלט ווערען דער גע־
האלפענער"...

און חשבון הנפש מיינט זיך פרעגען : וויפיעל בע־
טרעף א י ך א ל י י ן ?

.1912

# „לייבאָר־דעי"*)

טויזענדער און צעהנדליגער טויזענד יאָהרען האָט די מענשהייט יום־טובים געמאַכט און פעסט־טעג געפייערט לכבוד איהרע העלדען און פיהרערס, איהרע גרויסע טהוער און דענקער און דיכטער. זי האָט איהרע בעגליקער און אָפט איהרע פערשקלאַפער מיט בלומען בעשאָטען, מיט שבחים בעזונגען און מיט מאָנומענטען פעראייבינט.

ווער האָט אָן דעם פערשווינגענעם מענשען־לייטער געטראַכט אויף וועלכען דער העלד איז ביז צו די שטערען ארויף?

קעניג רעמסס' נאָמען רופט זיך אויף דעם שטיינערנעם פיראַמיד וואָס פערציג טויזענד פּאָאר הענד האָבען צונויפגעמויערט...

אלכסנדר מוקדון'ס רוהם לייכט ווי אָן אויביגער שטערען, און ווער דענקט אָן די אונצעהליגע לעגיאָנען וואָס

*) „דער יום־טוב פון אַרבייט", וואָס ווערט געפייערט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אין מאָנאַט סעפּטעמבער.

האָבען מיט זייערע וואָפען פאַר איהם אַ וועלט בעצוואונ־
גען, און די פעלדער פון אינדיען מיט זייערע ביינער
פערווייסט, אום איהם אונשטערבליך צו מאַכען ?...

שלמה זאָפט איין די טהוי־טראָפּענס פון קלוגהייט,
פון אַ גאַנצען מאָרגען־לאַנד, און ווערט אַן אָקעאַן פון
חכמה.

האָמער פערשלינגט דורות פון האַרפּען־שפּיעלער און
ליעדער־זינגער און נעהמט אָפּ דעם שכר פאַר זיי אַלע־
מען...

און די פּראָדוקטען פון טויזענד מוחות, העלפען מאַר־
קאָני'ן ווערען אונשטערבליך מיט זיין דראָטהלאָזען טע־
לעגראַף...

קערענדעל צו קערענדעל ווערען געזאַמעלט די אוצרות
פון דער מענשהייט. ציגעל אויף ציגעל ווערט געלעגט
און דער וואָס דערענדיגט דעם בנין קריגט די הורראַ־
געשרייען פון דעם בעוואונדערענדען פאָלק...

די וועלט מוז אַ נ אָ מ ע ן האָבען. דעם נאָמען
פון דעם לעצטען ו ו י י ס זי. און א י ה ם וואַרפט
זי איהר בלומענקראַנץ.

און די אַ נ אָ נ י מ ע אַרבייט, די גרויסע טעגלי־
כע אונאויפהערליכע אַרבייט וואָס לאָזט ניט איהר חתימה
אויף וואָס זי טהוט, די אַרבייט וואָס שאַפט ווי דער
פויגעל זינגט און ווי דער גראָז וואַקסט און ווי דער
ווינד בלאָזט — די אַרבייט האָט קיינער ניט דערמאָהנט...

און די אַרבייט האָט געוואַרט, פערשעהמט און גע־



Digitized by Google

קריוודעט, טויזענדער יאהרען אויף אנערקענונג, אויף א ווארט פון דאנק...

איהר טאג האט געמוזט קומען, און ער איז געקומען... די שטילע, די שפראכלאזע, די טויטע, און די שטר־מע לעבעדיגע, האבען א קול געפונען און פון טיעפע מעכ־טיגע תהום'ען האט זיך געריהרט דער לויתן און האט זיין רעכט פערלאנגט און האט זיין רעכט ערווארבען...

זיין יום טוב האט ער געוואלט...

און דאס פעסט פון ארבייט איז בעשאפען געווארען...

אט געהען זיי די לוסטיגע קרעפטיגע מחנות, און צווישען די הילכיגע טענער פון די מוזיק־אינסטרומענטען, הער איך דאכט מיר ווי די מלאכים פון הימעל פאטשען „בראווא” און גראטולירען...

און הינטער די פראצעסיאנען פון שניידער און שוס־טערס און מויערערס און מאלערס, און שמידען און שטיין־האקערס, געהען מיליאנען און מיליאנען פון שאטענס — אונזיכטבארע מעכטיגע ארעמס און פלייסיגע הענד און בראווע הערצער, מארשירען ארויס פון דעם אפגרונד פון עבר, און פרעהען זיך און האלטען מיט דעם גרויסען שפעטען יום־טוב...

אט געהען זיי, אין רייהען און רייהען, נאקעטע, הונ־געריגע, געקייטע, געבייטשטע — די קאנאלען־גרעבער, די פיראמידען־בויער, די שלאכט־געווינערס, די שפריכ־ווארט־מאכערס די פייפעל־שניצערס — א ל א נ ג ע נ א מ ע נ ל א ז ע מחנה...

איך הער, מיר דאכט, דעם קלינג־קלאנג פון די מי־

ליאַנען אונזיכטבאַרע שמיד־אײזענס װאָס האָבען אַמאָל טאַפּפּער און מוטהיג געקלאַפּט, און מיר רױשען אין די אויערען מיליאָנען קאָסעס װאָס האָבען אַמאָל העלדיש געשניטען תבואה פאַר עמיצען...

אַט געהען זײ, די טרײ־הערציגע בעשיעדענע לע־גיאָנען װאָס האָבען געזײעט און געפּלאַנצט, און געבױט און געמויערט... שותפים זײנען זײ אַלע, װער קען זײ־ערע חלקים פאַנאַנדערטהײלען ?...

צוזאַמען, אין א י י ן ח ב ר ו ת א קומען זײ קריגען זײער לאָרבער־קראַנץ... דען זײ אַלע האָבען בלויז א י י ן נאָמען, און דער נאָמען איז — אַרבײט...

.1912



Digitized by Google

# דאַנקגעבונג

(געדאַנקען וועגען „טהענקס־גיווינג דעי“*)

שעהן איז דער דאַנק וואָס קוועלט ארויס פון טיעפער האַרציגער אַנערקענונג, און דאַנקבאַרקייט איז דער מאַסשטאַב מיט וועלכען מע קען מעסטען די נאָבעלקייט פון אַ יחיד אַזוי ווי פון אַ פאָלק. פון דעם ערשטען בעגינען פון דער מענשליכער געשיכטע, איז אונדאַנקבאַרקייט געשטעמפּעלט אַלס אַ נידעריגע פערעכטליכע מדה, אַלס אַ פערברעכען און אַ זינד. און אין זעלבינען גראַד איז דאַנקבאַר זיין פאַר אַ טובה בעטראַכט געוואָרען אַלס אַן ערעל געפיהל.

דאַנקבאַרקייט פלעכט אַ פערבאַנד פון פריינדשאַפט צווישען איין מענשען און דעם צווייטען, און קניפּט דעם ילוד־אשה מיט אינטימער ליעבע צו זיין גאָט, און בינדט

*) „דער טאָג פון דאַנקגעבונג“ — אַ יום טוב, וואָס ווערט געפייערט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אין מאָנאַט נאָוועמבער.



Digitized by Google

איהם מיט צערטליכע פעדעם צו דער גרויסער פרייגיביגער נאטור.

דער מענש פון פארצייטען האט יערען טאג געהאט א געלעגענהייט אויסצואיבען דאס דאזיגע געפיהל, און זיין הארץ האט אלע וויילע געקלאפט מיט נייער אנער־קענונג. ער איז געוועזן דאנקבאר דער רייכער שווארצער ערד פאר די גאלדענע זאנגען וואס זי האט איהם געשאנ־קען, ער האט דעם וויינשטאק געבענשט פאר די זאפטיגע פורפור־קארעלען וואס ער האט איהם געבראכט. ער איז געוועזן א מכיר־טובה די וואלקען פאר זייער שפריי־רעגען און די זונן פאר איהרע רייפענדע שטראהלען, און דעם טהוי און דעם ווינד האט ער מיט ליעבשאפט תפלות געמורמעלט.

טהוי און ווינד און זונן און וואלקען האבען זיינע דאנקען ניט גענדארפט, אבער די דאנק־טהרערען וואס האבען אין דעם בויער'ס אויג געגלאנצט, האבען זיין נשמה בעפייכטינט מיט א קוויקענדער זאפט, און האבען זיין ברוסט געווארעמט און זיין גייסט פערשעהנערט. און דאס אליין איז שוין געוועזען לויהן גענוג.

מ י ר גלויבען אין געזעץ...

מיר קענען ניט שילטען און קענען ניט בענשען, מ'ר קענען ניט האסען און קענען ניט ליעבען... און מיר האבען די געהויבענע איינענשאפט פון דאנקען בּיסלעכווייז פערלארען...

קוים איז געבליבען די דאנקבארקייט פון מענשען צו מענשען. און אפשר ווערט זי אויך שוואכער און זעלטע־נער פון טאג צו טאג...



Digitized by Google

דער מענש וואָס האָט עס געהאַלטען פאַר אַ זיסען פריידיגען חוב, צו דאַנקען ווען זיינע פעלדער זיינען געראָטען און זיינע סטאַדעס האָבען זיך געפרוכפּערט און זיין רייכטהום איז געוואַקסען, האָט צוגלייך געהאַט די טרייסט־ברינגענדע פּריווילעגיע צו קענען אויסגיסען זיין ביטער הארץ ווען ער איז געווען הונגעריג און קראַנק, און ווען ער האָט זיך אין יסורים געקייקעלט אויף זיין געלעגער. ווען ער האָט געפיהלט אין זיין הארצען, אַז ער איז ריין פון זינד, און „אין זיינע הענד איז קיין רויב און קיין אונרעכט ניט געווען", האָט ער אין אַ שאַרפען פּראָטעסט זיין שמערץ אויסגעלופטערט, און אין אַ ביטערען וכוח איז ער אַרויסגעטרעטען... און האָט ער זיינע שמערצען מקבל באהבה געווען האָט ער געשפּירט אַז ער לאָזט זיינס איבערגעהן און האָט זיך געפיהלט געהויבען...

אויף אַ הויפען אש ליעגענדיג, געפּייניגט פון זיינע וואונדען, דערשלאָגען און פערצווייפעלט האָט דער אונגליקליכער איוב געהאַט די גענוגטהואונג פון אַ פּערזענליכער דעבאַטע מיט זיין בעדריקער... ווי גאָל זיינען זיינע אָנגרייפענדע ווערטער געפלאָסען, און אַ טהייל פון זיינע ליידען איז מיט דער גאָל אַרויסגערונען און ס'האָט זיין נשמה אַן ערלייכטערונג געבראַכט...

ער האָט געגלויבט אין דער מאַכט פון זיין גערעכטיגקייט און אין דער ווירקונג פון זיין וועה־געשריי...

און אַ שטים פון דעם שטורעם האָט איהם געענטפערט און ער איז ווידער אויפגעריכט געוואָרען און ער האָט געבראַכט דאַנק־אָפּפער פון דאָס ניי...



Digitized by Google

דער וואָס דאַנקט קען פלוכען, און פלוכען איז אָפט אַזוי נויטהיג און אַזוי געזונד פאַר׳ן גייסט ווי ליעבען...

מיר פלוכען ניט... מיר האָבען ניט וואו אונזערע קללות צו אַדרעסירען... און דער גיפט פון אונצופריע־דענהייט פלאַצט קיינמאָל ניט אַרויס אין אַ געשוויר פון גאַט־לעסטערונג... ער בלייבט אינעווייניג און צוגיסט זיך אין ציניזם, אין קאַלטער גלייכגילטיגקייט...

אַמאָל איז יעדער זאַנג, וואָס איז אין פעלד געוואַק־סען, געוואַקסען פאַר א ו נ ז , יעדע בלום האָט גע־דופטעט כדי אונז אַ נחת־רוח צו פערשאַפען, יעדער פויגעל האָט געזונגען כדי אונזער האַרץ צו דערפרעהען, דאָס מינדסטע פליגעלע איז פון אונזערטוועגען אויף דער וועלט געקומען, און די גרויסע שטערען האָבען זיך געדרעהט אין די ענדלאָזע רוימען כדי צו ווייזען אונזער מ ז ל...

און דערפאַר איז דער מענש זיי דאַנקבאַר געוועזען, און דורך זיין דאַנקבאַרקייט איז ער מיט זיי אין אַ נאָהנטער מחותן־שאַפט געוועזן...

איצטער קימערען זיי זיך קיינער ניט וועגען אונז. פון די שטערען איז שוין אָפגערעדט... אפילו דער קליינער באַציל מאַכט דיזעלביגע פרעטענזיעס אויף זעלבסטשטענ־דיגקייט ווי דער „בחיר היצורים”...

און מיר האָבען אויפגעהערט דאַנקבאַר צו זיין...

.1912

# זמן חרותנו

(פסח־געדאַנקען).

„זמן חרותנו" — די צייט פון אונזער בעפרייאונג...

אַמאָל פלעגט עס מיך אַזוי אָנפילען מיט שטאָלץ: דאָס אידישע פאָלק איז געווען פון די סאַמע ערשטע וואָס האָבען אַרונטערגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דעם־פאָ טישער זעלבסט־הערשאַפט און אַרויס אויף גאָט'ס בערייט שמידען זייער אייגענעם שיקזאַל...

הונדערטער יאָהרען ווערט אַ פאָלק פערקנעכטעט, גע־שטיקט און דערנידעריגט אין ענגשאַפט און אָרימקייט און פעראַכטונג, און מוז זיין גאַנצע ענערגי פערווענדען אום די נשמה אין גוף צו דערהאַלטען... הונדערטער יאָהרען איז עס אויסגעשלאָסען פון ליכט און פון דער פרייער פעלד־און־גאָרטען לופט, און דאָך, טוליעט עס צום האַר־צען די עראינערונג פון אַ ווייטער פרגאַנגענהייט, און האַלט אויף אַ נר תמיד פון האָפנונג, פון זיכערקייט אויף אַ גאולה און פון ווידער־אויפלעבונג...

וואָס פאַר אַ וואונדער־פאָלק...

אזוי פלעג איך אמאל טראכטען...

איצט האב איך ספקות און מעהר ווי ספקות וועגען דער זאך... איצט ווייס איך כמעט אז דאס אידישע פאלק איז געווען משה רבינו, און די ששים רבוא האבען זיך נאך איהם מיט געוואלט נאכגעשלעפט, ווייל ער איז געווען שטארק גענוג מיט זיינע ריעזענ־ ארעמס זיי נאכצוציהען...

איבער זייערע קליינע גושן־טומלערייען, איבער זיי־ ערע פלייש־טאפ פערלאנגען, און איבער זייערע שקלאַ־ פען־צאנקערייען, האט געהילכט און געשאלט און גע־ וועקט און בעפויהלען דער קול פון דעם גיגאנט־פראַ־ פעט: —

„נאך כנען וועלען מיר געהן, און א פריי קרעפטיג פאלק וועלען מיר ווערען!..."

די אמת'ע קעמפפער פאר פרייהייט זיינען געווען די העלדען פון דעם שבט אפרים, וועלכע האבען זיך אויף א נאט־אנטפלעקונג ניט געקענט דערווארטען, און לאנג איי־ דער דער „קץ" איז געקומען, זיינען זיי ארויס זיך פריי־ הייט מיט געוואלט צו נעהמען, פאר זי מיט אייגענע הענד מלחמה צו האלטען... און זייער נאמען ווערט קוים דערמאנט, קוים האט זיך אויף זיי א מדרש־לע־ גענדע דערבארעמט און זיי „הזכרת נשמות" געמאכט צום — שלעכטען...

שפעטער זיינען געקומען דורות, וועלכע האבען יערע לוסט צו פיהרען מלחמות פערלארען... שפייז האבען זיי געוואלט, רוה האבען זיי בעגעהרט, און זיפצען און קרעכ־



Digitized by Google

צען האָבען זיי געקענט. אָבער קעמפּפען ?... דער חוט־השדרה האָט זיך שוין צופיעל איינגעבויגען, און דער מח און די השנות זיינען געווען פון לעהם־מישער...

און משה איז געקומען...

האָט ער פון די בני־אפרים געוואוסט ? אפשר איז ער דער גלגול פון זיי אלעמען געוועזען ?...

„עשרה מכות" האָט ער קענען פּרעה'ן געברויכען געמוזט, אָבער ווער ווייס וועלכע נאָך שטאַרקערע מיטלען ער האָט געמוזט געברויכען קענען די שקלאַפען — אום ז י י צו בעצווינגען ?...

וואָרום גושן איז זיי ליעב געווען און שטאַרק איינ־געבאַקען אין הארצען — דעריבער קען קיין שום צווייפעל ניט זיין...

און אלע זיינען אַרויס פון מצרים...

אויף אלעמענ'ס ליפּען איז געווען דאָס שעהנע וואָרט „פרייהייט". אָבער אינעווייניג האָט יעדער געמאַכט דערפון זיין אייגענעם פּירוש...

„לאָז אונז אַרויס פון דיין לאַנד, כדי מיר זאָלען קע־נען אונזער אייגענעם גאָט דיענען" — דאָס איז געווען די פרייהייט פון דעם גרויסען פיהרער. „אונזער איי־גענעם מזבח ווילען מיר האָבען, און קניען צו דעם וואָס איז אונז הייליג, דען די געטער פון מצרים זיינען ניט פאַר אונז".

און די ששים רבוא האָבען אויסגעטייטשט : „דאָס לאַנד כנען איז פרוכטבאַר, און גרויסע ווייגטרויבען וואַק־סען דאָרט און פייגען און מילגרוימען, און האָניג און



Digitized by Google

מילך פליסען דארט, און אונזער רוקען וועט מען מעהר ניט בייטשען".

און אזעלכע זיינען געוועזען אויך געוועזען וואס האבען גע־קלערט אז „פרייהייט" הייסט, אנצולייהען ביי די מצריים גאלד און זילבער און טהייערע קליידער, און מאכען דער־מיט פליטה קיין כנען...

דען מעהר ווי די פארבען וואס דער רעגענבויגען האט, און מעהר ווי די שאטירונגען וואס דער מערב־וואלקען האט בין השמשות — זיינען די אויסטייטשונגען פון דעם ווארט „פרייהייט"...

און משה האט ליכטיג אריינגעקוקט אין אלעמען'ס הערצער. און אויף זיין שטראהלענדען פנים האט זיך גע־קרייזעלט א סורות־פולער שמייכעל... און גערופען האט ער זיי „פאלק", „פריסטער פון גאט", „אויסדערוועהל־טע"... און געוואוסט האט ער דאך, אז קיינער פון די דאזיגע קנעכטישע ציגעל־מאכערס, וועט פון דעם מדבר א לעבעדיגער ניט ארויס...

אבער איבער זיי און ווייטער פון זיי, האט ער שוין געזעהן די יעניגע וואס וועלען זיך מיט אזעלכע טא־טעם שעהמען... און רעדענדיג צו די איצטיגע האט זיין בליק געקוקט אויף די צוקינפטיגע, אויף די נאך־ניט גע־בארענע...

דען ביי איהם זיינען זיי שוין געוועזען געבארען...

ער, אין הארצען, האט געטראגען דאס גרויסע פאלק וואס וועט אמאל זיין...

ער אליין איז געוועזען די צוקונפט...

אריבערוועלבענדיג ווי א גרויסער בוינען, יאהר־הונדערטען און יאהר־טויזענדטען, האט ער אויף די ששים רבוא נעקוקט מיט דעם מיטלייד און מיט דער ליעבשאפט פון א גאט, וואס האט וועלטען צו פורעמען און מוז דאך ניט פערגעסען, פון א קליינער מילב זארג צו נעהמען...

א צופוילטער קערן — די דאזיגע ששים רבוא, אבער פאר דעם נביא'ס אויג, האט שוין פון דעם קערן ארויסגעשפראצט דאס מעכטיגער ריזען־געוועקס, וואס וויל אזש ביז די שטערן דערגרייכען...

1912.

# „עס לעבע דאס לעבען!"

(ניי־יאָהר געדאַנקען).

ס'האָט אין מיטען דער נאַכט,
פון די הונדערטער טורעמס געקלונגען:
לינג־אַ־לאַנג! לינג־אַ־לאַנג!
אין איהר שלונד, האָט די שלאַנג
פון דער צייט, נאָך אַ יאָהר איינגעשלונגען...

דאָך אַ יאויכצענדע פרייד
איז געוועזען אויף אַלעמענ'ס צונגען,
און פאַרלאַנג נאָך פאַרלאַנג,
איז פון יעדענ'ס געדאַנק
ביז אַרויף צו די ליפען געדרונגען...

אָ, ווי באַנג איז דער קלאַנג,
פון דער גלאָק'ס לינג־אַ־לאַנג,
און ווי שטאַרק איז דער דראַנג
פון דעם לוסטיגען לעבען דעם יונגען...



Digitized by Google

„עס לעבען דאָס לעבען"...

אין מיין צימער האָט זיך פון ערגעץ ווייט אריינ־געטראָגען א טיעפער באנגער גלאָקען־קלאנג...

דורך דער ווייסער פראָסטיגער נאכט האָט געציטערט א זיפץ...

דאָס אלטע יאָהר איז שטילערהייד פערזונקען און פון דעם גרויסען געהיימען תהום  פון די צייטען האָט ארויסגעטויכט א נייעס...

איך האָב אין דער איינזאמקייט זיך אויסגעמאָלט ווי די שטערען שטעלען אויס גרויסע העלע אויגען און האָר־כען צו דעם ערנסטען באנגען גלאָקען־קלאנג...

דאן האָט עס אָנגעהויבען פייפען און הוזשען און ליארעמען און הילכען פון טויזענדער פאבריקען און לאָ־קאָמאָטיוען און שיפען, און דער וועה־קלאנג איז פער־טרונקען געוואָרען אין דעם לוסטיגען טומעל און פילדער פון ווילדער פרייד, פון זיכערער האָפענונג... עס איז געווען א וואקכאנאליע פון קולות, און צווישען זיי האָב איך געהערט ווי מיליאָנען געפילטע בעכערס קלינגען איי־נער אָן א צווייטען, און כ'האָב געזעהן ווי געזיכטער פלאמען און אויגען פינקלען און ליפען גליהען, און דער שטילער באנגער זיפץ פון די טהורעם־צונגען איז געווען פערגעסען...

„עס לעבע דאָס לעבען"...

אמאָל האָט מען געלערענט : לעב שעהן כדי דו זאָלסט קענען שעהן שטארבען...

„געדענק דעם טויט" האָט מען גע׳חזר׳ט פון פריה ביז שפעט.

און מענשען האָבען געלעבט לויט די געזעצען פון טויט...

דער מאַסשטאַב פון „זיין" איז געווען דאָס „ניט זיין", דער רעגולאַטאָר פון פרייד איז געווען דער שמערץ.

דעם „יאָ" האָט מען איינגעאָרדענט לויט די כללים פון „ניין", און ליכט געאורטהיילט פון דעם שטאַנד־פונקט פון שאָטען...

מען האָט מקדים געווען דעם טויט איידער ער איז נאָך געקומען, מע האָט זיך אויף חבוט הקבר ניט געקענט דערוואַרטען און מע האָט איהם אויף דער וועלט איינ־געפיהרט...

דאָס איז געווען די פרוכט פון דעם בענעהר און דער ערנסטער אנשטרענגונג, צו מאַכען שלום צווישען טויט און לעבען, און אזוי ווי דעם טויט האָט מען ניט געקענט בייקומען האָט מען גע׳פועל׳ט ביי׳ם לעבען זיינס צו לאָזען איבערגעהן...

אָבער קיין פשרה צווישען טויט און לעבען איז ניטאָ און קען ניט און דאַרף ניט זיין...

די ריכטשנור און דער וועג־ווייזער פון דעם לעבען איז — דאָס לעבען...

„עס לעבע דאָס לעבען"...

„די יאָהרען פערשווינדען"...

דאָס איז דער וואָלקען וואָס איז געהאַנגען פון תמיד



Digitized by Google

אַז אויף דעם מענשען׳ס מח... אַ מלאך המות חלף מיט אַ טראָפּען גיפט אויף דער שפּיץ, גרייט אַרונטערצוטריפען...

און צו היילען „גלייכעס מיט גלייכען" איז אַ בעטריבטע טרויעריגע רעליגיאָן ערפונדען געוואָרען.

אָבער פון ציים צו צייט ברעכט ארויס די לעהרע, אַז די העכסטע גאָטעסדיענסט איז „פרייד"...

דען פרייד דאָס איז דער אויסדרוק און דער אויסגוס פון דעם גאַנצען לעבען פון אַלע וועלטען, פון אַלע זונען און אַלע שטערען וואָס זיינען געוועזן און וואָס וועלען נאָך ערשט זיין...

וואָס מעהר דאָס קליינע נפש׳ל זינקט אין זיך, אַלץ מעהר מרה־שחורה׳דיג ווערט עס. „וואָס וועט פון מיר ווערען?" — בויערט זיין קליין ווערים׳ש קעפעל...

אָבער דאָס גרויסע לעבען, דאָס לעבען וואָס שטאַרבט ניט, שאַלט און יאויכצעט ארויס דאָ און דאָרט, און דאַן ווערט דער מענש אַ גאָט, ער איז די וועלט, ער איז אַ מיליאָן זונענסיסטעמען... ער איז ווינד און גראָז און שטערען, און ער איז די אונענדליכקייט אליין, און ער ווייס ניט פון קיין עצבות...

„עס לעבע דאָס לעבען"...

מיר זיינען געזעסען אמאָל, אַ געזעלשאַפט פון יונגע לייט, און האָבען געפייערט דאָס קומען פון דעם נייעם יאָהר... אין אונזערע הערצער זיינען די נאָך־ניט־צופלאַצטע קנאָספען פון צעהנדליגער פריהלינגס געוועזן און



Digitized by Google

בלומענגערטנער „בזעיר אנפין" האבען די מחות געפילט...

און אלטער מאן איז צווישען אונז געווען, א קלוגער איד א יאהר אכציג, ער האט אונז צוגעקוקט מיט רחמנות...

שפעטער האט ער זיך אויפגעהויבען צו געהן אפ־ריכטען חצות...

„מע דארף אנגרייטען צדה לדרך" — האט ער אונז פאר'ן אוועקגעהן געזאגט...

מיר האבען אונזער פלוידער אויף א ווייל׳ע אונ־טערבראכען און זיך פערטראכט... אט וואס מיר האבען געטראכט : —

פון דעם גרויסען תהו ובהו האט ארויסגעשפריצט א פונק... א מאמענט וועט ער פלאקערען און דאן ווארט שוין אויף איהם צוריק די טיעפע אונדורכדרינגליכע גרענעצלאזע פינסטערניס...

און דער פונק האלט ביי דעם לעצטען גלימצער, דער גבול איז געקומען און די מוטער־כאאס עפענט שוין דאס מויל און ס'וועט זיין אויס פונק, אויס ליכט...

און דער פונק פערטושט זיין העלקייט, שעמט זיך מיט איהר, האט חרטה אויף איהר, און מאכט הכנות פאר די פינסטערניס...

דעם לעצטען גלימצער פערגינט ער זיך ניט...

צו וואס האט דער תהום איהם ארויסשפריצען גע־זאלט ? —

„עס לעבע דאס לעבען"...

די וועלט איז פרייד...

צו דערזעלביגער צייט וואָס מיליאָנען מענשען הויבען אויף געפּילטע כוסות צו די ליפּען און זינגען א בעגריסונג צו דעם נייעם יאָהר, זאָגען טויזענדער מענשען זייער וידוי...

צו דערזעלביגער צייט וואָס גאָפּעל און לעפעל קלינגען אויף באַנקעטען און הוליאַנקעס, קלאַפּט ערגעץ־וואו דעם קברן'ס רידעל צו, און אַקאָרשט פערמאַכטען קבר... צו דערזעלביגער צייט וואָס סאַלאָמע וואַרפט אַראָפּ פון זיך איהר לעצטען שלייער און דרעהט אין אויסגעלאַסענעם טאַנץ איהרע שלאַנגען־ווייכע גליעדער, ליגט א צווייטע סאַלאָמע מיט שערבלעך אויף די אויגען, און אפשר מיט לאַפּצעס צוגעדעקט... אָבער צו דערזעלביגער צייט וואָס א טויזענד שטערען וועלען אין רוים צופּולווערט ווערען, וועלען ערגעץ־וואו זיך קרייזען אין שטילער רוהיגער פּראַכט גאַנצע מילכשטראַסען פון געזונדע הימלישע קערפּערס...

איז ניט גענוג פאַר אונז צו זיין אויף איין ראַנג מיט די שטערען ?...

די וועלט איז אַן אוקינוס מיט פרייד, מיט ליכט... עפען דיין נשמה אויף א קליין שפּעלטעלע, און דער גאַנצער שטראָם וועט דורכגעהן דורך דיר...

און זיינען מיר קליינזיכטיג גענוג, צו בעטען זאַשלינע, און פאָדערען א מכס פאַר א נ ז א ל י י ן,

פון דעם דאָזיגען דורכלויפענדען שטראָם — וועלען מיר איהם בלויז פערטרייבען...

אַ דאַנק איהם וואָס ער מאַכט זיין וועג דורך אונז...

און ווער איז דער דאָזיגער שטראָם ?... אויב דו ווילסט ביסט דו עס אליין...

„עס לעבע דאָס לעבען״...

.1911



Digitized by Google

# שפּליטער

Digitized by Google

Digitized by Google

# שפליטער

אונזער מיינונג איבער זאכען און פערזאָנען, ווערט הויפּטזעכליך רעגולירט פון דעם וואָס מיר ע ר וו א ר־ ט ע ן פון זיי. איבערטריבענע ערוואַרטונג איז די מאַמע פון די מעהרסטע פאָראורטהיילען.

* * *

יעדער מענש ווען ער ווערט געבאָרען, ברינגט אויף דער וועלט צוגעבונדען צו זיין נאַפּעל, די מעסט־שנור מיט וועלכער מע דאַרף איהם מעסטען, און אַזוי אויך יעדעס קונסט־ווערק.

* * *

זיי נאָהענט גענוג צו מענשען זיי צו ק ע נ ע ן, זיי ווייט גענוג פון זיי, זיי צו ל י ע ב ע ן.

* * *



Digitized by Google

אמאַליגע דענקער און שריפטשטעלער פלעגען דענקען און שאפען ביחידות. די היינטיגע האָבען שוין ביי די ערשטע חבלי לידה, זייער פובליקום פאַר די אויגען.

* * *

דער גרעסטער טהייל פון דעם פאַרגעניגען וואָס מיר פיהלען, ווען מיר האָבען אויפגעטהאָן עפּעס גוטעס איז — וואָס מ י ר האָבען עס אויפגעטהאָן.

* * *

פיעל מענשען לעבען, אזוי ווי געוויסע לעזער לייענען ראָמאַנען. זייער אונגעדולד טרייבט זיי תמיד צו מישען די בלעטער פאָראויס און וואָס גיכער אויסצוגעפינען דעם סוף.

* * *

די אָריגינאַליטעט וואָס בעשטעהט בלויז אין זיין דוקא דער ה י פ ך פון א געוויסען פ אַ ר - מ אָ ד ע ל, איז אייגענטליך אויך נאָר א פערדרעהטע פאָרם פון נ אָ כ אַ ה מ ו נ ג.

* * *

נאַרען און פוסטע קעפּ זיינען שולדיג א מאָנומענט דעם ערשטען וואָס האָט געזאָגט, אז שווייגען איז א סימן פון חכמה. אפשר איז ער אליין געווען איינער פון זיי. יעדענ־



Digitized by Google

פאלש האט ער פאר זיי אויסגעקלערט א ביליגען מאנטעל צו פערדעקען זייער טפשות און זייער ליידיגקייט.

* * *

א פאס וואס איז אין גאנצען פול אדער אין גאנצען ליידיג, לאזט פון זיך קיין קול ניט הערען.

* * *

א קלוגער רב האט אמאל געזאגט : איך האב שוין געהערט פון מילדע מענשען וואס האבען געענטפערט אויף א בעליידיגונג מיט א פאטש. אבער זינד די וועלט שטעהט האט נאך ניט פאסירט, אז אפילו דער גרעסטער האסער פון חניפות זאל אנפאטשען דעם וואס חנפ'עט איהם.

* * *

ווען מען ריהמט אימעצען אז ער איז זעלטען שעהן, אדער זעלטען שטארק, אדער זעלטען קלוג, דאן איז דער אקצענט תמיד אויפ'ן „זעלטען". דען עס איז מעהר מעלה צו זיין זעלטען, ווי צו זיין שעהן אדער שטארק אדער קלוג. ווען אויף דער וועלט וואלט בלויז געווען איין קוה, דאן וואלט מען פון איהר געהאלטען מעהר ווי פון סארא בערנהארד.

* * *

בעריהמעריי איז אזוי איינגעבארען אין דעם מענ־שען׳ס נאטור, אז יעדער איינער וועט שוין געפינען מיט וואס זיך צו בעריהמען. איך בין זיכער אז דער פערקריפעלטסטער, ארעמסטער, נארישסטער מענש אויף דער וועלט, ווען ער זאל ניט קענען אויסגריבלען קיין שום אנדער מעלה מיט וועלכער זיך צו בעריהמען, וועט שטאלצירען מיט דעם וואס ער איז דער גרעסטער קריפעל וועלכען די וועלט פערמאגט.

* * *

אז געזעצגעבעריי און רייכטהום האבען א נאהנטע שייכות איינס צום צווייטען, האט שוין דער תלמוד אויך חושד געוועזן. דארט שטעהט אז משה איז דורך געווארען פון וואס עס האט זיך אבגעברעקעלט פון די לוחות.

* * *

אפילו שטארבען פאר אן אידעאל איז אויך א גליק־זאך. און אז מען איז א שלים־מזל שטארבט מען ווי אליעזר דער זוהן פון מתתיהו המכבי, וועלכער איז גע־שטארבען פאר זיין פאטערלאנד דורך דעם וואס א עלע־פאנט איז אויף איהם ארויפגעפאלען.

* * *

אין דער אידישער גראמאטיק זיינען דא דריי גראדען: דער גרעסטער, דער סאמע גרעסטער, דער גרעסטער פון די גרעסטע. ווייניגער ווי גרעסטער ווערט ניט

געברויכט. אַט כדומה, וון מען זאָגט אויף איינעם, אַז ער איז דער גרעסטער שריפטשטעלער, הייסט עס אַז ער איז צו דערליידען, זאָגט מען „דער סאַמע גרעסטער" מיינט מען אַז ער איז „נישקשה". זאָגט מען „דער גרעסטער פון די גרעסטע" הייסט עס אַז ער שרייבט „גאָר ניט שלעכט". זאָגען אויף אימעצען בלויז „גרויסער", איז אַ בעליידיגונג.

* * *

עס זיינען דאָ מענשען וואָס טראָגען זייער גאַנצען גייסטיגען פערמעגען „נאָהענט צו דער הויט". דרינגט מען אריין אין זיי טיעפער, געפינט מען זיי ליידיג. אַזעל־כע מען דאַרף אויך ניט אָוועקמאַכען מיט דער האַנד. גאָלד־מינעס זיינען פאַראַן וואָס זייער גאַנצעס גאָלד ליגט פון אויבען בלויז, און אין די אונטערסטע שיכטען זיינען זיי ו ו ע ר ט ה ל אָ ז ע ערד אָדער שטיין. און דאָך קען מען פון זייער אויבערפלעך נתעשר ווערען.

* * *

אָריגינאַליטעט הייסט ניט זיין א נ ד ע ר ס פון א נ ד ע ר ע, נאָר ט ר י י זיין צו זיך א ל י י ן.

* * *

חוצפה איז מוטה וואָס איז אַרויס לתרבות רעה.

* * *

דער וואָס פערשווייגט דעם אמת איז אָפט נידערי־

נער פון א ליגנער. דער לעצטער האט כאטש דעם מוטה צו זאגען א ליגען. דער ערשטער דאס אויך ניט.

* * *

פיעל גרעסער איז די צאהל פון די וועלכע זיינען פערליעבט אין ליעבע, ווי די צאהל פון די וואס זיינען פערליעבט. און מעהר מענשען גלויבען אין גלויבען ווי די וואס גלויבען.

* * *

איך וואלט שוין געפועל'ט ביי זיך צו פערגינען דעם שקר זיין ניט־פערדיענטען ערפאלג. אבער איך קען איהם בשום אופן ניט מוחל זיין וואס טראגענדיג די מאסקע פון דעם אמת האט ער דעם לעצטערען'ס רעפוטאציע אוועק גע'הרג'ט.

* * *

די מענשהייט אלס א גאנצעס האט איהרע שטימונגען. יעדער גרויסער געני איז די פערקערפערונג פון איינער פון די דאזיגע שטימונגען.

* * *

איך קלער, אז עס זיינען דא אזעלכע ניט־געוואוינליכע נאטורען, וואס ווילען פערמאגען אלץ בלויז עס צו קענען דערנאך מיט פרייוויליגער פערראכטונג פון זיך אוועקשטויסען. זיי ווילען עררייכען כדי צו האבען דעם שטאלצען תענוג פון ארונטערקוקען מיט



Digitized by Google

ביטול אויף דאָס ערדרייכטע. ווער קען אָבער, זעהענדיג בלויז דעם אויסערליכען עהרגייץ און שטרעבען, פון די דאָזיגע מענשען, פערשטעהן זייער אינעווייניגסטען, בע־האַלטענסטען מאָטיוו? אפשר איז ער פאַר זיי אַליין ניט קלאָר.

* * *

יעדעס שטרעבען און יעדע אנשטרענגונג איז ער־פאַלגרייך. אויב מיר געווינען ניט ד אָ ס וואָס מיר האָבען געוועלט געווינען, געווינען מיר אביסעל מעהר אכטונג צו זיך אליין, אביסעל מעהר צופרידענהייט מיט זיך אַליין. און נאָך אַלעמען איז דאָס דער ג ר ע ס ט ע ר ע ר פ אָ ל ג.

* * *

ווען מע פאָהרט אין דער פינסטער איז אָפט די בעסטע זאַך, זיך צו לאָזען פיהרען פון די פערד.

* * *

ביידע זיינען די אויבערשטע — אַי שמאָנט, אַי שימעל.

* * *

מע קען זיך אַזוי ווייניג פערלאָזען אויף דעם אידע־אַליזם פון יונגע לייט ווי אויף דער פרומקייט פון אַלטע. אין דעם ערשטען פאַל, בלייבט מען ניט אייביג אין טעות. די וואַקסענדע יאָהרען זיינען דער אמת'ער פּרובירשטיין.

שלעכט איז אָבער וואָס די אַלטע ווערען קיינמאָל ניט מעהר יונג, און זייער גלויבען קומט קיינמאָל ניט צו א פּראָבע.

* * *

דער וואָס זוכט א גאָט גלויבט אין איהם שוין אייּדער ער האָט איהם געפונען. ג אָ ט־ז ו כ ע נ י ם איז ג אָ ט ־ ג ל ו י ב ע ן. די היינטיגע אַזוי־גערופענע גאָט־זוכענים איז אָפט ניט מעהר ווי ג ל ו י ב ע ן ־ ז ו־כ ע נ י ם.

* * *

דער פונק פון גוטסקייט איז פאַראַן ביי איטליכען. איינער ט ה ו ט און א י ז גוט. א צווייטער ט ר אַ כ ט גוט. דער פערדאַרבענסטער אפילו איז גוט ע ל י ד י ש ל י ח, מיט דעם וואָס ער בעוואונדערט דאָס גוטע אין אנדערע.

* * *

די וועלט איז דעריבער ארויסגעקומען אַזוי שעהן, ווייל ווען גאָט האָט זי בעשאַפען האָט ער קיין יועצים ניט געהאַט, און זיך מיט קיינעם ניט מישב געווען. ווען עס איז געקומען צום מענשען האָט ער יא פּרובירט זיך בעראַטהען און געזאָגט צו די מלאכים „לאָמיר מאַכען א מענשען", און שוין באַלד האָט ער חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצען עסק.

* * *



Digitized by Google

פון יעדער זאך לערנען מיר עפעס אפ, הגם ניט אלע מאל דאס וואס מיר ווילען אדער מיינען דערפון אפצולערנען.

* * *

צווישען וועלען זיין ווי אנדערע, און וועלען זיין דוקא אנדערס פון אנדערע, קומען מיר קיינמאל ניט צו זיין אונזער אייגענער „איך".

* * *

אכטונג און פערעהרונג זיינען די אינטערעסען אויף א ניט אפגעצאהלטען חוב צו דעם פערעהרטען. דער וואס וויל קריגען דעם דאזיגען פראצענט, טאר קיינמאל ניט זוכען איינצומאהנען דעם קרן.

* * *

עס שטעקט אזוי וועניג עניוות אין ריידען פון אייגענע פעהלערען, ווען אנדערע מוזען פריהער־שפעטער זיי אליין בעמערקען, ווי עס שטעקט וועניג העלדישקייט אין דעם זעלבסטמארד פון איינעם וואס איז פעראורטהיילט צו דער תליה.

* * *

דער וואס איז בכיוון שפארעווריג אין זיין לויבען, כדי זיין ביסעל לויב זאל געווינען מעהר אכטונג, איז ניט בעסער פון דעם וואס לויבט צופיעל כדי זיך צו־צו־חנפ'ען.

* * *



Digitized by Google

דער מענש זוכט מיט אלערליי זעלבסט־נארערייען און פאראדאקסען צו בעגילדען זיינע ליידען. אזוי איז געשאפען געווארען דער אויסדרוק: א ק ר ו י ן פון ד ע ר נ ע ר, וועלכע איז דאך אייגענטליך א ווידער־שפרוך פון ווערטער.

* * *

מיר בעוואונדערען מעהר פאר אלצדינג ק ר א פ ט. אפילו פערעהרונג פון דעם צדיק איז אויך נאר די פער־עהרונג פון גבורה. זיטליכקייט און ריינקייט, הגם זיי זיינען עס נ י ט אלע מאל אין ד ע ר וו י ר ק ל י כ־ק י י ט, זיינען אלע מאל ביי אונז אין ג ע ד א נ ק ע ן, די סינאנימען פון שטארקייט.

* * *

די אידעאלען פון אכצעהן־צוואנציג יאהר זיינען ניט מעהר דויערהאפט ווי די ערשטע קינדער־צייהנער. די דא־זיגע צייהנער מוזען צוערשט אלע ארויספאלען און אויף זייער פלאץ קומען די ע כ ט ע וואס דארפען דיענען אויף תמיד. — אבער אפילו אויף די לפי־שעה'דיגע צייהנער דארף א גוטע מוטער אכט געבען, אויב זי וויל אז זיי זאלען האבען גוטע, געזונדע און שעהנע נאכפאלגער.

* * *

די ענטטוישונג וועלכע קומט אין די עלטערע יאה־רען איז ניט אזוי די ענטטוישונג בנוגע די וועלט און דאס לעבען בכלל, ווי בנוגע זיך אליין. מיר זיינען פאר

זיך אַליין אין די אינגערע יאָהרען ווי אַ „ספר החתום",
אָדער ריכטיגער ווי אַ ניט געעפענטע מינע פון אוצרות
און קרעפטען אָהן אַ שיעור. שפּעטער קומט די ענטדע־
קונג פון אונזער איינענער אַרעמקייט און אונפעהיגקייט...

* * *

פיעל מענשען פון וועלכע מען זאָגט אַז זיי האָבען
אַ געפיהל פאַר שעהנהייט האָבען בלויז אַ געפיהל פאַר
אָרדענונג. און זיי ליעבען שעהנהייט בלויז אויף אַזוי ווייט
ווי זי איז אָ ר ד ע נ ו נ ג. די שעהנהייט פון כאַאָס
קענען זיי אויף קיין פאַל ניט בעגרייפען. אַז שעהנהייט
מיינט ניט תמיד אָ ר ד ע נ ו נ ג, קען מען שוין
זעהן פון דעם פאַקט אַליין, וואָס עס איז דאָ אַזאַ זאַך
ווי א י י ן שעהנער פונקט, א י י ן שעהנער טאָן,
און דער ערשטער בעדינג פון אָ ר ד ע נ ו נ ג איז דאָך
אַ צ ו ז אַ מ ע נ ש ט ע ל ו נ ג פון צ ו ו י י אָדער
מעהרערע זאַכען.

* * *

זאָג מיר ווער דיינע פ י י נ ד זיינען און איך
וועל דיר זאָגען ווער ד ו ביסט.

* * *

דער וואָס זאָגט שטענדיג דעם א מ ת, איהם וויל
מען ניט הערען אפילו ווען ער זאָגט ל י ג ע ן.

* * *



Digitized by Google

ווען גאָט זאָל זיך בעוויזען יעדעס מאָל ווען מע ניט איהם אָפּ שבחים, וואָלט מען איהם אויפגעהערט געבען שבחים.

* * *

דער וואָס זאָגט אַז דער אמת ב ע צ אָ ה ל ט זיך אָם בעסטען, איז אַ גוטער ג ע ש ע פ ט ס מ אַ ן. אָבער ניט קיין ליעבהאָבער פון אמת.

* * *

יעדער מענש האָט זיינע שטונדען פון מרה־שחורה און אָפּהענגיגקייט. צום גליק פאַלען די דאָזיגע שטונדען ביי איטליכען אין אַן אַנדער צייט. ווען ניט, וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט.

* * *

דער דיכטער איז שטענדיג אַ רעוואָלוציאָנער — קעגען דער געגענוואַרט, אַמאָל אין דער פאָרמע פון האָפנונג און שטרעבען צו אַ נייער צוקונפט, און אַמאָל אין דער פאָרמע פון בייגקענים נאָך דער פערגאַנגענהייט.

* * *

ווערטער זיינען קיינמאָל ניט גענויע איבערזעצונגען פון געדאַנקען. זיי זיינען בלויז סטענאָגראַפישע פערצייכענונגען. צו קענען פערשטעהן די געדרוקטע אָדער די געשריבענע מחשבות פון אַ גאון, מוז מען קענען ז י י ן סטענאָגראַפיע.

* * *



Digitized by Google

דער געוועהנליכער מענש ווען ער דענקט וועגען פרייהייט, האט אין זינען זיין א י י נ ע נ ע פרייהייט, און ווען ער דענקט אן גערעכטינקייט — די גערעכטיג־קייט פון אנדערע.

* * *

צושפליטערען גרויסע גערדאנקען, כדי זיי אריינצו־שטופען אין קליינע מוח'לעך איז אפט פערלארענע אר־בייט. גרויסע גערדאנקען אין זייער פאפולאריזירטער און פערוואסערטער געשטאלט זיינען אפט אזוי ווייניג ענליך צו זייער ארינינאל, ווי א שטיק ווארשט צו דעם אקס פון וועמענס פלייש עס איז געמאכט.

* * *

דער טרוימער איז זעלטען־ווען א שטרעבער און טהו־ער. צו וואס שטרעבען און טהאן, ווען ביי איהם אין דמיון איז שוין אלצדינג אויסגעפיהרט און פארטיג?



Digitized by Google

Digitized by Google

# ביכער פון פערלאג „יהואש"

| | |
|---|---|
| נייע שריפטען פון יהואש, 2 בענדער, לייווענט־באנד | 2.00 |
| ישעיה, איבערזעצט אין לייכטען אידיש פון יהואש, לייווענט באנד | 1.00 |
| איוב, שיר השירים, רות, קהלת, איבערזעצט אין לייכטען אידיש פון יהואש, לייווענט באנד | 1.00 |
| פאבעלען, פון יהואש, לייווענט באנד, גאלד־שניט | 1.00 |
| הייאוואטהא, פון לאנגפעללא, איבערזעצט פון יהואש, לייווענט באנד | 1.00 |
| אידיש ווערטערבוך, פון דר. ח. ד. ספיוואק און יהואש האלב לעדער באנד | 2.50 |
| די לעהרען פון די פאטערס (פרקי אבות), איבערזעצט פון יהואש, אלבום־אויסגאבע אין צוויי פארבען, פראכט־באנד | .35 |
| אין זונן און נעבעל, דיכטונגען אין פערז און פראזא, פון יהואש, לייווענט באנד | 1.00 |
| פון דער וועלט און יענער, בילדער, הומארעסקען, מעשה'לעך און געראנקען, פון יהואש, לייווענט באנד | 1.00 |

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער און ביי :

**Yehoash Publication Society**

**85 Canal St.** **New York.**


Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

THE BORROWER WILL BE CHARGED THE COST OF OVERDUE NOTIFICATION IF THIS BOOK IS NOT RETURNED TO THE LIBRARY ON OR BEFORE THE LAST DATE STAMPED BELOW.

BOOK DUE-WID

NOV 17 1979

658496

CANCELLED

NOV 19 1979

Digitized by Google

WIDENER
HN RT2L X

Digitized by Google